STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01368

DOS LEBEN

A. Rose

Permanent preservation of this book was made possible
by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


A. Rose

דאס לעבען

די טראגישע און קאָמישע זייטען פון איהם

געשילדערט אין סקיצען און בילדער

פון אברהם ראָוז

(ראָזעצקין)

ע ר ש ט ע ר ב אַ נ ד

פרייז $1.50

ניו יאָרק, 1921

אינהאלט.

טראַגישעס.

זייט

1. זיי האָט זיך ניט געלאכט — 7
2. אלעס געזעצליך — 11
3. אַ מאָדערנער קאמף פאר א זיווג — 17
4. א צו שטרענגער בליק — 22
5. ניט אויסגעהאלטען אידישקייט — 27
6. ער טוט נעבעך זיינע פליכטען — 32
7. דער „שווינדלער" — 35
8. די צויבער אויגען — 40
9. זי לאָזט ניט שלאָפען — 45
10. ענטוישונג אין מלחמה — 49
11. א מוטערס הארץ — 53
12. פרויען־הארץ — א רעטעניש — 57
13. א בילד מיט צופיל פארב — 62
14. וואו דער ריכטיגער גלות איז — 66
15. א „חסיד'ישער חסרון" איז אמאָל א מעלה — 70
16. אוי, דער יחוס! — 80
17. דער לעצטער בריף — 85
18. גוט אָפגעשניטען — 91
19. א פארקריטעלטער מזל — 97
20. צו שפעט — 102
21. די בלינדקייט פונ'ם לעבען — 108
22. פון טויט לעבעדיג — 113
23. דעם רבי'נס שנור — 116
24. פאַרצווייפעלט — 124
25. מענשען אָהן נשמות — 130
26. א וועגעטאריער'ס „רויטער בילעט" — 133
27. „ניט גוטע" — 136
28. דעם ארבייטער'ס „ערשטער טאנץ" — 141
29. דבורה'קע טעמע־לאה'ס — 147

30. א בריוועלע דער מאמען — — — — — — — — — — 151
31. פלוצלונגע צושטערונג — — — — — — — — — — — — 154
32. אויף צו להכעיס א איד — — — — — — — — — — 159
33. אַ בילד פון בילדער — — — — — — — — — — — — 165
34. „סאמאגאנקע" — — — — — — — — — — — — — 170
35. צוויי שולדיגע נשמות — — — — — — — — — — — 177

קאָמישעס.

36. אוים שותפות! — — — — — — — — — — — — — — 183
37. אַ באַבסקע סגולה — — — — — — — — — — — — — 186
38. אַ דורכפאַל נאָך אַ דורכפאַל — — — — — — — — — 189
39. אוי, דער באָרשטש! אוי, די שנאָרערס! — — — — — — 195
40. פארלאָרען דעם אַפּעטיט — — — — — — — — — — 200
41. זיי בלייבען ביים קרן — — — — — — — — — — 206
42. לא תחמוד — מ'טאָר ניט וועלען — — — — — — — 211
43. אויסגעקריינקט די מצוה — — — — — — — — — 215
44. ארײנגעשמוגעלט אַ בריליאַנט — — — — — — — — — 219

BROOKLYN HEBREW HOME AND HOSPITAL FOR AGED
BROOKLYN,
N. Y.

טראַגישעס.

זיי האָט זיך ניט געלאַכט

ווי נאָר די דאָקטוירים האָבען ערקלערט פאַר א שכן, אז חיים דער פּרעסער קאָן נאָך לעבען און מוטשען זיך לאַנג, אָבער קיין ארבייטער וועט ער שוין קיינמאָל ניט קאָנען זיין, האָט דער שכן, וויסענדיג די גרויסע אָרימקייט פון דער פאַמיליע, געלאָזט וויסען וועגען דעם צו עטליכע גבאַיטעס, וועלכע לעגען אוועק זייער לעבען צוליב די אָרימע לייט.

די גבאי'טעס האָבען אָנגעהויבען אריינצוקומען איינציגווייז, צו פּעל'ן ביי חיימען, ער זאָל נעמען שטיצע.

אָנפאַנגס איז דער פּרעסער געשפּרונגען פון די אַגלאָבליעס.

„איך וויל ניט זיין קיין שנאָרער!” האָט ער געגוואַלדעוועט. נאָר שפּעטער, ניט קאָנענדיג צוזעהן, ווי די קינדערלאַך רייסען זיין שוואַכע פּרוי די זייטען פאַר אַ שטיקעל ברויט, איז ער מרוצה געוואָרען, מיט דעם באַשלוס: „אָפּצוגעבען כפל־כפלים אויף צדקה, ווי נאָר גאָט וועט איהם העלפען”. חיים האָט נאָך געהאַט זיין בטחון ניט פאַרלאָרען.

די גבאי'טעס זיינען אריינגעקומען מיט „לידים” פון „סאָ־סייטים” און חיים איז באַזאָרגט געוואָרען מיט עטליכע דאָלאַר.

אויסער דעם האָבען די גבאי'טעס אריינגעבראַכט עטליכע רייכע בעל־הבית'טעס, וועלכע האָבען אריינגעטראָגען אין הויז פון אַלעם בעסטע צום עסען.

די הויז איז געוואָרען פול מיט שכנים — אַ טומעל ווי אין אַ קליינשטעטעלדיגער קרעטשמע אין אַ יאריד־טאָג.

חיים האָט אויף זיך דעם טויט געבעטען. זיין בלוט האָט געגליוועט אין זיינע אָדערען: די שאַנדע איז איהם געווען איבער זיינע כחות...

נאָר גאָט האָט זיך איבער איהם „מרחם געווען״: די נעקסטע וואָך האָט שוין קיינער צו איהם ניט אריינגעשמעקט.

די צרות האָבען זיך באַנייט מיט מעהר פרישקייט: די קינדער האָבען געוויינט נאָך די „גוטע טאַנטעס״ און דער מאַמעס פאַרטוך צופליקט אויף ברעקלאַך, בעטענדיג עסען.

א גוטע שכנה האָט דאָס אונטערגעהערט און איז געלאָפען מיט גרויס אימפעט צו די גבאי׳טעס. נאָר וואונדערליך — אלע „צדקניות׳ן״ האָבען איהר געענטפערט אויפ׳ן זעלבען נוסח, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך צוזאַמענגערעדט:

„די פאַמיליע האָט שוין צופיל! זיי זיינען פאַרדאַמטע שנאָרערס! זיי ווילען אויסזויגען די בלוט פון אייערע פּיאַטעס, אויב איהר וועט זיך נאָר לאָזען! זייט ניט קיין גרינע!...״

די שכנה האָט וועגען דעם איינגערוימט א סוד צו איהרע גוטע פריינד, און באַלד האָט דער גאַנצער קוואַרטאַל שוין געקוקט אויף די אומגליקליכע מיט׳ן גרעסטען האַס. יעדער קרעכץ, זיפץ אָדער טרעהר האָט מען פאַררעכענט פאַר פאַלשקייט, פאַר שווינדעל...

חיים האָט זיין ביטער הארץ אויסגעגאָסען פאַר אַן אָרעמאַן און האָט אויסגעפונען, אז אלע אָרימעלייט האָבען דעמזעלבען גורל, אויב נאָר זיי פאַלען אריין צו אזא סאָרט „גבאי׳טעס״ אין די הענט. די „גבאיטעס״ רייסען טאַקע פון טויטע און לעבעדיגע אויף זיין נאָמען, פון זיינטוועגען; אפילו פון „סאָסייטיס״ נעמען זיי געלד פאַר איהם, נאָר זיי לאָזען דאָס איבער פאַר זיך, און שפּעטער, מורא האָבענדיג אז דאָס זאָל זיך ניט דערגעהן, זאָגען זיי, אז „ער״ האָט שוין צופיל, ווייל ער איז געוואָרען א פּראָפעסיאָנעלער שנאָרער און אז דאָס וואָס זיי „מאַכען״, גיבען זיי אוועק אויף זעהר נויטיגע „קייסעס״, וועמעס נעמען מאָרען ניט פאַרעפענטליכט ווערען, ווייל דאָס זיינען געפאַלענע״ בעלי־ביתים, זעהר בכבוד׳יגע מענשען, און די „הייליגע נשמות״ מיט׳ן שייטעל ביז די אויגען ווערען נאָך געאַכטעט און רעספּעקטירט פאַר׳ן שווינדעל....

חיים האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי נאָר אריינצוגעבען זיינע קינדערלאַך אין „ווייסען־הויז״.

די קינדערלאַך איז דאָרטען זעהר גוט — זאָגען זיי — זיי

געהט ניט אָפּ קיין פויגעל־מילך, זיי בעטען זיך אָבער שטילערהייט, מען זאָל זיי נעמען אהיים.

די קינדערלאך זעהען אויס מאָגער, בלייך, און ביי חיים'ען מיט זיין פרוי וויינט דאָס הארץ אויף דעם גוטען לעבען פון זייערע פויגעלאך.

„ווי נאָר איך וועל רייך ווערען, וועל איך אייך אהיים נעמען", בארוהיגט ער זיינע קינדער, און זיין הארץ בלוטעט פון די ווערטער — ער האָט שוין יעצט פארלאָרען זיין גאנצען בטחון....

„פּאפּא, איך בעט גאָט יעדע נאכט פאר'ן שלאָף, אז דו און מאמע זאָלען געזונט זיין!" זאָגט א צעהן־יאָהריגע מיידעלע, שעהן ווי א מלאך. „אָה, איך בעט איהם אזוי פיל, אז איהר זאָלט ניט שטאַרבען!..." — זיינען ביי איהר פארלאָפען די אויגעלאך מיט טרערען — „ס'איז נישט גוט צו זיין א יתומה... קיינער קומט ניט געוואָהר ווערען און קיינער ברענגט ניט קיין קענדים!... זעהר ניט גוט צו זיין אן „אָרפאן"!..."

פארוויינטע, מיט פארקלעמטע הערצער פארלאָזען די עלטערן דעם אנשטאלט.

דער עלטערער אינגעל איז אנטלאָפען פון דאָרטען אין מיטען ווינטער, אָהן א רעקעל און אָהן א היטעל און האָט מיט טרערען ערקלערט, אז ער וויל בעסער שווער ארבייטען, פאר זיך א לעבען צו מאכען, און דער דרייצעהן־יאָהריגער בחור'ל האָט זיך צוגעכאפּט פעדלען מיט געזאלצענע בייגעלאך און האָט זיך געמאכט זיינע 20 סענט א טאָג. אין הויז איז געוואָרען די שמחה זעהר גרויס...

פעדלענדיג איז דער אינגעל צוגעגאנגען צום אנשטאלט צו מכבד זיין זיינע שוועסטערלאך יעדע מיט א געזאלצענעם בייגעלע, און האָט דורך א שפּאלט פון דער הויכער וואנט, וועלכע צוימט אָפּ די אומגליקליכע קינדערלאך פון דער פרייער וועלט, דערלאנגט זיין אכט־יאָהריגער שוועסטערל א בייגעלע, בארימענדיג זיך פאר איהר, אז ער איז שוין געוואָרען א „ביזנעסמאן"; האָט יענע ניט געוואָלט נעמען דעם בייגעל און האָט מיט גרויס שמחה געטריבען איהם פון זיך, ער זאָל וואָס שנעלער לויפען טאָן זיינע ביזנעס.

„וואָס שטעהסטו?" האָט זי מיט התפעלות געשריען, „לויף

גיבער! פאַרקויף דיינע בויגעלאך! פּאַפּאַ וועט רייך ווערען, וועט נעמען מיך אהיים!..."

אהיים קומענדיג, האָט דער אינגעל זעהר געלאַכט פון דער נאַרישקייט פון זיין שוועסטערל.

טאַטע־מאַמע האָבען אָבער ניט געלאַכט. זיי האָבען זיך צעוויינט אויפ'ן קול.

אַלעם געזעצליך.

ס'איז געווען זעהר א הייסער, אומערטרעגליכער זומער, מיט א שטילען אָבער פּאַרצווייפעלטען קריזיס. מען האָט געהאַט אויס־צושטעהן, אויסער די ברענענדע היץ, מיט אַלע איהרע שרעקליכע פאָלגען — גרויסע צרות פון דחקות און הונגער.

וואָס טוט מען אין אַזאַ צייט, ארויסצושלאָגען זיך אויף א ווײַלע, פאַרגעסען די צרות? מען פאַלט אריין א בין השמשות אין א שוהל, מען דאַווענט אָפּ א מנחה מיט א מעריב און אומ־באַמערקט רייסען זיך ארויס עטליכע זיפצען...

אין שוהל איז ליכטיג און לופטיגלאך פון דעם פאַרנאַכטיגען ווינטעל, וועלכער רייסט זיך אריין דורך די פילע פענסטער מיט א שטיפערישען אימפּעט, גלעט דעם פּנים און פרישט אָפּ די פאַר־שמאַכטע נשמה... דער עולם איז אויפגעלעגט; אַלע בעטען; אין פילע אויגען פינקעלט טרויסט און האָפנונג! מען דערפיהלט זיך ניי־געבאָרען, גאָר אַנאַנדער מענש!... און עפּעס, אַזוי בלינד, אָהן א רעכנונג ווילט זיך אויך האָפען.... די פאַרצווייפלונג פאַר־שווינדעט אויף א ווײַלע; אויפ'ן הארצען ווערט אַזוי גרינג, ליב, און אויף דער נשמה אַזוי מחיה'דיג...

איך פלעג דאָרטען זיצען אַזוי לאַנג, ביז אַלע צוגעהען זיך און דער שמש הויבט אָן מאַכען א תל פון דעם ריין־נשמה'דיגען לעבען, אויסלעשענדיג די פריינדליכע פייערלאך איינס נאָכ'ן אַנ־דערען, אַזוי ווי א קאַלטער גזלן וואָלט געשטיקט הייליגע נשמות...

דער אומעט באַהערשט באַלד, אויפ'ן הארצען ווערט קאַלט, די האָפנונגען ווערען פאַרטויבט מיט די פריהערדיגע, וואָכעדיגע, אַלטעגליכע צרות. און איך פלעג מיט אומגעדולד ערוואַרטען דעם מאָרגענדיגען בין השמשות.

נאָך מעריב פֿלעגן עלטערע אידען צוזעצען זיך ארום דעם לאַנגען טיש און לערנען א ווײַלע, שעפּעטער פֿלעגן א פּאָר אידען א קלאַפּ טאָן מיט זייערע פּושקעס, און הענט מיט אויסגעשטרעקטע פֿינגער, פֿון וועלכע דער שאָטען אויפ'ן וואַנט האָט געצייגט שווימענדע ענטלאַך מיט אָפֿענע מײַלער — האָבען זיך מיט דרך ארץ געצויגען פֿון אלע זײַטען נאָך א שמעק טאַבאַק.

די אַלטע ספרים, מיט די געלע, צופֿליאַמירטע בלעטער, פֿלעגען זיך איינס נאָכ'ן אַנדערען צומאַכען און אלע אידען פֿלעגען אָנשטעלען זייערע נאָסע, צופֿרידענע אויגען אויף א מיטעליעהריגען דאַרען, לאַנגען מאַן, מיט א בלאַסען פּנים און א שיטערען געלען בערדעל. און דער איד, ניט וואַרטענדיג מען זאָל איהם בעטען, פֿלעגט זיך געבען א הויב אויף פֿונ'ם באַנק און, פֿיהלענדיג זיך שטאָלץ, אַלס העלד, אַלס מאַדים אויף מעשיות, פֿלעגט ער יעדען מאָל דערצעהלען עפּעס א אינטערעסאַנטע פּאַסירונג — פֿול מיט מופֿתים פֿון רביים און גוטע אידען.

„אַלזאָ, רבותי, כל זמן איך האָב עפּעס וועל איך אייך זשאַלעווען — האָט ער אָנגעפֿאַנגען — איך וועל אייך היינטיגס מאָל דערצעהלען א שעהנע מעשה און טאַקע א זאַך, וואָס איז פֿאַרלאָפֿען מיט מיר אַליין".

ער האָט א שטאַרקען ציה געטאָן דעם שמעק־טאַבאַק ביז צו די לעצטע, האָט זײַנע פֿינגער עטליכע מאָל אָפּגעריבען אונטער'ן שפּיץ פֿון זײַן לאַנגען, שמאָלען, האָרבעוואַטען נאָז, האָט אזוי לאַנג געצויגען אין זיך דעם שמעק טאַבאַק, ביז זײַנע קליינע, שעראַ, וואַסערדיגע אויגען האָבען זיך פֿאַרלאָפֿען מיט טרערען.

„הכלל — האָט ער געפֿינטעלט מיט די אויגען — ניט רכילות'ענדיג אויף קיינעם, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה שהיה, פֿון זיך אַליין. איהר ווייסט דאָך שוין, אז איך בין געווען אין דערהיים א מלמד פֿון קליינע קינדער, והא ראיה לדבר, אז איך בין דאָ באַלד געוואָרען א פּרעסער פֿון קינדערשע תחתונים".

דער איד האָט פֿילדייטענד א שמייכעל געטאָן, וועלענדיג אָנשטויסען אַלעמען אויף די נאָהענטע שייכות פֿון די ביידע באַשעפֿטיגונגען, — „נאָר ניט דאָס איז דער פּועל יוצא, וואָס איך וויל אייך דערצעהלען, וועט איהר באַלד הערען. הייסט עס, בין

איך געווען א מלמד אין ריגא. ריגא איז א גרויסע שעהנע שטאָט אין ליפלאנד, און האָט באלאנגט דעמאָלט צו פּאָניע. נו, דאַרפט איהר דאָך שוין אליין פארשטעהן, אז א איד, א מלמד, איז דאָרטען קיין גרויסער מיוחס ניט געווען... און ממילא האָב איך געמוזט האַלטען אין איין „שמירען" די פּאָליציי, מ'זאָל מיך ניט מאכען צו „מופען", אויף אונזער היגען לשון, מען זאָל ניט אָנשרייבען אויף מיין פּאַספּאָרט: „נא וויעזד וודוואַדצאַט טשעטירע טשאַסאַ". איהר ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט? מען מוז איבערלאָזען הכל בכל און אויף גיך אָפּטראָגען זיך! און אויב ניט? — וועט זיין אָך און וועה צו דיר, שמערעל יאָכנע־דוואָשעס!... וועסט דאַרפען אויסוואַלגערען זיך אין אַלע טורמעס, אַלע אַסטראָגען, ביז מען דערפיהרט דיך אין דיין שטעטעל, ערגעץ אין דער ליטא, אָדער אין פּוילען מיט'ן „עטאַפּ", ווי זיי רופען דאָס — מען טערפּעט זיך אָן געגוג צרות ועגוים!... מען ליידעט דורך כל שבעה מדורי גהינום! הכלל, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? — יע, בין איך, הייסט עס, געווען א מלמד, ווי געזאָגט, אין ריגא און געהאַלטען אין איין „שמירען" ביז דער אדון הגדול האָט אריינגעשיקט צו אונז א בעל משגיח, פון די אמת'ע „רעכטע הענט" זיינע, ביים נאָמען פּאַכאָם גאַווריליאָוו, א געוועזענער פון'ם „זיידע'ס קאַנטאָניסטען", וועלכער האָט אָפּגעדינט 25 יאָהר כסדר, בלב ונפש! האָט זיך אויסגעצייכענט אין פילע שלאַכטען און אפשר טאַקי אין פּאָגראָמען אויך. זיין גאנצע ברוסט איז באהאנגען מיט אָרדענס און מע־דאַלען!...

איך האָב פיינט צו זאָגען, איך בין ניט קיין טרוס, קיינמאָל ניט געווען קיין שרעקעדיגער אינגעל! אָבער דערזעהענדיג דעם נייעם „גאָרדאָוואָי" מיט די אויסגעשייערטע מעשענע און בראָנזענע מעדאַלען, וועלכע האָבען געבלענדעט די אויגען אויפ'ן זון, בין איך געוואָרען א פּארציטערטער! און איידער ער האָט ביי מיר גע־פרעגט: ווער און וואָס איך בין? האָב איך איהם געגעבען אָ „שמיר" מיט א גאנצען דריי־רובעלדיגען אויף איין קלאַפּ! גאַוו־ריליאָוו האָט זיך נאָך געלאָזט בעטען: „איך בין ניט קיין פאַר־קויפטע נשמה!" האָט ער געטופּעט מיט די פיס, ביז איך האָב דעם דרייערל אריינגערוקט אין „אָפּשלאָג" פון זיין שינעל.

דער אַלטער פּאַכאַם גאַווריליאָוו, האָבענדיג נאָך א גוטען „חוש הריח", האָט זיך דערפיהלט יונג און האָט געארבייט „אויף אַלע כלים" — ניט געלאָזען א פויגעל דורכפליהען!.... יעדען איינעם, מיט א אידיש נאָז, האָט ער אָפּגעשטעלט אין גאַס און געמאָנט „דאָקומענטען", און יעדען ניט־כשר'ען האָט ער געשלעפּט אין „אוטשאַסטאָק", פון וואַנען מען איז שוין „טרוקען" ניט ארויס... דס'רוב פלעגט מען פון דאָרטען אָפּשיקען מיט'ן עטאַפּ גלייך אהיים! נאָר דער „גלייך" פלעגט נעמען לאַנגע מאָנאַטען, ביז מען פלעגט דערלעבען זעהן זיך מיט באַקאַנטע אידען, מיט משפחה.

גאַווריליאָוו איז אין אמת'ן געווען זעהר געטריי זיין „באַטיושקאַ" און האָט זיך ניט געלאָזט אונטערקויפען מיט א קליי־ניגקייט און וואָלט זיכער געמאַכט א תל פון די אומגליקליכע אידען, ווען ניט זיין שוואַכקייט צום ביטערען טראָפּען.... אידען האָבען דאָס באַלד דערשמעקט און מען האָט אזוי „צוקאַליעטשעט" זיין „כשרה נשמה", אז פאַר א קערבעל מיט א קווערטעל ספּירוט האָט ער זיך געמאַכט ניט זעהענדיג א גאַנצע וואָך! און פון א געפערליכען המן איז ער געוואָרען א געמיטליכער בלוט־זויגער. און מיר, אידען, האָבען אין דעם באַשיינפערלאַך געזעהן: השגחה העליונה! א נס מין השמים!...

מיר איז אָבער ניט באַשערט געווען צו געניסען פון אזא זכות און אַנאַנדער המן, פון די גדולים נאָר, האָט מיך געפּאַקט אמאָל אין גאַס און, ניט פיל ברייענדיג, אין 24 שעה האָב איך געמוזט פאַרלאָזען די שטאָט! איהר קאָנט זיך שוין משער זיין, וואָס פאַר א חורבן ס'איז געוואָרען ביי מיר אין שטוב. די ווייבן האָט גע'חלש'ט פאַר צרות!.... איהר שטעלט זיך פאָר: א מלמד מיט א ווייב און מיט 6 קינדערלאַך — א „מוף טאָן"! און וואוהין? אזש קיין באָבריק! איהר פאַרשטעהט צי ניין? אזש קיין באָבריק!

וואָס איז די נפקא מינה, ווי דאָס איז געווען? אידען זיינען דאָך אידען.... און אין עטליכע מינוטען זיינען מיר געווען פאַר־זאָרגט מיט באַהן הוצאות ביז רעכטען באָבריק! מלבושים האָט גראַד אויסגעפעלט און מיט שטוואַרג אויך אזוי — היילע, באָר־

וועסע האָב איך די קליינוואַרג אַריינגעזעצט אין אַ קאַרב און מיט אַ פוהרעל צוגעפיהרט צום וואַגזאַל.

האַבענדיג שוין אויף די הענט די בילעטען און די האַלבע ביי־לעטען, האָט זיך מיין פּלונית'טע געכאַפּט, אַז זי האָט פאַרגעסען מיטצונעמען דעם הויפּט־בילעט — די כתובה. און אָהן דעם כתב, אָהן דעם דאָקומענט, ריהרט זי זיך ניט פון אָרט, כאָטש־בי גיך אונטער איהר הייסע בלוי! „מ'טאָר ניט אָהן אַ כתובה"! שרייט זי — „ריהר מיך ניט"! און זי לאָזט מיך שוין ניט צו אין איהרע ד' אמות! און טאקע, ווי איז די מעשה, רבותי? ווי איז דער אמת?... קורץ און גוט, איך האָב זיך געלאָזט לויפען נאָך דער כתובה. איך האָב איהר באַלד געפונען אויף דעם אָרט, וואו „מיינע" האָט מיר אָנגעזאָגט, און לויף צוריק בשלום. די צייט איז געווען קורץ — ניט אָנצואווערען דעם ערשטען צוג און ביז'ן צווייטען וואָלטען מיר דאַרפען וואַרטען פינף שעה. האָב איך געמוזט לויפען שנעל. בין איך געלאָפען.

פאַכאַם גאַווריל־אָוו האָט פאַרדעכטיגט, חושד געווען, הייסט עס, אַז איך אַנטלויף דאָס פון איהם, און האָט זיך געלאָזט לויפען נאָך מיר, שרייענדיג איך זאָל זיך אָפּשטעלען. איך ווייס פון גאַרניט און ציה די רגלים! אזוי, ווי איהר זעהט, האָב איך אַ פּאָר לאַנגע פּאָלקעס — לויף איך.

גאַווריל־אָוו איז געוואָרען אַן אויפגעקאָכטער, פאַר אַזאַ חוצפּה פון אַ אידען, און האָט געשריען: „לאַוויטע זשידאַ", כאַפּט אַ אידען, און אַ גרויסער המון יאָגען זיך נאָך מיר צו כאַפּען מיך!... איהר פאַרשטעהט צי ניין — תוך־כדי־דבור!... אין ריגא איז דאָ געגוג מענשען אין גאַס און אויף צו כאַפּען אַ אידען איז איבעראַל געגוג בעלנים — לויפען זיי...

ניט ווייט פון וואָקזאַל האָט מיר אָנגעהויבען שטעכען אין זייט פונ'ם לויפען, און איך האָב זיך שטאַרק פאַרהוסט, אַזאַ טבע האָב איך שוין נאָך פון אינגעלווייז... האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע און פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס, און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט דורכהוסטען זיך, האָב איך דערפיהלט אַ שטאַרקען צופּ פאַר'ן קאָלנער.

— ווי וואַגסטו, זשיד פּאַרך, צו אַנטלויפען? — האָב איך

דערהערט, און באַלד דערקענט די הויזעריגע שטימעלע פון מיין גאַראַדאָוואָי און דערזעהן אַרום זיך אַ גאַנצע מחנה הוליגאַנעס, וועלכע וואָלטען וועלען צורייסען מיך ווי אַ הערינג.

— דאָקומענטי! — האָט גאָווריל‏אָוו דורכגעדונערט ווי אַ שטאָלצער זיגער.

איך האָב איהם גלייך געוויזען מיין פּאַספּאָרט מיט דער רוי־טער חתימה „נאַ וויעזד” און האָב איהם ערקלערט אַז איך לויף, אום פּינקטליך אָפּצוהיטען דעם געזעץ — די צייט איז קורץ!

דער אַלטער גאַראַדאָוואָי איז געבליבען שטעהן ווי אַן אָפּ־געשמיסענער און אייניגע פון דער צווישעטער מחנה האָבען זיך מיט איינמאָל אָפּגעזיפצט: „בעדני זשידאָק”....

און איך בין עד היום מיט דער מיינונג, אַז די גרעסטע צאָהל רוסען זיינען אָרענטליכע, גוט־הערציגע מענשען, ווען מען העצט זיי ניט אונטער, מען רייצט זיי ניט אָן פון אויבען...”

דער שמש, וועלכער האָט די גאַנצע צייט כעס׳דיג געגענעצט, האָט, מיט פאַרשלאָפענע אויגען, בייז אַ שמייכעל געטאָן און האָט זיך גענומען צו זיין „גזלנ׳ישער ארבייט”...

מיט דעם אויסהויכען פון יעדען וואַרעמען פייערל האָט זיך געפיהלט אַן אריינדרינגענדע קעלט אין דער נשמה!.... די שטימונג ווערט צוריק אַ דריקענדע... און די פינסטערניש פיהלט זיך ניט נאָר אין די אויגען נאָר אויך טיף אין דער נשמה!...

אַ הייסער, אומערטרעגליכער זומער, מיט אַ שטילען אָבער פאַרצווייפעלטען קריזיס!...

אַ „מאָדערנער״ קאַמף פאַר אַ זווג.

דזשענע, אָדער ווי מען האָט איהר אין דער היים גערופען, יענטע גרונקע, איז טאַקע געפאָהרען קיין אַמעריקא, עקסטרא, אויף „אויסצוברייִנגען״ זיך אויפ׳ן לויט, ווי מען זאָגט. אין דער היים האָט זי ניט געהאַט קיין שטאַרקען בטחון פטור צו ווערען פון דעם מיידעלשען לעבען, וועלכער האָט זיך איהר געצויגען, ווי פון פעך, פול מיט שרעקליכע בילדער פון אַ פאַרזעסענער מויד!...

עפעס האָט זי ניט געהאַט קיין געדולד צו דעם מיידעלשען לעבען, באַלד ווי זי האָט זיך נאָר אַ ביסעל אויף די פיס אַ הויב געטאָן...

און צו 17 יאָהר האָט זי זיך שוין ניט געשעמט פאַר איהרע עלטערען, אויסצודריקען איהר פחד פאַר אַ גרויען צאָפּ.

טאַטע־מאַמע האָבען זיך געפיהלט, ווי מיט שפילקעס געשטאָכען פון דער טאָכטערס אומרוהיגקייט... זיי ווייסען, אַז קיין איבעריגע פאַרשוין איז זי ניט. יעצט, אין סאַמע בליה, איז זי נאָך אַ סחורה. אָבער ווי זי פאַלט אַריבער די 20, 21, איז זי שוין ניטאָ... דאַצו איז זי טאַקע צו פיל „ברען״... קריכט אַרויף אויפ׳ן נאָז דעם פאָטשטאַליאָן און איז אַ צו נאָהענטע מחותנת׳טע מיט׳ן גלח׳ס זוהן... זיי ווייסען, אַז זי איז, אַ דאַנק גאָט, עהרליך, אַ כשר קינד, מען קאָן דאָך אָבער ניט באַוואָרענען זיך פון אַ בייזער שעה!... און טאָן אַ שידוך אויף גיך? איז דאָך דאָס ניט אַ קוילעטש אײַנצוהאַנדלען... קיין נדן איז ניטאָ. און דער יחוס, וואָס זאָל מען זיך נאַרען: שוסטער בן שוסטער און אַ געוועזענע דינסט־מיידעל, ניט אַ שניידערס, נאָר אַ לאַטוטעס אַ טאָכטער!...

און טאַטע־מאַמע האָבען זיך געבלוטיגט אַוועקצושיקען יענטע גרונעלען קיין אַמעריקא.

„דאָך א גרויסע שטאָדט, וואו מענשען זיינען, ווי אין א וואלד, מען ווייס ניט איינער פון דעם אנדערען... און וואָס מיר יחוס, קאַקאַי מיר נדן?... א גלאַטע שטיקעל סחורה איז אַזוי ווי א פּאָר לאַקירטע שטיוועלאך: אהער, אהין, ארויף, ראָפּ און געקאָנטשעט דער געשעפט"...

קומענדיג קיין אמעריקא האָט דזשענע באַלד איינגעזעהן אז מען כאַפּט דאָ ניט אונטער קיין מיידלאך, אז מען דאַרף דאָ דעם בחור נעמען מיט קונצען, מיט פאַלשקייט. מען מוז איהם שיטען זאמד אין די אויגען: מיט פּודרע, פאַרב, געבלויזטע יאַקעלאך אָהן ארבעל, דורכזיכטיגע זאָקען, און מיט די אַלע זאכען דאַרף מען אין הויז ניט זיצען...

זי האָט ניט פאַרפעלט קיין פּיק־ניק קיין באָל, קיין טעאטער, קיין מואווינג פּיקטשורס, און איבערהויפּט קיין אנארכיסטישע פאַרזאמלונגען און זייערע לעקטשורס, וועלכע האָבען פאַר איהר א נייע וועלט מיט זיסע האָפנונגען אויפגעדעקט!...

זי האָט זיך באַלד באַשלאָסען דורך „פרייע ליבע" צו ער־רייכען איהר וואונש — פאַרזאָרגען זיך מיט א זווג.

ווי נאָר זי האָט זיך פאַרזאָרגט מיט א „סעפּרעט רום", א באַזונדער צימער, מיט אַן אריינגאַנג גלייך פון פאַרהויז, האָבען זיך שוין בעלנים געפונען צו שליסען מיט איהר פריינדשאַפט.

דער וואָס איז געווען געפעלען איהר אם בעסטען, איז געווען א „קאָזין", די איבעריגע זיינען געווען: „שיפּס־ברידער" און „לאַנדסלייט".

זי האָט מיט זיי „געמאַנעווערעוועט" בעסער פון א דייטשען פעלד־מארשאַל. און ס'האָט זעהר זעלטען געטראָפען, אז איינער זאָל א צווייטען טרעפען אין איהר צימער. אויב ס'האָט אַזאַ זאַך פּאַסירט, איז ביי איהר אימער געווען א פאַרטיגער תירוץ, זעהר א גרינדליכער און ס'איז קיינמאָל ניט געקומען צו א קאָנ־פליקט, צו א צוזאַמענשטויס...

זי האָט יעדען פרייע־ליבעניק געזוכט צו „באַקערען" פאַר אַן ערליכען אידען, צו האָבען מיט איהם חתונה כדת משה. און איינ־

זעהענדיג, אז דער שידוך קאָן ניט געשלאָסען ווערען, האָט זי יענעם באַלד פאַריאָגט און זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען א צווייטער.

דער „קאַזין" האָט ביי איהר געהאַט מעהר קיום פון אַלעמען. ערשטענס, איז ער געווען, ווי געזאָגט, דער אויסערוועהלטער פון איהר נשמה, און צווייטענס, האָט ער געהאַט אַן „אָפענע האַנט"... זי פלעגט צו יעדען וויזיט זעהן זיך מיט קלינגערס!

קיין מינדעסטע האָפנונג צו „באַקערען" איהם האָט זי ניט געהאַט, ווייל ער פלעגט איהר אויסדריקליך זאָגען, אז ער דענקט אפילו ניט צו הייראַטען אַמאָל. נאָר גאָר ניט. אז שוין פרייע ליבע, איז צו וואָס זאָל זי בייטען א „קאַזין" אויף א פרעמדען? נאָך מעהר, אז קיין בעסערען האָט זי נאָך פאָרלויפיג ניט אויס־געפונען.

ערפאַרענדיג, אז זי געפינט זיך אין „אַנדערע אומשטענדען", האָט דער בחור „גענומען פּיס"!...

דזשענע איז שוין אָבער קיין „גרינע" ניט געווען, האָט איהם אויפגעזוכט און אַרעסטירט.

אין געריכט־זאַל איז זי אַריינגעקומען אין א קורצען קליידעל, די האָר פאַרפלאָכטען אין איין צאָפּ, אַרונטערגעהאַנגען מיט א בענדעל, ווי א מיידעלע פון א יאָהר 14. און די נאָז־טיכעלע האָט זי געהאַלטען אויף די אויגען, טענה'נדיג, אז ער האָט איהר פאַר־פירט... געשוואָרען מיט איהר צו הייראַטען און האָט מיט גוואַלד געצוואונגען איהר צו „פרייע ליבע"...

דער ריכטער, די „דזשורי" און אַלע אַנוועזענדע זיינען געווען גערירט ביז צו טרערען.

„אַן אונשולדיגע, אונערפאַרענע קינד" — האָבען אַלע גע־זיפצט, קוקענדיג אויף איהר.

„די גרעסטע שטראָף פאַר אַזא בעסטיאַלען אויסוואורף"! — האָט דורכגעדונערט א שטימע פון די אַנוועזענדע.

„לינטשען" אַזא קאַלטען גזלן! — האָט זיך געהערט אַן אויפ־געריגטע פרויען־שטימע.

דער בחור האָט גע'טענה'ט, אז אַלעס, וואָס זי רעדט, איז ליגען, אז זי האָט איהם אַליין אויפגעקלערט אין דער גוטסקייט פון

פרייע ליבע און אַז איהר „פרייע ליבע" האָט איהם געקאָסט גוטע געלט. ס'האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפען און אין עטליכע מינוטען האָט די „דזשורי" ארויסגעטראָגען איהר אורטייל „שולדיג".

— איך מוז אייך געבען די שווערסטע שטראָף! — האָט דער ריכטער זיך געווענדעט צום בחור — אום אייערע ליידען זאָלען דינען אַלס ווארנונג צו אַנדערע, מיט אַזעלכע טירישע נשמות! איהר קאָנט אָבער אויסנוצען די געלעגענהייט, וועלכע איך וואָלט אייך גראַדע ניט געגעבען, נאָר דאָס געזעץ גיט אייך, נעמליך: צו הייראַטען אייער קרבן. זייט איהר צופרידען מיט דער געלעגענהייט?

אין זאַל איז געוואָרען אַזוי שטיל, אַז ס'האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון די הערצער...

מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס האָבען אַלע אָנגעשטעלט זייערע אויגען אויף דאָס „אומשולדיגע קינד"! אַלע האָבען מורא געהאַט, די אונערפאַרענע, פאַראונגליקטע קינד זאָל ניט איינוויליגען צו פאַרבינדען זיך מיט אַזא נידערטרעכטיגען באַנדיט!...

דער בחור איז געזעסען ווי אַ צומישטער, אַ מטושטש'ער, קיין זאַך ניט הערענדיג, וואָס דער ריכטער האָט גערעדט צו איהם. דאָס וואָרט „שולדיג" האָט זיך ניט פּאָטופּעט ביי איהם אין קאָפּ!...

„ער האָט דען איהר ניט באַצאָלט? און אויב דאָס איז אַ זינד, זיינען דאָך ביידע שולדיג! און זי איז דאָך נאָך מעהר שולדיג!... — האָט דער בחור גע'פּלפּול'ט די פראַגע. — געוויס, געוויס, זי איז די אורזאַך פון אַלעס!"...

און ווען דער ריכטער האָט שטרענג געפאָדערט אַן ענטפער, האָט זיך ביים בחור אויטאָמאַטיש ארויסגעכאַפּט:

— געוויס, געוויס, זי...

— וועגען איהר האָב איך קיין צווייפעל ניט! — האָט דער ריכטער איהם געענטפערט.

ביים בחור איז אַ שווערע זאַך אַרונטער פון האַרצען: „אַבי מען פאַרשטעהט כאָטש דעם אמת" — האָ ער זיך געטרויסט.

— צוקושט זיך פאַר מיינע אויגען און שווערט איינאַנדער אייביגע טרייהייט און איבערגעבענהייט.

אַ צוטומעלטער פון די לעצטע ווערטער, פיהלענדיג זיך ווי אין עולם התוהו, האָט דער בחור אַלעם נאָגעטאָן דער מיידעל.

— איהר זייט געזעצליך פאַרהייראַט! — האָט דער ריכטער פאָטערליך צו זיי געזאָגט. — איך ווינש אייך גליק, געהט אהיים!

— קום אהיים, מאַקס! — האָט איהם דזשענע אָנגענומען ביים האַנט און אַרויסגעפירט פון געריכט־זאַל, און ער איז גע־גאַנגען ווי אַ פאַר'משפט'ער צום טויט...

אַ צו שטרענגער בליק.

פאַר זיין אַרויסגעהן האָט ער, ווי געוועהנליך, באַטראַכט זיך אין שפּיגעל, אויב אַלעס איז ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. און גראַדע היינט, אַז ערשטען מאָל, האָט ער באַמערקט אַ פרעמדע זאַך אין זיינע אויגען — אַ „צו שטרענגען בליק!"

איהם האָט דאָס זעהר פאַרדראָסען! ווי קומט צו איהם אַזאַ בליק?! זאָל ער גלויבען, אַז דורך זיינע אויגען קוקט שוין לאַנג אַרויס אַ פאַרהאַרטעוועטע נשמה פון אַ קאַלטען גזלן?! זאָל דאָס מעגליך זיין, אַז זיין נשמה שפּיגעלט זיך טאַקע אָפּ ריכטיג אין זיינע אויגען? און איהם האָט דאָס זעהר געקרענקט!... אויב אַזוי, איז דאָך גאָר אַ היפּוך, אַן איבערקערעניש פאַרגעקומען אין זיין אידעאַליסטישען שטרעבען, אין זיין אויפאָפּפערונג פאַר די אומגליקליכע פון דער מענשהייט!... און ווי אַזוי האָט דאָס אַלעס פּאַסירט, גאָר אומבאַמערקט פאַר איהם?...

און פיראַזשקאָוו האָט זיך באַשלאָסען פון היינט אָן, אַזוי, ווי אויף צו להכעיס דעם שטריינגען בליק פון זיינע אויגען, צו זיין זעהר צערטליך און גוט צו די אונגליקליכע אָרעמע לייט, וועמעס שיקזאַל איז אַנפאַרטרויט אין זיינע הענד.

פיראַזשקאָוו האָט באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע יונגע לייט, פאַר וועלכע דאָס לעבען האָט פאַרלאָרען דעם גאַנצען רייץ און חן, צוליב אַן אונגליקליכער ליבע", מענשען, וועלכע נעהמען זיך דס׳רוב דאָס לעבען, צו מאַכען אַן ענדע צו די אונערטרעגליכע יסורים פון דער נשמה; אָדער זיי באַשליסען זיך צו לעבען דורכאויס פאַר די נוצען פון די אונגליקליכע, ענטוישטע, האָפנונגסלאָזע.

אָנפאַנגס האָט ער ווירקליך מיט׳ן גאַנצען הארצען אַנטייל

גענומען אין דער לאגע פון אזעלכע סוביעקטען און האט מאנכע פיל געהאלפען. ער פלעגט נאך אפט, אן אויסגעמאטערטער, נאך זיין ארבייט, ארומלויפען א גאנצען אבענד, קלאפען אין די טירען, בעטען א נדבה און מיט דעם געלד מחיה זיין אן ארעמע קינדפעטארין, אן ארבייטסלאזע אדער א קראנקע פאמיליע.

אפט, ניט קריגענדיג צו זיך א בעלן צו געהן מיט א „פאצעהלקע”, האט'ן איהם חושד געווען פאר א שווינדלער און ער האט געליטען די גרעסטע בזיונות! ער האט אבער ניט פארלארען זיין מוט און פלייסיג געארבייט אויף דעם געביט ביז ער איז געווארען זעהר פאפולאר אין גאנץ שטאדט און איז ענדליך ערנאנט געווארען אלס פארוואלטער פון א גרויסען צדקה אנשטאלט מיט א גרויסען געהאלט.

ווערענדיג רייכער און לעבענדיג אין כל טוב, איז זיין נשמה ביסלאכווייז, אונבאמערקט פאר איהם, געווארען אלץ קעלטער און קעלטער; זיין הארץ — הארטער און שלעכטער, און היינט, אן ערשטען מאל, האט דאס דער שטרענגער בליק פון זיינע אויגען אויסגעזאגט איהם „פון חדר”...

אין אפים האבען איהם באגעגענט א פאר צעהנדליג אויגען, פארזארגטע, צושראקענע, פארצווייפעלטע — פול מיט געבעט פאר רחמנות, פאר הילף...

אן עקעלהאפטער שוידער איז איהם איבערגעלאפען דעם גאנצען לייב! נמאס און מיאוס זיינען איהם שוין געווארען אט די אלע אויגען, מיט איינעם און דעם זעלבען אויסדרוק: „האט רחמנות גיט”! אלץ און אלעס די זעלבע: דער אויסזעהן, די פנים'ער, די טרעהרען, דער „ניגון”, די זיפצען און אפילו די טענות זיינען דורכשניטליך די זעלבע.

„קליינליכע, אונווירדיגע ברואים! ווי א געשוויר אויף א שעהנעם פנים זיינען זיי פאר'ן געזעלשאפט”...

דער אריינקומען פון אן אומבאקאנטען מאן, וועלכער האט זיך אהן ווערטער אוועקגעזעצט צווישען די ארעמע לייט, האט געצוואונגען פיראזשניקאוו'ן צו פארגעסען אויף א ווייל זיינע איינדריקע און ער האט מיט אן אויסגעהאלטענעם טאן פון א בעל

רחמים, געפרעגט די דאָרע פרוי, מיט׳ן טויט בלאַסען פּנים און פאַר־צווייפעלטע בליקען, וועלכע איז די ערשטע צוגעגאַנגען צו זיין טיש:

— וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך? האַלט מיר אָבער ניט לאַנג! זאָגט אויף גיך, וואָס איהר ווילט און רעדט ניט צו פיל!... איהר ווייסט דאָך שוין... נו, רעדט שוין! זוכט ניט קיין ליגענס...

— אַז איך ווייס שוין ניט, וואָס פריהער צו זאָגען... איך האָב שוין מורא צו רעדען! האָט די פרוי צושראָקען געשטאַמעלט — אַז איך בין אַזוי געשטראָפט און... טאָר נאָך דעם מויל ניט עפענען... האָט זיך די פרוי צוּוויינט — קומט דאָך טאַקע אויס: אויסצוגעהן ווי אַ ליכט, אָהן ווערטער...

— מיסעס, איהר מעגט זיך אויף מיר פאַראיבעל האָבען, איהר זענט, איהר זענט...

— משוגע? האַ? האָט איהם די פרוי איבערגעשלאָגען.

— הערט אַ מעשה! איז די פרוי צוגעלאָפען צו דעם אונ־באַקאַנטען, אויף וועלכען דער פאַרוואַלטער האָט די גאַנצע צייט בגנבה געוואָרפען פאַרדעכטיגע בליקען, צוליב זיין אויסזעהן און זיינע קליידער, וועלכער האָבען ניט געשטימט מיט די אַלע היגע קאָסטומער" — הערט אַ מעשה! האָט זי זיך ביי איהם געבעטען, זעהענדיג ווי ער מאַכט זיך פון איהר אַרויס אונטער דעם אויס־רייד? „איך האָב מיינע אייגענע צרות", הערט־זשע! האָט זי אָנגעפאַנגען, ניט וואַרטענדיג אויף זיין הסכמה, — איך קום צו געהן צו „איהם", איך האָב דען אַנדערם צו וועמען צו געהן? קום איך צו איהם און הויב אָן וויינען, אַזוי ווי מיר איז אויפ׳ן הארצען געוועזן, און דערצעהל פון מיינע צרות, אַז מיין מאַן, הייסט עס, איז קראַנק און די קינדער שטאַרבען, איהר פאַרשטעהט צי ניין, פראַסט זיי שטאַרבען פון הונגער, שטאַרבען זיי מיינע פייגעלאַך... נו, איז וואָס, האָב דאָ אַזוי געזינדיגט, פרעג איך ביי אייך? וואָס קומט מיר פאַר אַן אמת? רעכענט אפילו, אַז איך האָב ניט גע־קאָרגט אין טרעהרען, אָדער אין אַ וואָרט, דאָס איז דאָך אָבער ניט קיין „טשאַריטי", ניט קיין „קאַזיאָנע"... נעהמט „ער" און טעלעפאָנירט נאָך אַן אַמבולאַנס און גיט מיך אריין — ניט אין האָספיטאַל, ווי איך האָב געדענקט, ער טוט אויס רחמנות צו מיר,

ווייל איך בין באמת טאַקע זעהר אַ קראַנקע פרוי, ניין, ניט אין האָספּיטאַל — נאָר גלייך אין משוגעים הויז.

— וואָס איז דער אונטערשיד? אַ שעהנע חכמה! איהר האָט גאָר ניט וואָס צו לאַכען, מיסטער! הערט אויס בעסער, וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען! איהר זעהט דעם צוהאַקטען אויער? גוט צוהאַקט, האַ? דאָס האָב איך געקראָגען פון אַ משוגע׳נעם, מיט אַן אַפּזאַץ פון אַ שוך, איהר פאַרשטעהט צי ניין? מיט אַן אַפּזאַץ פון אַ שוך!? „פאַר אַן אָנדענקונג״, האָט ער גע׳טענה׳ט, און פון מיינע לעבעדיגע יתומים איז דאָ, אָהן מיר, געוואָרען אַ תל! ווי איך זאָג אייך; אַ 10 יאָהריגע קינד, אַ מיידעלע אַ פאַר־שוין, אַ פּאָרטרעט, איז פאַרברענט געוואָרען אויף קויל! און דאָס צווייטע קינד, מיין גאַנצעס, יעצטיגעס פאַרמעגען, איז גע־בליבען כמעט בלינד! און יעצט קום איך שוין אַ פינפטען מאָל אהער צו קריגען ברילען פאַר מיין אונגליקליכער קאַליעקע! אפשר דערפאַר ווייל איך האָב שוין מורא צו רעדען יעצט... איהר האָט אפשר געהערט מיך ריידענדיג? און „ער״ סטראַשעט שוין מיר, אַז ער וועט מיך ווייטער אוועקשיקען אַהינצו צו!...

די פרוי האָט די גאַנצע צייט געשטיקט אין זיך די זיפצען און געשלונגען די טרעהרען, ניט ווילענדיג אָנווערען די געלעגענהייט צו אויסגיסען איהר הארץ, גראַדע „דאָ״, וואו זי איז אונגליקליך געוואָרען, אָבער יעצט האָט זי געלאָזען פראַנק און פריי לויפען איהרע טרעהרען, וועלכע האָבען ווי אַ שטראָם ארויסגעזעצט פון איהרע אויגען!

פיראָזשקאָוו, ניט הערענדיג אפילו איהר געשפרעך, האָט זיך דאָך געקאָנט פאָרשטעלען אַז זי וועט אָנפלאַפּלען זאַכען, וועגען וועלכע ס׳וואָלט געוואָען גלייכער, אַז מ׳זאָל ניט וויסען, האָט פאַר־לאָרען זיין גאַנצען געדולד און דערהערענדיג איהר וויינען, איז ער צוגעגאַנגען צו איהר מיט אַ רחמנות פנים און האָט איהר זעהר העפליך געבעטען געהן אַהיים, פאַרשפּרעכענדיג צו טאָן פאַר איהר אַלעס, וואָס ס׳וועט נור מעגליך זיין און אויס „דרך ארץ״ האָט ער אַליין פאַר איהר די טיר געעפענט...

— קראַנק נעבעך! האָט ער זיך אָפּגעזיפצט, וועלענדיג מאַ־

כען אַן איינדרוק אויף דעם אונבאַקאַנטען, אַז ער זאָל ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו פלאַפלעריי פון אַ משוגע'נער פרוי.

— איך האָב באַלד באַמערקט, אַז זי איז משוגע! האָט דער נייער „קאַסטומער" געזוכט צו אויסנעהמען ביי דעם פּאַרוואַלטער און צו קויפען ביי איהם רחמנות.

ביי זיך אין הארצען האָט פּיראַזשקאָוו געפיהלט זיינע גרויסע זינד און די געהיימניש פון דעם שטרענגען בליק איז איהם יעצט קלאָר געוועז.

ניט אויסגעהאַלטען אידישקייט.

שוין פון יאָהרען לאַנג וואוינט חיים דער קאָוואַל אין דעם קליינעם דערפעל און ציהט זיין חיונה פון דער אַרבייט, קלאַפּענדיג טאָג־טעגליך מיט׳ן שווערען האמער, וועלכע זיין פאָטער האָט איהם איבערגעלאָזען בירושה.

ס׳מאַכט זיך אָפּט, אַז ער, מיט זיינע 8 קליינע קינדער, ליידען גרויס דחקות און די ווייב טענה׳ט איין מיט איהם, אַז מען האָט באַדאַרפט פּראָבירען מזל, אַריבערשלעפּען זיך ערגעץ אין אַ גרע־סערען דאָרף און טאַקע נעהענטער צו אַ אידישען ישוב, מע זאָל קאָנען אַמאָל „פליישיג" מאַכען זיך, כאָטש לכבוד שבת! מען לעבט יאָהרען ניט וויסענדיג דעם טעם פון אַ שטיקעל פלייש! און אויסער דעם די ביטערקייט פון צו פּראַוועַן אַ ברית... און דעם „פּעקעל" ניט צו פאַרזינדיגען, מוזען פּראַוועַן אַלע יאָהר... דער אויבערשטער שפּילט זיך מיט איהר אין צו להכעים... די גאַנצע 9 מאָנאַטען בעט זי זיך רחמים: כאָטש איין מיידעלע! זי וויינט מיט טרעהרען! און — גאָר ניט!...

חיים האָט אָבער ניט געוואָלט הערען און זעהן דערפון, ווייל ער געדענקט דעם טאַטע׳ס ווערטער: „מען טאָר ניט איבערלאָזען ברויט און זוכען אַנדערען!" און ער איז טאַקע געוועזען צופרידען מיט זיין לעבען. ער איז אַ געבוירענער אין דעם דערפעל. קאָן אַלע גוים — ביים נאָמען, און גאַנץ דאָרף, פון גרויס ביז קליין, קאָנען איהם. אפילו די קליינע קינדער וויסען, אַז ער איז חיים און זיין ווייב איז חיה׳איטשקא, כאָטש איהר ריכטיגער נאָמען איז געווען פריידע־לאה און חיים האָט זיך דע־ריבער געפיהלט דאָ זעהר היימיש!

דאָס איינציגע, וואָס ער האָט געליטען פונ׳ם דאָרפישען לע־

בען, איז געווען דאָס איבערקומען די ימים נוראים, די צעהן „שרעקעדיגע" טעג, וועלכע ער פלעגט פאַרברענגען יעדען מאָל מיט זיין גאַנצען געזינדעל אין א קליין שטעדטעל, א 50 וויאָרסט פונ'ם דערפעל.

דער יום טוב איז פאַר חיים'ען געווען דער גרעסטער יאָך, די שווערסטע לאַסט אין זיין לעבען!

ערשטען דער אויסקליידען זיך פון אונטער דער נאָדעל: פון א העמד ביז א שוך!...

ביי איהם מיט פריידע-לאה'ן זיינען געווען כמעט ניי די חתונה־קליידער, וועלכע מע פלעגט באַלד נאָך יום טוב איבערשיטען מיט פעפער און מיט שמעק־טאַבאַק און מע פלעגט דאָס אין א ליילעך, טאַקע נאָך אויך א „גאַרדעראָבע" ליילעך, פון אייגענע געוועבטע לייוועגט פאַרנייען דאָס אין א פּאַק און אויפהענגען אויף א „קריוק" אונטער'ן באַלקען, ניט ווייט פונ'ם אויוועז. אויסער פאַר זיך א פּאָר שטיוועל מיט א היטעל און פאַר דער ווייב אויך א פּאָר „שטיבעלעטען", ווי ער פלעגט דאָס רופען, מיט א ווייסער פאַט־שיילקע, האָט ער קיין זאַך ניט געדאַרפט. אָבער פאַר די קליינ־וואַרג, פאַר די 8 „ממזרים'לעך", ווי ער פלעגט זיי רופען, אוים ליבשאַפט, פאַר זייער נעראָטענקייט — האָט מען געמוזט האָבען אַלעס פון דאָס ניי, ווייל איבער ווינטער פלעגען זיי דאָס צו „שנאַ־פּערען" אויף לאָקשען... זומער האָבען זיי דאָס ניט געדאַרפט. אָבער פאַר יום טוב איז דאָס געווען א גזר־דין!... און דאָס מיינט טאַקע קאַפּאָטקעלעך, שטיוועלעך און היטעלעך פאַר 8 קינדער, זאָלען זיין געזונט און שטאַרק! און פאַר די גרעסערע האָט מען געמוזט האָבען „שאַרעוואַרטשיקעס" אויך, ווי חיים פלעגט עס רו־זען די תחתונים.

נאָר דאָס וואָלט שוין חיים מוחל געווען. אמת טאַקע א צו גרויסע הוצאה, אָבער מילא... „ראַזאַראיעט מען" זיך א מאָל אין יאָהר! דאָס איז דאָך ניט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג!... און ווי איז דער דין מיט א ברית?.. מע שטרענגט זיך אָן אביסעל און מע קומט איבער...

די הויפּט זאַך פון וואָס איהם פלעגט ווערען פינסטער אין די אויגען, קומענדיג צווישען לייטען, איז וואָס די קינדער האָבען ניט

געקענט קיין אידיש רעדען, און א גאַנצען מאָנאַט פאר יום טוב פלעגט ער זיין אונטער פיענע, קנעלענדיג מיט זיי, אז זיי זאָלען זיך אויף קיין זאַך ניט וואונדערען, ניט ריידען קיין וואָרט, אויסער נאָר נאָכשרייען נאָך אַלעמען: „ברוך הוא וברוך שמו" און „אָמן" און זיי זאָלען חס וחלילה ניט אויסשרייען דעם מאָל: אוואי סקאַלקאַ זשידאָוו?! (אוי, וויפיל אידען?!) ס'איז איהם געווען א חרפה אז ער האָט פראַסט געזוכט א גרוב אונטער זיך!...

חיים איז בטבע געווען א הייסער פאָטער. זיין האַנד איז קיינמאָל אויף א קינד ניט געווען.

„זאָלען זיי וואַקסען — פלעגט ער זאָגען — אז זיי וועלען זיך אריינכאַפען צו ניקאָלאַי'ען אין די הענד, וועט ער זיי שוין מאַכען פאר מענשען!..." נאָר דיזען מאָל, ניט ווילענדיג קומען צו בזיונות, איז ער מיט זיי זעהר שטרענג געווען און יעדען פון זיי מכבד געווען: מיט א פאַטש, מיט א שטורך אָדער מיט א גור־טען ציה פאר'ן אויער — עפעס האָט יעדער איינער געקראָגען, פון זכרון וועגען...

און באמת האָט דאָס טאַקע גוט געווירקט. דעם ערשטען טאָג ראש השנה זיינען אַלע געווען שטיל, ווי די „קאָטיקעס" — ניט א וואָרט האָט מען פון זיי געהערט דעם גאַנצען דאַווענען! מיט אָפענע מיילער האָבען זיי זיך צוגעהערט צו דעם זינגען, צו די „סטראַקאַטע" ווערטער און ווי זיי פלעגען דערהערען דעם „ברוך הוא", פלעגען זיי „זאַלפּאַם", ווי דער פאָטער האָט געלערענט, ארויס־לאָזען מיט איין קול א „ברוך הוא ברוך שמו", אזש די שויבען האָבען געציטערט! און חיים האָט אָנגעקוואָלען פאר נחת און מיט פאַרגלאַנצטע אויגען צום באַלקען האָט ער גע'טענה'ט:

„נאָר אָנגענומען, אָנגענומען זאָל דאָס זיין, ביי זיין ליבען נאָמען, און ער זאָל זיי אויסשמידען" א גוטען, א געזונטען יאָהר פון אמת'ן שטאָל"!... אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען דער חזן מיט'ן טלית אריבער'ן קאָפּ, האָט זיך געוואָרפען און געדרעהט אין אַלע זייטען פאר התלהבות, בעטענדיג א גוט יאָהר פאר זיך מיט זיינע קינדער און, מוזענדיג מוחל זיין אַלעמען זייערע עולות, האָט ער טאַקע געהאַט אין זינען די ווייב אויך, — האָט זיך וועלוועלע,

דער בכור'ל, „איינגעקערט" מיט'ן שופר און האָט איהם אריינגע־רוקט צו זיך אין א כאַליאווע.

„דער ראָזשאָק" וועט זיין אזוי ווי געוואונשען פאר וואנקע פראַנארעס, אויף צו האלטען שים־פולוועד. און וואנקע וועט איהם געבען דערפאר אפשר צעהן מאָל אויסצושיסען פון זיין ביקס! איהם ציהט אזוי צו פּרואווען שיסען — זעהן צי וואָלט ער קענען פאַרטרעפען אין דער אלטער הימעל, וועלכע וואנקע וועט איהם אונטערוואַרפען אין דער לופטען, אזוי ווי ער, וועלוועלע, טוט דאָס פאר איהם".

אז ס'איז געקומען צו „אתה זוכר מעשה עולם" און דער חזן, וועלכער איז אויך געווען דער בעל תקיעה, האָט א פּאטש גע־טאָן אָן סטענדער, דער עולם זאָל שטיל ווערען הערען די תקיעות, האָט ער ניט געהאט דעם שופר.

„נו, אא! אך!"... האָט ער געשריען צוואוארפענדיג די הענד. ס'האָט אָבער קיין זאך ניט געהאָלפען. קיינעם איז ניט איינגעפאלען, אזא צרה זאָל טרעפען און דער עולם האָט אונגע־דולדיג פארלאַנגט די תקיעות.

„אך, נו! אאך!" האָט זיך געהערט פון אלע זייטען.

דער בעל תקיעה איז געוואָרען זעהר פארצווייפעלט, — האָט אויסגעשריען „שופר" און האָט ערקלערט פאר'ן עולם אויפ'ן שטור־מען לשון, מאכענדיג מיט די הענד, אז ער האָט ניט אין וואָס צו בלאָזען.

דער שמש איז דערווייל אויף גיך אויסגעשטאנען די שמונה עשרה פון מוסף און איז צוגעגאנגען צום רב פרעגען, וואָס טוט מען, דער שופר איז ניט געוואָרען?

דער רב האָט א טראכט געטאָן אביסעל און, אָנשטאָט אָן ענט־פער, אָנגעהויבען זאָגען: „אתה זוכר מעשה עולם".

דער שמש האָט פארשטאנען, וואָס דער רב מיינט. דאָס הייסט, אז מע קאָן דאָך אייביג ניט שטעהן און ווארטען, און האָט אויס־גערופען אויפ'ן קול, אז דער רבי דאוועגט אָהן די תקיעות, הייסט עס, אז עס איז נישקשה אזוי!

מיט א ווייליע שפּעטער האָט בערע דער קצב, א הויכער, שטאר־קער איד, געטראָגען וועלוועל'ען הויך אין דע לופטען, האלטענ־

דיג איהם פאַר אַן אויער און פאַר׳ן קאַלנער פונ׳ם נייעם מלבוש׳ל און דער אינגעל האָט פאַרצווייפעלט געשריען און געוויינט.

חיים האָט דאָס דערזעהן און האָט אַזש אויסגעשריען פאַר שרעק, אַזוי, ווי אַ קויל וואָלט איהם געטראָפען! זיין האַרץ האָט עפּעס דערפיהלט אַן אונגליק...

— וואָס איז די מעשה, — וואָס איז געשעהן? האָט חיים מיט אַ ציטערענדע שטימע געפרעגט דעם קצב, אַרויסרייסענדיג ביי איהם דאָס קינד פון די הענד — דאָס איז ניט קיין קעלבעל, אַוואוהין שלעפּט איהר איהם? האָט חיים הויך אויסגעשריען, ווערענדיג שטאַרק אין כעס פון פאַרדרוס אויף דעם אויער און אויף דער קאַפּאָטקעלע.

— אַזוי, דאָס איז דיינס אַ תכשיט? אַזאַ מזל דיר! גיב נאָר אַ קוק, וואָס ער האָט אין זיין כאַליאַווקע! האָט זיך דער הויכער איד אַזוי ווי פאַרענטפערט — איהר ווילט זעהן, אידען, ווער ס׳האָט אונז דעם יאָהר צושטערט די תקיעות? האָט ער באַלד הויך אויסגעשריען, אַרויסכאַפּענדיג דעם שופר פון וועל־וועל׳ס כאַליאַווע און אויפהויבענדיג אין דער הויך — אָט ווער איז אונזער שטן מקטרג!...

— וואָס איז ער נעבעך שולדיג? האָט חיים געזוכט צו פאַר־ענטפערען זיין קינד — אַז ער ווייסט ניט מיט וואָס מען עסט דאָס...

„אַרויסגעוואָרפען מיין גאַנצע האַרעוואַניע! — האָט איהם געריסען דאָס האַרץ — אַזוי פיל בוכטשעס, שטורכעס אַריינגעהאַ־מערט און דאָך ניט אויסגעהאַלטען אידישקייט"...

ער טוט נעבעך זיינע פליכטען.

היינט האָט זיך סעמקע דער פּרעסער דערפיהלט, אַז ער האָט זיך די גאַנצע צייט באַדאַרפט שרעקען פאַר'ן לעבען, ניט פאַר'ן טויט...

ווי אַ שטיק האָלץ האָט ער זיך געלאָזט אַריינזעצען אין דעם דריי רעדעלדיגען וועגעלע און פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט זיך נאָר יעצט אויף ריכטיג איבערצייגט, אַז ער איז אָהן פּיס און אַז זיין לעבען איז איהם יעצט איבעריג...

די פיר וואָכען, וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין האָספּיטאַל, האָט ער ניט געהאַט קיין צייט צו דענקען דערפון. ער האָט גע־וואוסט, אַז מ'האָט איהם אָפּגעשניטען די פּיס; ער האָט זיך אָבער ניט געקימערט וועגען זיי; וואָס טויגען זיי איהם, צו־בראָכענע, צומאָלענע מיט'ן אויטאָמאָביל? מ'האָט דאָך זיי גע־מוזט אָפּשניידען, אום צו רעטען זיין לעבען; אויך האָט מען דאָס דאָך געטאָן אָהן זיין וויסען... ער ווייסט אפילו ניט, ווי לאַנג ס'האָט גענומען די גאַנצע „חתונה"...

דערזעהענדיג ווי די גרויסע מאַשין פליהט אויף איהם, האָט ער זיך פאַר שרעק צונויפגעקאָרטשעט אין אַ קנויל און שטאַרק פאַרמאַכט די אויגען, און וואָס ווייטער איז מיט איהם געווען, ווייסט ער ניט.

ער האָט אויפגעעפענט די אויגען, ליגענדיג אין בעט אין האָספּיטאַל. דער קאָפּ האָט איהם שטאַרק וועה געטאָן; אין די אויערען האָט גערוישט, געקלונגען; אין מויל טרוקען; אין גאַנצען שוואַך, שלעפעריג; מענשען דרעהען זיך אַרום אין ווייסע קיטלען... זיינע אויגען האָבען זיך פאַרמאַכט צוזאַמענגעשלאָסען און ער פיהלט זיך ליגענדיג אויף היי, אונטער אַ באַנק אין חדר קטן

פון דער אַלטער ליובאַוויטשער שוהל, אין זיין שטעדטעל, ערגעץ ווייט אין דער ליטא... זלמן דער קצב זיצט אויף זיינע פיס און זאָגט זיך גאַנץ געמיטליך זיין מחזיר...

„רבי זלמן, האָט רחמנות! איך פיהל שוין מיינע פיס ניט!"

— וויל ער איהם זאָגען און קען ניט פאר שוואַכקייט — א שוועדער יום כפור!...

— כתר! כתר הויבט זיך, אידען! איז דער קצב מיט אימפעט אויפגעשפרונגען, גיבענדיג איהם א שטאַרקען דריק אין זיינע פיס...

פאַר וועהטאָג האָט ער אויפגעעפענט זיינע אויגען און דערזעהן דעם האָספּיטאַל דאָקטאָר, פאַרענדיג זיך ארום זיינע פיס. ער האָט שוין דאן געוואוסט, וואו ער איז, וואָס מיט איהם טוט זיך...

ער האָט זיך אָבער ווייניג געקימערט וועגען זיינע פיס, האָט זיך נאָר געשראָגען פאר׳ן טויט, זעהענדיג צופיל טויטען־פעלע און האָט נאָר געבעטען גאָט, ער זאָל איהם שענקען דאָס לעבען.

יעצט פאַרשטעהט ער, אז זיין שרעקען זיך איז געווען נאַריש, וויל, וואָס טויג איהם דאָס לעבען אָהן פיס?

ביי זיין פרוי איז ער יעצט א „געצייג" צו מאַכען געלד — זי לייגט אויף איהם גאַנצע האָפנונגען!... ער איז זיכער אין דעם, ער פאַרשטעהט דאָס אָן איהרע פריינדליכע בליקען...

זיינע קינדער זיינען קליינע, לאָבען זיי פון איהם: „דער פּאַ איז געוואָרען א בייבי"... אז ער דאַרף אמאָל אָנקומען צו זייער „לאַסקע"... מ׳איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש... קייכען זיך די קינדער לאַכענדיג, זיי האָבען דעם גרעסטען „פאָן"...

ער פיהלט יעצט, אַזוי זיין גרעסטער גליק וואָלט געווען — ארונטערוואַרפען זיך פון רוף... אָבער, ווי קומט די קאַץ איבער׳ן וואַסער?...

און דאָ ריכט איהם אויס דאָס ווייב אויף׳ן וועגעלע, ער זאָל פאָהרען צום סטיישאָן פון דעם עלעווייטאָר טריין, זיצען א גאַנצען טאָג מיט אָן אויסגעשטרעקטער האַנד...

איהם איז פינסטער די וועלט! ער קאָן דאָס ניט טאָן!..

אזא חרפה! א פרישער ,א געזונטער, און ברוך הבא — א שנאָ־רער!...

— אפשר עפּעס אנדערש טאָן? — בעט ער זיך ביי דער פרוי.

— וואָס קען טאָן א קאַליקע? — ברעכט אוים די פרוי אין א געוויין.

ער וואַרפט א טריבען בליק אויף דעם לײדיגען אָרט אין זיין וועגעלע, לאָזט ארוים א טיפען שמערצליכען זיפץ און פאָהרט אוועק. ער האַלט דעם קאָפּ אזוי נידעריג אונטערגעבויגען, אז קיינער זאָל איהם ניט דערקענען. זיין הארץ קלאַפּט פּיבעריש פון שאַנדע, ער איז אזוי ווי זיכער, אז אַלע ווייסען שוין וואוהין און נאָך וואָס ער פאָהרט...

— מיין טייערער... אָרעמער סעם! — איז איהם פּלוצלונג די פרוי פארלאָפען דעם וועג — קעהר זיך אום צוריק! איך זעה, אז דיין נשמה איז צו איידעל פאר אזא זאך!... קעהר זיך אום!... איך וועל סקראָבען פלאָרס, וואשען וועש און וועל שפּייזען זיך מיט מיינע קנידערלאך אזוי לאַנג, ווי מיינע כחות וועלען טראָגען...

ביי איהם האָבען זיך אָנגעפילט די אויגען מיט טרעהרען, זיין נשמה איז געוועזן געריהרט ביז צום גרונד.. ער האָט זיך, אָהן ווערטער, באפרייט פון איהר און איז שנעל, מיט אן אויפגעהויי־בענעם קאָפּ געפאָהרען צום סטיישאָן און נאָך אויפ'ן וועג האָט ער שוין מיט מוט, רחמנות'דיג געקוקט יעדען אין די אויגען...

קומענדיג צום סטיישאָן האָט ער זיך אזוי ווי אריינגעוואָר־פען מיט זיין גאַנצער נשמה אין א פארצווייפעלטען קאַמף פאר דער עקזיסטענץ פון זיין גוטער פרוי מיט די אונשולדיגע קינ־דערלאך און האָט מיט נצחון אויסגעשריען: „שענקט א נדבה! שענקט"...

דער „שווינדלער."

חיים ציפקין, אן אינטעליגענטער יונגער מאַן, קאַלאַמבוס'עס אַ בעל מלאכה, אַ פּיינטער, איז קיין גביר קיינמאָל ניט געווען. זומער־צייט פלעגט ער אָפּשפּאָרען „אַ פּאָר דאָלאַר", ווינטער „צו־צוקערען" דאָס אויף ברויט מיט קוילען. און פאר לייטען האָט דאָס געהייסען: ער מאַכט אַ לעבען".

זיין פרוי האָט זיך עפּעס ניט אויסגערעכענט גוט און איז געלעגען געוואָרען, פּונקט ווי אויף צו להכעיס, מיט אַ זעקסטע קינד, אין אַ צייט ווען איהר מאַן האָט שוין עטליכע וואָכען ניט געארבייט.

מילא, אַ ווארטס־פרוי האָט ער שוין ניט אריינגענומען, האָט אליין געטאָן די אלע מלאכות, ס'האָט דאָך נאָך „עפּעס" אויסגע־פעלט אין הויז, — ס'האָט געפעלט ברויט!

פאר'משכנ'ען, פארקויפען פון הויז איז ניט געווען וואָס; באָרגען, לייהען האָט איהם שוין קיינער מעהר ניט געוואָלט; צדקה אָנשטאָלטען האָבען איהם אנטזאגט די מינדסטע הילף, אויף דעם גרונד, אַז זיי דארפען נאָר העלפען קראַנקע מענער און אלמנות מיט יתומים.

ווען ציפּקין וואָלט זיך אפילו געוואונשען צו ווערען בּארעכ־טיגט צו איינע פון אזעלכע „פּריווילעגיעס", האָבען אָבער די יעצטיגע אומשטענדען איהם דאָס ניט ערלויבט...

האָט ער, שטילערהייט ביי זיך, באשלאָסען, בסודי־סודות פון זיין פרוי: אַ פאָהר טאָן אויף דער גיך אין אַ זייטיגער שטעט־טעל, וואו ער איז געווען זיכער ניט צו טרעפען זיך מיט אַ באַ־קאַנטען, און פּראָסט בעטען אַ נדבה.

זיין כונה איז ניט געווען צו ווערען, חס וחלילה, אַ שטענ־

דינגער בעטלער און געוועגליך א „געהיימער גביר". ניין! נאָר צו שווארצען די אויגען עטליכע שעה און ברייגגען אהיים א פּאָר דאָלאַר, צו האָבען אויף א פּאָר טעג מיט וואָס דער קינדבעטאָרען „אָפּפיהרען" די נשמה און פאַרשטאָפּען די מיילער פון די קליינע קינדער, וועלכע הרג'ענען זיך פּראָסט פאַר א שטיקעל ברויט!...

שטיל אין הארצען האָט ער געהאָפט, אז פיליכט וועט איהם געלינגען צו מאַכען עטליכע דאָלאַר מעהר צו באַצאָהלען רענט, וועלכע איז איהם ווי א חלף געלעגען אויף זיין האלז און וועלכע ער האָט געמוזט טאַקע אויף מאָרגען באַצאָהלען.

קומענדיג אין דער שטעדטעל, וואו ער האָט זיך משער געווען, אויף גיך מאַכען עטליכע דאָלאַר, איז ער א גאַנצע שטונדע ארומגעגאַנגען אין די גאַסען, ניט האָבענדיג קיין מוט צו עפענען א מויל....

איהם האָט געוואָרפען אין היץ און אין קעלט, א קאַלטער שוויים איז ארויסגעטראָטען אויף זיין שטערען!...

ער האָט בכיון אריינגענומען אין די געדאַנקען זיינע אומשטענדען; האָט טיף צו הארצען גענומען די לאַגע פון זיין פרוי און קינדער; האָט זיך פאַרגעשטעלט וואָס פאַר א שמחה עס וועט ווערען אין הויז, ווען ער ברייגגט אריין א פרישען ברויט'ל מיט א פערטעל פוטער און דער קלייניקער שרה'קען, וועלכע פויזעט ארום א נאַסע, א פאַרשמוצטע אויפ'ן פלאָר — א געזאָלצענעם בייגעלע, און ווער שמועסט שוין, ווען ער זאָל ברייגגען אַלע קינדער צו „פּלעצעל'ס", וואָס פאַר א שטראַהל פון גליק עס וואָלט אריינגעשטראָמט אין הויז!....

דער קינדבעטאָרען וואָלט צוגעקומען א שטיק געזונט, פון דעם קינדערשען פאַרגעניגען!

זי ליגט נעבאך, מיט א פאַרקלעמט הארץ און חלשות געהט איהר אָן, הערענדיג, ווי די קינדער וויינען פאַר א שטיקעל ברויט...

ציפּקין האָט זיך אזוי ווי מיט געוואַלד אריינגעשטופּט אין א סטאָר און האָט זיך געצוואונגען בעטען א נדבה!

אין עטליכע סטאָרס האָט מען איהם געפרעגט:

— גאָר א נדבה! קאָן מען דען עפּעס ניט ארבייטען?

ווען ער האָט זיי ערקלערט זיין לאַגע, האָבען אייניגע מיט א

זיפּץ געענטפּערט. אז ס'איז ניטאָ קיין סענט, אז ער זאָל מוחל זיין — צוריק געהענדיג.... אָדער אַ צווייטען מאָל...

אין איינינע סטאָרס האָט מען איהם געפרעגט:

— ווי האָט דאָס ניט אַ מאַן קיין חרפה און קיין בושה צו זיין אַ פרישער, אַ געזונטער, מיט אַלע אברים?...

ער האָט געמוזט פאר יעדען דערצעהלען זיין לאַגע און האָט געזעהן, אז זיינע ווערטער מאַכען ניט אויף קיינעם דעם מינדסטען איינדרוק.

איינער האָט איהם געגעבען אַ סענט, און האָט איהם געוואָרנט, אז ער זאָל אויפגעבען זיינע „ביזנעס", אויב ער וויל ניט אַרעסטירט ווערען, ווייל די שטאָדט זוכט זיך נאָך אַזעלכע „פויגעלאך"...

ציפקין איז געוואָרען אַ פאַרציטערטער און האָט שוין גע־וואָלט לויפען אהיים, ער האָט אָבער ניט געקאָנט באַשליסען זיך צו פאָהרען אהיים אָהן געלט און דערווייל איז נאָך זעהר ווייט צו זיינע לופט־שלעסער"...

שלינקע גיסט זיך ביי איהם, ביי דעם געדאַנק וועגען אַ פרישען ברויט'ל מיט פוטער.... וועגען די „פּלעצעלס".... און וועגען „עפּעס", מיט וואָס מחיה צו זיין די קינדבעטאָרין, האָט איהם געצופּט ביים הארצען!

„ס'העלפט קיין זאַך ניט, מען מוז שווינדלען!" איז איהם איינגעפאַלען — "אפשר וועט ער דאָך מאַכען עטליכע דאָלאַר?"...

— האָט רחמנות! — האָט ער זיך געווענדעט צו די ערשטע צוויי, אויפ'ן אויסזיכט פאַרמעגליכע מענער, וועלכע ער האָט באַגעגענט — העלפט מיר מיט 25 סענט צו דערפאָהרען אהיים! ער האָט זיי ערקלערט, אז ער פאָהרט פון ווייט און האָט פאַרלאָרען זיין געלט. האָט זיי אויך אין קורצען באַקענט מיט דער לאַגע פון זיין ווייב און קינדער.

אויסהערענדיג איהם און זעהענדיג אין אַלעם דעם ריינעם אמת, ניט קאָנענדיג בלייבען גלייכגילטיג צו זיינע אומשטענדען, האָבען זיי איהם גלייך געגעבען דאָס געלט, און ציפּקין איז ער־מוטיגט געוואָרען, האָט זיך גליקליך געשעצט מיט זיין איינפאַל

און זיך באַשלאָסען פאַרטצווזעצען זיין שווינדעל ביז ער וועט האָבען עטליכע דאָלאַר.

איינער פון די צוויי מענער איז געווען א קלוגער אידעל, מיט א גמרא־קאָפּ, און האָט באַלד חושד געווען ציפּקינ׳ען פאַר ניט א גלאַטען״, האָט זיך געלאָזען שפּיאָנירען איהם און האָט איהם טאַקע באַלד „געפּאַקט״ אריינגעהענדיג אין א סטאָר און „קנעד־לענדיג״ דאָרטען אויף דעם זעלבען „נוסח״...

— וואָס איז דאָס? — האָט ער אויף איהם פּלוצלונג א געשריי געטאָן — נאָכדעם ווי איך האָב אייך געגעבען די נויטיגע סומע געלט אהיים צו פאָהרען, געהט איהר ווידער בעטלען? די 25 סענט צוריק!

ציפּקין האָט זיך אזוי דערשראָקען און פארשעמט, אז ער האָט זיך באַלד ניט געפונען מיט וואָס צו פאַרענטפערען און איידער ער איז געקומען צו זיך, איז שוין ארום איהם געווען א רעדעל מיט מענשען און ער האָט געקראָגען קלעפּ פון אלע זייטען! יעדערען האָט זיך געוואָלט צולייגען א האַנט — כאַפּען א מצוה! און א צו׳הרג׳עטען, א צוקאַליעטשעטען האָט מען איהם געשלעפּט אין סטיישאָן הויז, איבערצוגעבען איהם אין די הענט פון „ריכטיגע גערעכטיגקייט״. נאָר דער בעל צדקה האָט שוין אזוי ווייט ניט דערלאָזען, האָט איהם באַפרייט פון דעם צורייצטען המון, האָט איהם צוגעפיהרט צום טריין און געלאָזען פראַנק און פריי פאָהרען אהיים, אָנזאָגענדיג איהם נאָר, אז ער זאָל מעהר ניט וואָגען אריינשמעקען אין שטעדטעל.

פאָהרענדיג א פאַררוקטער אין א ווינקעל, ארונטערגעצויגען דעם הוט אויף די אויגען, האָט ער אינגאַנצען פארגעסען אָן זיינע וועהטאָגען, איהם האָט געעגבערט דעם מוח איין זאַך: ווי קאָן ער פאָהרען אהיים מיט ליידיגע הענט?

דאָס גאַנצע בלוט האָט איהם א זעץ געטאָן אין קאָפּ אריין, אין די שלייפען האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס!...

„ווי קאָן ער אריינגעהן אין הויז!״

ער זעהט פאַר זיך זיין טויט־בלאַסע פרוי, מיט איהר ליבלי־כען, סימפּאַטישען אויסזעהן, זי ליגט מאַכטלאָז, מיט דעם נייע־געבאָרענעם נפש׳ל צוגעדריקט צום ליידיגען ברוסט; איהרע

אויגען זיינען מאַט, אויסגעלאָשען; די ליפּען שוואַרץ, צוטריקענט, פאַרשמאַכט...

די שעהנע, ליבע קינדערלאך שטעהען אַלע אין איין „קופּ־קעלע" ביים פענסטער, טויט־בלאַסע, מיט פאַרקלעמטע הערצעלאך, זיי וואַרטען אויפ'ן פּאַפּאַ — ער וועט ברייגנען ברויט! און אַ שטראָם טרערען האָט אַרויסגעזעצט פון זיינע אויגען....

די צויבער־אויגען.

דזשייק דער קלאָוקס־אָפּרייטאָר איז געווען אַ טייערער בעל־מלאָכה, אַ שנעלע האַנד און וואָלט געמאַכט אַ שעהן לעבען.

האָט זיך איהם אָבער פאַרגלוסט פּרובירען זיין מזל אין קאָר־טען; און וואָס מעהר ער האָט פאַרשפּילט, אַלץ מעהר האָט זיך איהם געוואָלט געווינען...

געקראָגען דעם טשעק פאַר אַ שווערע וואָך ארבייט, גלייך אויסגעביטען אויף קליין־געלד און אריינגעכאַפּט זיך אין אַ הינ־טערשטען חדר'ל פון אַ סאַלון, וואו „גוטע פריינד" האָבען שוין אויף איהם געוואַרט מיט אַ נייעם „טעשעל".

„גוטע פריינד", מיט וועלכע ער פלעגט זיך געזעגענען מיט אַ שווער האַרץ און לייכטע קעשענעס...

די ערשטע צייטען פלעגט ער געפינען פאַר דער פרוי פאַר־שיידענע תירוצים, נאָר שפּעטער, אַז דער „קוואַל האָט זיך אויס־געשעפּט און די ווייב איז איהם „דערגאַנגען די יאָהרען", האָט ער דאָס ניט געוואָלט ליידען און האָט זי באַליידיגט מיט גראָבע ווער־טער...

זי, אַ ציטעריגע בת־יחידה, האָט דאָס ניט געקאָנט פאַר־טראָגען, האָט געוויינט, געקלאָגט, געצווינגען הימעל צו דער ערד.

אין הויז האָט אויסגעפעהלט דאָס נויטיגסטע. זי האָט גע־מוזט וואַשען פרעמדע וועש, אום צו ערנעהרען זיך און אויך דעם גוטען בעל־מלאָכה, די שנעלע האַנד...

פון לינע'ן איז געוואָרען אַ תל. די שעהנע לינא, די שעהנ־סטע אין שטאָדט, רב פייוועלע דעם גביר'ס טאָכטער, איז שוין מעהר ניטאָ... ס'געהט אום אויף איהר אָרט אַ שאָטען פון אַ סקעלעט.

דזשייק סטאַרעט זיך שוין צו קומען אהיים וואָס שפּעטער, ווייל די ווייב איז געוואָרען אַן אמת'ע ארורה. מיט איהרע רייד אליין קאָן זי ארויסציהען די נשמה. היינט וואו זיינען די טרעה־רען?! און די קללות זיינען אויך ניט אַזוי ליב. און ווייטער איז טאַקע ניט ליב געוואָרען די היים — ס'איז ניטאָ אויף וועמען א קוק צו טאָן.

ער האָט שוין עטליכע מאָל געהאַט באַשלאָסען אין גאַנצען פאַרלאָזען די הויז. אַלעס, וואָס איהם האַלט אָפּ איז די נייע־געבאָרענע רבקה'לע, מיט איהרע וואונדער שעהנע אויגעלאַך. עפּעס אַ מאָדנע קראַפט האָבען די שוואַרצע בריליאַנטען... און אויסער דעם קאָן מען דאָך מיט לעדיגע הענד ניט לויפען.

ער האָט זיך ענדליך דאָך באַשלאָסען לויפען, וואו די אויגען וועלען איהם טראָגען, ווייל אַ שווערער טאָג ארבייט מיט אַ „ביי־טערע" נאַכט איז פאַר איהם שוין געוואָרען אונערטרעגליך!

און צוליב דעם האָט שוין היינט דזשייק באַקעמפט דעם „יצר הרע". ער האָט אָפּגעביטען דעם טשעק פון 25 דאָלאַר, געספּענדט אין סאַלון נאָר 10 סענט און איז מיט דעם געלד אַוועק אהיים מיט דעם באַשלוס: איבערטאָן זיך אין בעסערע קליידער; איבערלאָזען דער ווייב עטליכע דאָלאַר און רבקה'לען עטליכע קושען און — „היידא" אויף אימער!

ער איז אריין אין הויז. די גאַז ברענט קליין; אויפ'ן אויוועני קאָכט זיך אַ גרויסער טאָפּ פרעמדע וועש (פאַר די אייגענע וועש האָט זי ניט באַדאַרפט האָבען קיין גרויסען טאָפּ); די קיך איז פול מיט פּאַרע; די לופט איז שווער — דערשטיקט צו ווערען!

— מיין פינסטערער מזל! — איז ער אויפגערעגט געוואָרען — איך מוז לויפען פון דאַנען. איך בין נאָך יונג און שטאַרק און קאָן נאָך געניסען פון לעבען.

— די פרוי? דאָס קינד?... אָה, ס'זיינען דאָ גענוג אונגליקליכע פרויען און קינדער אויף דער וועלט! איך קאָן זיי אַלעמען ניט פאַרזאָרגען...

די אויסגעמוטשעטע פרוי איז יעצט געשלאָפען זיצענדיג אין אַ שטוהל אין אַ ווינקעל פון קיך, מיט'ן קינד אויפ'ן שויס.

דזשייק האָט זיך געהיט ניט אַ קוק צו טאָן אויף זיי, מורא האָבענדיג, אַז דאָס זאָל איהם ניט שטערען זיין פּלאַן... מ'איז דאָך ניט מעהר ווי אַ מענש...

ער האָט זיך שנעל איבערגעטאָן אין די שבת'דיגע קליידער; פאַרנומען אַלע זיינע בילדער מיט דער יוניאָן־קאַרד און איז שטיל ארויס פון הויז; איז איבערגעגאַנגען די גאַס און האָט זיך אומ־געקעהרט ווארפען אַ לעצטען בליק אויף דעם לעבעדיגען ,,קבר", אין וועלכען ער האָט איבערגעלאָזען אַ „בארג" איבערלעבונגען, אַ „ים" עראינערונגען פון גליקליכע צייטען.

— יאַ, אַ לעצטע לאַפּעטע זאַמד אויף דעם לעבעדיגען קבר! — האָט זיך ביי איהם מיט אַ זיפץ ארויסגעריסען — דאָ לאָז איך איבער אַלעס, וואָס מיר איז אַמאָל אַזוי ליב, אַזוי טייער געוועזן. דאָ איז באַגראָבען דער שטאָלץ פון מיינע בליהענדע יאָהרען. אַ טייל פון מיין בלוט און פלייש, און דער גרעסטער טייל פון מיין נשמה.

„אַ קוק טאָן נאָך איין מאָל אויף דער חורבה פון זיין גליק־ליכער פאַרגאַנגענהייט — האָט זיך מיט אַ וועהטאָג אַ צאַפּעל געטאָן זיין הארץ — אָנקושען די אונשולדיגע נשמה'לע!"

ער האָט זיך אַביסעל געשלאָגען מיט דער דעה און איז שנעל אריינגעלאָפען אין הויז.

די פרוי איז נאָך געוועזן אין דער זעלבער פּאָזע, נאָר דאָס קינד האָט זיך אויפגערעגט געשפּילט מיט דער אָפּגעצויגענער ברוסט.

דערזעהענדיג דעם פאָטער, האָט זי אָנגעשטעלט אויף איהם איהרע גרויסע שווארצע אויגען.

ביי דזשייק'ן האָט אַ ציטער געטאָן דאָס הארץ. ער האָט יעצט ערשט איינגעזעהן די קראַפט פון די „שווארצע בריליאַנטען". ער האָט זיך יעצט איבערצייגט, אַז דאָס קוקען אויף איהם „יענע" אויגען, וועלכע האָבען מיט עטליכע יאָהר צוריק אָנגעצונדען דעם ערשטען ליבעס־פייער אין זיין הארצען.

איהם האָט זיך געוואָלט קוקען אויף די אויגען, וואָס לענגער און דורכלעבען די זיסע, אַנגענעהמע מאָמענטען פון דער פאַר־גאַנגענהייט.

זיינע בליקען זיינען, געגען זיין ווילען, געפאַלען אויף דער

פרוי. איהר געזיכט איז געווען טויט-בלאַס מיט איינגעשרומפּטע באַקען; די ליפּען ווייס און האָבען זיך פון צייט צו צייט באַוועגט, געציטערט; אויפ'ן האַלז עטליכע בלאָהע אָדערען; די איינגע־פאַלענע ברוסט האָט זיך שטאַרק געהויבען און די האַרץ האָט שנעל געקלאַפּט.

דזשייק האָט געפיהלט עקעל צו דער מיאוס־ער פרוי און האָט געוואָלט שנעלער אנטלויפען פון הויז. אָבער א ליבליכער שמייכעל פון דעם אונשולדיגען נפש'ל האָט איהם צוגעשמידט צום אָרט.

ער האָט יעצט א צווייטען מאָל דערפיהלט, אז דאָס קוקען אויף איהם די אונשולדיגע אויגען פון זיין פרוי, ווען זי איז נאָך 14 יאָהר אלט געווען...

די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט איז דורכגעלאָפען אין זיינע געדאַנקען.

ער זעהט זיך יעצט ניט אלס דזשייק דער אפּרייטאָר, נאָר אלס יאַקאָוו גריגאָריעוויטש קאַפּלאַן, דער טשאַסטנער אוטשיטעל; ווי ער גיט דעם אוראָק צו רב פּייוועלע דעם גביר'ס טאָכטער, די 14 יעהריגע לענאַ קאַהאַן, צו וועמעס שעהנקייט עס איז קיין גלייכען ניט געווען!

ער עראינערט זיך יעצט, ווי גליקליך ער האָט זיך דאַן געשעצט, וואָס זיין גליהענדע ליבע האָט אַן אָפּקלאַנג געפונען אין דער איידעלער, פיהלענדער, יונגער האַרץ פון דער זעלטענער שעהנהייט!

ער האָט דערפיהלט גרויס מיטלייד צו זיין פרוי און האָט אויך דערפיהלט זיינע גרויסע זינד.

עטוואָס עהנליך צו א שטורם־ווינד האָט זיך ארויסגעריסען פון א פאַרוואָרפענעם ווינקעל אין זיין קאַלטער האַרץ און צובלאָזט די עטליכע פאַרבליבענע טליענדע פונקען אין א פלאַם פייער!

— איך מוז אויפלעבען צוריק די פאַרוועלקטע בלומעלע! — האָט ער מיט ענטשלאָסענהייט ארויסגעזאָגט. — איך וועל דאָס ניאַנטשען, צעראַטלען, מיין גאַנצען לעבען אוועקלעגען צו ברענגען דאָס צום פריהערדיגען שטאַנד!

דזשייק האָט געוואָלט צופאַלען צו זיין פרוי, בעטען פאַר־

צייהונג פאַר אַלעס און שווערען איהר צו זיין גוט און פרום. ער האָט אָבער ניט געוואַגט אויפצואוועקען איהר, ווייל ער האָט יעצט דערפיהלט איהר מידקייט, איהר אויסגעמאַטערטקייט.

ער האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף איהר געזיכט, וועלכע האָט געצייגט, אַז איהר חלומ'ט זיך עפּעס אַנגענעהמעס.

ענדליך האָט זיך לינאַ הויך צולאַכט און אויפגעעפענט איהרע אויגען.

— אוי זעה, דו ביזט דאָ?! — האָט זי ליבליך געשמייכעלט. — איך האָב געמוזט שטאַרק איינשלאָפען. מיר האָט זיך אַזוי פיל אַנגענ'חלומ'ט. אַזאַ זיסער חלום. דו גיסט מיר אַ לעסאָן אין מיין פאָטער'ס הויז און איילסט זיך אוועקצוגעהן. מיך קרענקט דאָס זעהר; איך שעהם זיך אָבער דיר דאָס צו זאָגען און פיהל, ווי מיין האַרץ ווערט צושפּרונגען. דו האָסט דאָס פאַרשטאַנען און האָסט זיך אַזוי ווי פאַרענטפערט מיט אַ שמייכעל: „ס'ווילט זיך זעהר ניט געהן פון דאַנען". איך האָב זיך זעהר פאַרשעהמט און אויסגעגאָסען אין אַ געלעכטער.

דזשייק איז צוגעפאַלען צו זיין פרוי, געדריקט איהר צו זיין האַרצען און האָט שטיל געשלונגען זיינע טרעהרען.

— לאָז מיך, דזשייק, דו ביזט אַ שלעכטער יעצט!...

— לינאַ! איך שווער דיר ביי גאָט, ביי מיין לעבען, ביי אַלעס וואָס מיר איז ליב און טייער, אַז פון היינט אָן וועל איך שוין זיין גוט צו דיר.

דזשייק האָט מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגען געקושט איהרע הענד.

לינאַ האָט זיך צוּוויינט, ווי אַ קינד...

זי לאָזט ניט שלאָפֿען.

בערטשיק דער מלמד האָט זעהר ניט געוואָלט פֿאָהרען קיין אמעריקא, ווייל ער האָט זיך אָנגעהערט פֿארשידענע מעשיות וועגען דער נייער וועלט.

מ'ווייסט ניט פֿון קיין שבת און פֿון קיין יום טוב און מ'ארבייט דאָרטען, ווי די פֿערד — האָט ער געהערט — אויך כשרות איז דאָרטען אינגאַנצען הפקר, רחמנא לצלן! קינדער פֿיהרען זיך דאָרטען אויף אויך ניט כדבעי...

נאָר פֿארפֿאַלען, אַז אַלע קינדער זיינען דאָרטען, מוז מען דאָך אויך פֿאָהרען.

ער וואָלט נאָך אפשר אָפּגעצויגען מיט'ן פֿאָהרען, „טורעט" איהם אָבער די ווייב — זי לאָזט איהם ניט לעבען.

ווען מ'האָט ביים גובערנאַטאָר אין קאַנצעלאַריע זיין פּאַס פֿאַרגעלעזען און ער האָט דערהערט: בערקא שמואווילא זונדעליעוויטש, 50 יאָהר אַלט, פֿארהייראַט, — האָט איהם אַ מאָדנער דריי־קינדער געפֿיהל באַהערשט; ער האָט שוין מעהר קיין זאַך ניט געהערט, וואָס מ'האָט געלעזען.

אַזוי ווי מיט אַ שווערער זאַך וואָלט ער געקראָגען אין קאָפּ!...

דאַכט זיך ביידע זאַכען זיינען פֿאַר איהם קיין נייעס ניט: ער ווייס, אַז ער איז פֿארהייראַט און ער ווייס אויך זעהר גוט זיינע יאָהרען.

אַזוי ווי ביידע זאַכען וואָלטען יעצט געווען ניט אויפ'ן פּלאַץ.

פֿאַר יונגע מענשען איז אמעריקא נאָך ווי עס איז; דאָרטען ארבייטען דאָך אַלע שווער. אָבער פֿאַר איהם, אין אַזאַ עלטער?

ער פֿיהלט, אַז די יאָהרען זיינען עפּעס ווי אַן אָפּהאַלט. אַזוי ווי איינער וואָלט איהם געזאָגט: ס'איז שוין צו שפּעט צו פֿאָהרען צום יאריד...

און דעם וואָרט „פארהייראַט" אין פּאַספּאָרט פיהלט ער יעצט ווי אַ מיהל־שטיין אויפ'ן האלז...

זיין פרוי האָט איהם אין דערהיים אויך אָפט געלאָזט פיה־לען, אז ער איז „פארהייראַט". ער האָט אָבער דערפון וועניג גע־ליטען. דאָ איז עס ניט אַזוי שרעקליך. פילע ווייסען, אַז זיין פלונית'טע איז ניט קיין זיידענע בחור'טע. ער איז אָבער דאָ בער־טשיק דער גרויסער מלמד און איז פון אַלעמען זעהר געאַכטעט און געשעצט.

דאָרטען אָבער איז ער אַן עלענדער, און „זי", צוזאַמען מיט די קינדער, מיט וועלכע זי איז אימער געוועזען פאַראייניגט געגען איהם, וועט איהם שוין געבען „צו קנאַקען ניס"!...

קומענדיג אין אמעריקא האָט ער געפּרואווט זיין אַ מלמד. ער האָט דאָס אָבער באַלד געמוזט אויפגעבען, ווייל די אמעריקאַנער תּלמידים זיינען געוועזען ניט פאַר זיינע כּחות. ער האָט אויך ניט געקענט פאַרטראָגען דעם „דרך ארץ" פון זיי...

ניט האָבענדיג קיין בעסערס, פאַר וואָס צו כאַפּען זיך, איז ער געוואָרען אַ פּעדלער.

דאָ האָט ער געהאַט צו פיהלען, פאַר וואָס ער האָט זיך גע־שראָקען. די ווייב און קינדער האָבען געלאַכט פון איהם: וואָס טויג אַ פּעדלער מיט אַזאַ גרויסער באָרד און מיט אַ לאַנגען וואָ־לענעם טלית קטן?

ווייטער, וויפיל ער זאָל ניט ברענגען פאַר אַ טאָג פּרנסה, איז זי ניט צופרידען; ס'איז וועניג.

באמת איז זי טאַקע גערעכט; ער פאַרדינט ניט פיל, לויט די היגע הוצאות, אָבער ס'איז דאָך ניט זיין שולד.

— די ווייבער באַ'גנב'נען דיך? — שרייט זי — דו קעהרסט זיך ווי אַ בלייענע פויגעל. דאָס איז ניט דיין פריידע־שרה! דו דאַרפסט ניט פאַרזשמורען איין אויג, נאָר קוקען מיטביידע און ניט אויף זייערע געקאַלכטע נעזעלעך, נאָר אויף זייערע לאַנגע פינגער און לאַנגע הענד!

בערטשיק'ן האָט געריסען דאָס הארץ, הערענדיג, ווי זיין פרוי

זאָל האָבען אזא חוצפה — גאָר חושד זיין אידישע קינדער, אז זיי וועלען גנב'ענען אָן אוגערקע אָדער אַ ציבעלע!

זי איז ווערט געווען מ'זאָל איהר פאַר אזא זאַך „צומישען מיט קייט", נאָר בערטשיק איז זעהר אָן איינגעהאַלטענער איד, קוועטשט אויפ'ן הארצען און איז מקבל באהבה...

אויף מאָרגען. ווייבער זיינען באַפאַלען זיינע ציבעלעס, ווי בינען. אַלע גראַבלען זיך, מ'קלייבט אויס בעסערע, דער גאַנצער וועגעלע איז געוואָרען וויים פון הענט, קיין פינגער האָט מען שוין גאָר ניט געזעהן, און ער האָט זיך דערמאָנט פריידע שרה'ס לעקציע און האָט מיטביידע אויגען געהיט די „נשמה" פון יעדער האַנד!

ער האָט געזעהן, ווי אַ דיקע, רייך געקליידעטע פרוי, מיט בליי־אוירינגלעך, האָט עטליכע מאָל אָפּגעטרייסעלט איהר האַנט אין פינסטערען קאָשיק...

ווי קען מען אָבער גלויבען אזא זאַך? און שווייגען מוז מען דאָך אודאי.

גאָר ניט, טרייסעלט זיך ביי איהם דאָס הארץ פון כעס און ער שווייגט.

אז די ווייבער האָבען אָנגעהויבען זאָגען, אז זיין סחורה איז ניט גוט און דער פּרייז איז טאַקע אויך צו הויך, איז, לויט ווי ער האַנדעלט אימער, וואָלט ער עפּעס אַרונטערגעלאָזען פון מקח און וואָלט פאַרקויפט זיין סחורה, — האָט ער אָבער אין דעם מאָמענט דערפיהלט די באַליידיגונג, וואָס ער לייזט אימער פון זיין פרוי, און ווי וועלענדיג נעהמען נקמה אָן אַלע פרויען, זייענדיג דערצו בייז אויף דער רייכער פרוי, האָט ער געשריען: „אַוועק, קושע־נירקעס! געהט! געהט! זוכט בעסערס!"

דעם גאַנצען טאָג, ווי אַ פרוי פלעגט נאָר אריינלאָזען איהרע נעגעל אין וועגעלע פלעגט ער בייז אויסשרייען:

— וואָס קראַצט איהר מיינע ציבעלעס? זאָגט מיר וויפיל איהר ווילט, וועל איך אייך אָפּוועגען.

— אזא קלוגער אידעל זיינט איהר! — פלעגט איהם יענע בייז צוּוואַרפען און פלעגט אַוועקגעהן.

בערטשיק האָט יענעם אָוועגד קיין איין סענט אהיים ניט גע־בראַכט.

אויף די געשרייען מיט די קללות פון פריידע־שרה׳ן, האָט ער פאַרצווייפעלט געענטפערט:

— איך האָב דאָך געפּאָלגט דיך — געהיט מיין סחורה! א מלאך טוט ניט קיין צוויי שליחות...

און בערטשיק האָט יענע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט...

ענטוישונג אין מלחמה.

פארברענגענדיג אין האמבורג א גאנצע וואך צייט, אויפ'ן וועג פון רוסלאנד צוריק נאך אמעריקא, איז פעני גליקמאן, א בילד שעהנע 18־יעהריגע ברונעטין, ארייגעצויגען געווארען אין א ראַ־כע־גייסט געגען רוסלאנד.

פילע רוסישע יונגע־לייט, וועלכע זיינען געלאפען נאך אמע־ריקא צו באפרייען זיך פון מיליטער־דינסט, האבען דערפיהלט גרויס חשק צום שלאכט־פעלד.

זייער אידעאל איז געווען צו העלפען דייטשלאנד פארנעהמען רוסלאנד און דערמיט באפרייען די גרויסע ליידענדע באפעלקע־רונג פון דעם טיראנישען יאך!

זייענדיג סאציאליסטיש געזאנען, איז פעני אימער געווען נעגען מלחמה, אבער אזוי ווי די מלחמה איז שוין סיי ווי סיי אין פולען פלאקער, האט זי געזוכט אין איהר נוצען פאר'ן סאציאליזם און האט נאך צוגעגעבען אלעמען אנצושליסען זיך אן דער דייטשער ארמיי, אויפקלעהרענדיג זיי, אז די סאציאליסטען האַ־בען פיל בעסערע אויסזיכטען אין דייטשלאנד איידער אין רוסלאנד און אפילו בעסער איידער אנדערשוואו.

אגיטירענדיג, האט זי אליין זיך אזוי צואווארעמט, אז זי איז די ערשטע געווען צו מעלדען זיך, אלס פרייוויליגע קעמפערין אין דער דייטשער ארמעע געגען רוסלאנד, אלס רחמנותשוועסטער פון רויטען קרייץ.

צופעליג איז פעני גליקמאן מגולגל געווארען אין בעלגיען, וואו מ'האט, לויט איהר מיינונג, געפלינדערט אונשולדיגע, ליבע־ראלע מענשען, גאר ניט פארבארייטערטע צום קאמף געגען אזא שטארקע מאכט... איז ענטוישט געווארען און האט באלד פאר־

לאַנגט פון די מיליטער באַאַמטע, אַז מ׳זאָל איהר שיקען קיין אַמעריקאַ.

מ׳האָט דאָס איהר פאַרשפּראָכען צו טאָן ביי דער ערשטער גע־לעגענהייט.

דערוויילע האָט זי, אויס מיטלייד צו די פאַרוואונדעטע, מיט׳ן גאַנצען הארצען געאַרבייט אין די מיליטערישע האָספּיטאַלס און האָט געפּיהלט גרויס ליבע און אכטונג צו די פאַרוואונדעטע העלדען.

זי האָט זיך קיינמאָל ניט ערלויבט צו דענקען וועגען דער געפאַהר פון איהר אייגענעם לעבען, פיהלענדיג אַ זינד אין דעם; איהר לעבען דאַרף דאָך ניט זיין טייערער פון טויזענדער אַנדערע...

איהר הארץ האָט זיך געריסען צו העלפען אַלע פאַרוואונ־דעטע מיט איין מאָל און זי האָט זיך פאַראינטערעסירט ווארפען אַ בליק אויפ׳ן שלאַכט־פעלד, פיליכט נויטיגען זיך דאָרטען אין איהר הילפע פאַרוואונדעטע, אונבאַמערקט איבערגעלאָזענע צווי־שען די טויטע?

שוידערליכע, הארץ־פאַרגליווערענדע בילדער האָט זי דאָרטען געזעהן: מענשען זיינען צוזאַמענגעשלעפּט אין גרויסע קופּעס, אַזוי ווי צופוילטע האָלץ, וועלכע טויג שוין גאָר ניט פאַר׳ן מענש־ליכען געברויך!...

זיי זיינען צולייגט ניט סיסטעמאַטיש, מיט אַ טאַלק, נאָר אָנ־געוואָרפען, אָנגעשליידערט, ווי אונווירדיגע זאַכען, וועלכע מ׳שלעפּט צוזאַמען אין איין אָרט אָפּצורייניגען דעם פּלאַץ וועלכען דאָס פאַר־נעמט.

אָפּליידיגען דעם פּלאַץ פאַר נייע געזונטע, לעבעדיגע מענ־שען, פאַר נייע גוטע „האָלץ״, וועלכע מ׳קאָן געברויכען צו פאַר־ניכטען לעבעדיגע וועלדער...

באַלד זיינען אָנגעלאָפען יונגע מענשען, טויט־בלאַסע, אויס־געמאַטערטע מיט צוטריקענטע שווארצע ליפּען און האָבען די קופּעס אָנגעשליידערטע „בלייבעכץ״ פון די טויזענדע נויטיגע לעבענס באַגאָסען מיט אַ וואַסערדיגען שטאָף און אונטערגעצונדען ארום און ארום.

פעני איז געבליבען שטעהן ווי אַ פאַראַליזירטע.

שוואַרץ־גרויליכע וואָלקענס רויך האָבען זיך געריסען מיט גרויס אימפעט צו די הימלען, אזוי ווי זיי וואָלטען פאַרלאַנגט „דין וחשבון" פון אַלע הערשער פאַר די צופלינדערטע, צוריסענע, יונגע, נויטיגע לעבענס!

זי האָט געזעהן מיט איהרע פאַרוויינטע אויגען, ווי די גאַנצע ברענענדיגע בערג האָבען זיך געצאַפּעלט. ווען די קעפּ האָבען געברענט, האָבען די פּיס קראַמפּירענד געציטערט אין פילע קערפּערס...

„ווער ווייס, וויפיל ס'ברענען דאָרטען נאָך לעבעדיגע, מאַכטלאָזע נשמות?"

באַלד האָט אַ ווינט צובלאָזען און צושפּרייט די וואָלקענס רויך און אַ שווערער, עקעלהאַפטיגער גערויך פון ברענענדיגע האָר, קליידער, מיט געבראָטענע פלייש האָט ארומגענומען איהר — דערשטיקט צו ווערען!...

זי האָט זיך געלאָזט געהן צוריק צום לאַזאַרעט; איהרע פיס האָבען זיך אַפּט אָנגעשטויסען אָן שטיקער מענשליכע שאַרבענס, וועלכע זי האָט זיך געהיט אויסצומיידען מיט איהרע פיס, אויס עהרפורכט צו די צושמעטערטע קעפּ, וועלכע זיינען נאָר וואָס געוועזען פול מיט שכל, ענערגיע און דענקונגס־קראַפט...

ליב און טייער זיינען איהר געוועזען די שטיקלאַך צובראָכענע שאַרבענס. זי וואָלט אזוי וועלען וויסען, וואָס האָבען דיזע אַלע קעפּ געטראַכט אין זייערע לעצטע מינוטען? פון נצחונ'דיגע זיגען? אָדער גאָר אפשר פון ליבע, טרייהייט, דאָרטען ווייט, ווייט, אין זייערע היימען?

זי האָט זיך אויסגעגליטשט אויף עפּעס אַ פעטע זאַך און איז אומגעפאַלען; איהרעביידע הענד האָבען זיך אריינגעקנאָטען אין צוטראָטענע מארך און בלוט. זי איז אויפגעשטאַנען, אינגאַנצען אויסגעשמירט אין אזאַ „געמישעכץ"...

דאָס האָט איהר געעקעלט און זי איז שנעל געלאָפען זוכען וואַסער ריין מאַכען זיך פון די „פּאַסקודסטווא", פון די „שמוץ"...

זי האָט געפיהלט יעצט עקעל ניט נאָר צו דעם צוטראָטענעם

מאַרך אַליין, נאָר אויך צו די ברענענדע מענשען, מיט דעם שווע־רען געוויך.

לויפען פון דאָס אַלעס אין עק־וועלט — פּאַרדאַמטע, אונ־וויסענדע שקלאַפען! זיי זיינען קיין בעסערס ניט ווערט! — האָט זי געטראַכט — זיי זיינען מיט אַ פלאַם־פייערדיגען ברען פון משוגע'נעם פּאַטריאָטיזם געלאָפען מאָרדען זייערע מענשען־ברי־דער, פאַרניכטען אונשולדיגע לעבענס!...

זיי זיינען ניט געגאַנגען געטויטעט צו ווערען! ניין! זאָנסט וואָלטען זיי בעסער באַדאַרפט, אַלע ווי איין מאַן, — צוזאַמען מיט זייערע, נאָבעלע, נשמה'דיגע ברידער — פּראָטעסטירען געגען אַזא ברוטאַליטעט, געגען אַזא וועלט־אויסשלאַכטונג...

מענשען מיט נשמות טאָרען ניט און וועלען קיינמאָל ניט זיין איינפאַרשטאַנען מיט אַזא בלוט־דורשטיגע משוגעת.

און פעני האָט נאָך אין דעם זעלבען מאָמענט געשוואָרען: ניט צו געבען קיין הילפע נאַרישע מערדער, אום זיי זאָלען אויף ווייטער קאָנען מאָרדען אָהן פאַרשטאַנד, אָהן אַ רעכענונג!...

אַ מוטער'ס האַרץ.

לאה יאַקובאָוויטש איז, זייט אַלע געדענקען, אַן אַלמנה.

איהר מאַן איז געשטאָרבען פינף יאָהר נאָך דער חתונה, איי־בערלאָזענדיג איהר מיט דריי פיצעלעך: וועלוועלע, פיר יאָהר אַלט און צוויי מיידעלעך, אַ צווילינג, וועלכע זיינען נאָך פאַר'ן יאָהר געשטאָרבען.

דער פאַרלוסט פונ'ם מאַן מיט די קינדער האָט איהר גאַנצע ליבע קאָנצענטרירט אויף איהר „איין אויג און קאָפּ" — אויף וועל־וועל'ען.

זי האָט געאַרבייט שווער און ביטער אום איהר קינד זאָל ניט וויסען פון קיין נויט.

האָט איהם לערנען געגעבען צו די בעסטע מלמדים, האָפענדיג מאַכען איהם פאַר אַ גרויסען למדן, פאַר אַ רב!

איהרע האָפנונגען אין דעם פּרט זיינען אָבער ניט מקוים געוואָרען, ווייל צוליב די פּאָגראָמען, ציטערענדיג און פלאַטער־רענדיג איבער דעם לעבען פון איהר בן יחיד'ל, איז זי געפלויגען מיט איהם קיין אַמעריקע.

דאָ האָט זי נאָך שווערער געאַרבייט צו ברענגען איהר קינד צו אַ תכלית.

זייענדיג אַ קלוגע פרוי, האָט זי באַלד איינגעזעהן, אַז פאַר איהר קינד איז מעהר גליק צו זיין אַ דאָקטאָר איידער אַ רב און האָט אָנגעווענדעט אַלע איהרע כחות, אַז איהר וואונש זאָל מקוים ווערען. זי האָט געאַרבייט טאָג און נאַכט, קיין זאַך איז איהר ניט צו שווער געווען צוליב זיין גליק.

ווען איהר זוהן איז אַ דאָקטאָר געוואָרען, האָט זי פאַר איהם אַן אָפיס איינגעריכטעט לייטען גלייך און האָט אַליין געטאָן די אַרבייט פון אַן אָפיס־באָי און דזשעניטאָר איינצושפּאָרען דעם

זון איבעריגע הוצאות און האָט אין דער זעלבער צייט געהאַלטען בסוד איהרע נאָהענטע קרוב'עשאַפט...

קיינער האָט ניט געטאָרט וויסען, אז זי איז זיין מוטער...

דער דאָקטאָר האָט איהר וועגען דעם קיינמאָל ניט אויפ־מערקזאַם געמאכט, זי האָט אָבער אליין פארשטאַנען, אז דאָס פּאַסט ניט; אז איהר ליב קינד קאָן אין הארצען ליידען דערפון, האָבען שפיכות דמים...

זי האָט דערפון ניט געליטען פאַרקערט — הנאה געהאַט, וואָס איהר פּראַצע איז ניט פארלאָרען געגאַנגען, איהרע זיסע חלומות זיינען מקוים געוואָרען...

איהר אייגענער „איך", איהר זעלבסטווירדע, האָט אין גאַנ־צען ניט עקזיסטירט פאַר איהר.

זי האָט געפיהלט, אז אלע איהרע אידעאַלען, לעבען, שטרע־בען און אפילו איהר נשמה איז פארקערפּערט אין איהר קינד!...

ווען דער דאָקטאָר איז רייך געוואָרען און האָט אריינגענומען אין אָפּיס א יונגען נענער, פלעגט זי שוין ניט וואַגען אריינ־קומען צו איהם. איהר הארץ פלעגט אויסגעהן פאַר בענקעניש — צו זעהן איהר קינד זי האָט זיך אָבער באַהערשט, פארשטעהענדיג, אז איהרע וויזיטען קאָנען זיין ניט אנגענעהם פאר'ן דאָקטאָר...

די גליקליכע מוטער האָט ניט אויפגעהערט צו ארבייטען פאַר זיך א לעבען צו מאכען אין אן אָפּגעזונדערטען ווינקעל, ווייט פון דאָקטאָר.

ער פלעגט זעהר זעלטען קומען געוואָהר ווערען איהר.

זי האָט איהם קיינמאָל אפילו אין איהרע געדאַנקען ניט באַ־שולדיגט. זי האָט געוואוסט, אז ער איז נעבעך שטענדיג פארטאָן, פארהאָרעוועט...

שפּעטער, אז זי האָט איהם אָפּט געזעהן פאָהרענדיג שפּאַצירען מיט זיין כלה און נאָך שפּעטער מיט זיין פרוי, פלעגט אריינבליצען אין איהר הארצען א פייערל פון אייפערזוכט...

זי האָט דאָס אָבער באַלד געזוכט צו דערשטיקען.

„מ'קען די וועלט ניט איבערמאַכען — האָט זי זיך געטרייסט, ווי א בר־דעת — קינדער ווילען ניט וויסען, ווי אזוי די מוטער האָט

אויף זיי בלוט פאַרגאָסען, דעם געזונד מיט דעם לעבען אוועקגע־לייגט!״...

ווען לאה איז פאַר דער צייט אַלט געוואָרען, האָט זיך געפיהלט שוואַך און קראַנק, האָט זי דאָס געמוזט פאַרטרויען דעם זון, וועלכער האָט באַדויערענד ערקלערט, אַז ער קאָן פאַר איהר גאָר ניט טאָן אויסער שטיצען מיט עטליכע דאָלאַר, ווייל צו זיך אין הויז קאָן ער איהר ניט אַריינגעהמען. ניט זיין פרוי וועט דאָס ווע־לען דולדען אַן אַלטען מענשען האָבען אין הויז און ניט זיין דינסט וועט וועלען אַרומגעהן אַרום איהר...

פון די לעצטע ווערטער האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ ביי דער קראַנקער פרוי. איהר גאַנצע פאַרגאַנגענהייט איז בולט געשטאַ־נען פאַר איהרע אויגען פון דער ערשטער מינוט, זייט זי איז אַן אַלמנה געבליבען, ביז יעצט. זי האָט געזעהן פאַר זיך יענע פיינע באַלעבאַטישע יונגע לייט, וועלכע האָבען זיך צו איהר גע׳שדכנ׳ט באַלד נאָך איהר מאַנ׳ס טויט. זי האָט געקאָנט טאָן דעם בעסטען שידוך, ווייל זי איז געווען יונג און שעהן און וואָלט ניט דאַרפען אָפּפינסטערען אַזאַ ביטערען, שווערען לעבען...

זי האָט אָבער בעסער געאָפּפערט מיט זיך אַליין, איידער איהר קינד זאָל ליידען פון אַ שטיף־פאָטער... און יעצט איז זי איבעריג אַפילו פאַר אַ באַצאָהלטע דינסט...

הייסע טרעהרען האָבען אַרויסגעשטראָמט פון איהרע אויס־געלאָשענע אויגען.

— וועלוועלע, מיין ליב קינד! איך וויל ניט זיין דיר צו לאַסט! און וויל אויך ניט זינדיגען געגען גאָט... מיין שטענדיגער וואונש דיך גליקליך צו זעהן האָט זיך ערפילט. איך פאַרלאַנג פון דיר קיין זאַך ניט, אויסער נאָר אוועקשיקען מיך צו מיין זווג, צו דיין זעליגען פאָטער!... דו ביזט אַ דאָקטאָר... איך נעהם די זינד אויף זיך... איך וויל ניט שטערען דיין רוהע, דיין פאַמיליען גליק!

דעם דאָקטאָר האָט דאָס געריהרט ביז צו דער נשמה! ער האָט איהר געקושט און באַרוהיגט, פאַרשפּרעכענדיג צו באַזאָרגען איהר מיט אַ גוטע כשר׳ע היים, וי ס׳פּאַסט פאַר איהר.

נאָך דעם זעלבען טאָג האָט ער אויסגעפונען אַן עכט אידישע

פרומע פאַמיליע, אַ פרוי ביי דעם נאָמען שרה'קע, אָדער די „מוטער שרה", אַ גרויסע בעל צדקה'טע, בעל־מצוהניצע! אַ פרוי, וואָס זאָרגט פאַר אַלע אָרעמע, אומגליקליכע... אַ צידקניות, וועלכע פוילט זיך ניט — קלייבן נדבות אין די שולען, אין די הייזער און אין אַלע קראָמען.

דער דאָקטאָר האָט זיך ניט שטאַרק געדונגען אין פּריַיז, ווייל ער האָט געוואָלט פאַרזאָרגען די מוטער און אגב אורחא זיך אַליין...

ער האָט מיט גרויס התפעלות איבערגעגעבן צו זיין מוטער זיין גרויסע שמחה, וואָס איהם איז געלונגען צו קריגען פאַר איהר אַזאַ גוטע היים, ביי אַ פרוי מיט אַ זעהר עדעלער, וואָרעמער נשמה. און דער דאָקטאָר האָט איהר אויסגערעכענט אַלע מעלות פון דער „מוטער שרה".

לאָה האָט אין הארצען געציטערט פאַר אַזעלכע גוטע מענשען, ווייל זי האָט פון ערפאַהרונג געוואוסט, אַז 99 פּראָצענט פון זיי זיינען פאַרמאַסקירטע שווינדלער, וועלכע מאַכען פאַר זיך אַ שעהנעם לעבען, אויף דעם אָרעמאַנ'ס רעכענונג, באַשיצענדיג זיך מיט אַ פאַרוק ביז די אויגען, אָדער מיט אַ צושויבערטען בערדעל. זי האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרשאַפען איהר קינד עגמת נפש און האָט מיט געצוואונגענע צופרידענהייט אָנגענומען די היים.

שוין פון אַ פאַר יאָהר ווי די אומגליקליכע ליידעט פון הונגער און דאָרשט.

די „מוטער שרה" טוט דאָס אויס רחמנות..

פון אַ זאַטען מאָלצייט דורשט צום טרינקען און דער טרונק פאַרשאַפט דער אַלטער צופיל „טראָבעל"... זי ליידט פון נירען קראַנקהייט...

און די אומגליקליכע ענטזאָגט זיך אָפט פונ'ם עסען אום ניט צו ליידען פון דורשט.

פון לאה'ן איז שוין אין גאַנצען אַ תל געוואָרען! איהרע טעג זיינען געציילטע! ...

זי איז אָבער אַלעם מקבל באהבא — גאָט האָט איהר געהאָלפען — וועלווע איז אַ דאָקטאָר! וועלוועלע איז רייך!

פרויענהאַרץ אַ רעטעניש.

מאַקס ליבערמאַן האָט זיך שוין לאַנג באַשלאָסען הייראַטען מיט עני בלום, ניט ווייל ער איז אין איהר פאַרליבט, ניין! נאָר מעהר אויס מיטלייד...

זי איז אפילו ניט קיין מיאוסע און אַ גאַנץ סימפּאַטישע מיידעל, אָבער ניט דאָס האָט ליבערמאַן געמיינט.

ער איז געווען אַ הויכער, פעסט־געבויטער ברונעט, מיט אַ רונדען געזיכט, קליינע פּעך־שוואַרצע, פינקעלדיגע אויגען און האָט אימער געטרוימט צו הייראַטען אַ הויכע בלאָנדע מיידעל מיט אַן אָוואַלנעם געזיכט, אַ פּאָר פולע בלויע אויגען און — אַ „וואַלד" בלאָנדע, זיידענע האָר.

עני, גראַדע אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע ברונעט'קעלע מיט גרויסע, שוואַרצע, נאַסע, רעדעוודיגע אויגען, וועלכע האָבען צו־זאַמען מיט איהר קליינעם מויל צוגעגעבען איהר זעהר אַ סימ־פּאַטישען אויסזעהן.

מאַקס האָט אָבער קיין מאָל ניט גע'חלום'ט צו הייראַטען אַזאַ.

ער האָט אָבער ניט געקאָנט אַנדערש האַנדלען נעגען עני'ן, וועלכע האָט זיך איהם די ערשטע ערקלערט אין ליבע, זאָגענדיג איהם, אַז ער איז דער אידעאַל פון איהר לעבען, איהר נשמה און איהר גאַנצער לעבען! ...

די בעסטע „זאַכען", וועלכע יעדער קלוגער מענש ווינשט צו געפינען אין זיין לעבענס־באַגלייטערין! און מאַקס איז יעצט געווען העכסט צופרידען מיט זיין שיקזאַל.

זיי זיינען ביידע געווען אַרעמע, עלענדע אַרבייטער, „באָר־דערס" פון פאַרשידענע מיסעס'ען און זייער איינציגער שטראַהל

פון האָפענונג האָט זיך געצאַפּעלט אין די לאָטערי־צעטלען, וועל־זיי האָבען געקויפט נאָך אין דעם זעלבען טאָג, ווען זיי האָבען זיך דאָס ערשטע מאָל אויף איין אמת צוקושט, גערדיקט איינע די אנדערע די הענט און געשוואָרען אייביגע ליבע.

מאַקס האָט דער ערשטער ערפאַהרען פון זייער גליק, אז זיין צעטעל האָט געוואונען 10 טויזענד דאָלאַר.

„יעצט וואָלט ער געקאָנט הייראַטען אזא, ווענען וועלכע ער האָט אימער געטרוימט", האָט ביי איהם דורכגעבליצט א געדאַנק, פאר וועלכען ער האָט זיך באַלד פארשעמט.... האָט אָפּגעשפּיים עטליכע מאָל — צו פארטרייבען אזא „זינדיגען" געדאַנק און איז שנעל געלאָפען אָנזאָגען די שמחה צו זיין קליינינקער עני'לען, וועלכע האָט יעצט, — ביי אזא צופרידענער שטימונג, — א גרויסען פּלאַץ פארנומען אין זיין הארצען.

„ווער ווייס, ווי וואָלט עני געהאַנדעלט אויף זיין אָרט?" האָט זיך אריינגעג'גנ'עט אין זיינע געדאַנקען א פאַרדאַכט, און ער האָט זיך באַשלאָסען יעצט אויספּרוּאוּוען איהר ליבע, צוליב וועלכער ער האָט געאָפּפערט אזוי פיל...

— דו ווייסט, ענעלע, אז איינער פון אונזערע צעטלען האָט געוואונען עטליכע דאָלאַר? איז מאַקס מיט גרויס אימפּעט אריינגעלאָפען.

— אָ, מאַקס! וואָס פאר א שפּאַס? האָט עני ניט געוואָלט גלויבען.

— יאָ, מיין לעבען, 10 טויזענט דאָלאַר! ווי וואָהר איך לעב! און מאַקס האָט מיט גרויס שמחה ארויפגעכאַפּט עני'ן ווי א קינד אויף די הענט און זי זעהר היים געקושט. ער האָט געפיהלט איצט, אז ער איז באַרעכטיגט דערצו.

— אָבער וועמעס צעטעל האָט געוואונען? האָט עני אומגעדולדיג אויסגעשריען, פארשטעהענדיג, אז מאַקס נאַרט איהר ניט.

— ענילע, לעבען מיינס! איז דען אַן אונטערשיד פאר אונז — וועמעס צעטעל ס'האָט געוואונען? ווען אונזערע נשמות זיינען פאראייניגט?... אונזער שטרעבען, אונזער לעבען, אונזערע אידעאַלען, אַלעס, אַלעס איז צוזאַמען געשמאָלצען... קאָן דאָס

איצט זיין וויכטיג פאר אונז דער אונטערשיד, וועמעס צעטעל ס'האָט געוואונען...

— מאַקס, פּלאָג מיך ניט, זאָג מיר די וואָרהייט — ווער האָט געוואונען?

— איך האָב געוואונען — האָט מאַקס געזאָגט, דריקענדיג זי צו זיין הארצען — יעצט האָף איך, אַז דיין ליבע צו מיר וועט פארשטאַרקט ווערען און אויך איצט קאָן אונז קיין זאַך ניט שטערען צו מאַכען אַן ענדע צו אונזער געפּלאָגטען באָרדער־לעבען...

— מיין ליבע צו דיר פארשטאַרקט ווערען? אָה, מאַקס, דו ביזט א שלעכטער... ווייסטו דען ניט, אַז דו ביזט ביי מיר טייערער פון מיין לעבען? אַז איך וואָלט דיך ניט פארביטען אויף קיין פּרינץ, אויף קיין מיליאָנער?...

עני האָט זיך געדריקט מיט איהר קלאַפּענדע הארץ צו זיין ברוסט און האָט איהם באַשאָטען מיט הייסע, ברענענדע קושען

מאַקס האָט זי נאָך שטאַרקער געדריקט צו זיך און געקושט איהרע שעהנע האָר.

די „לעצטע פּראָבע" האָט ער באַשלאָסען:

— ענטשולדיג מיר עני'לע פאר מיין צווייפלען... איך האָב זיך געשראָקען אויסצוזאָגען דיר דעם אמת, אַז דיין צעטעל האָט געוואונען. איצט אָבער זעה איך, אַז איך בין דער גליקליכסטער אין דער וועלט!... איצט צווייפעל איך שוין מעהר ניט אין דיין ליבע און טאַקע שוין וועלען מיר באַשטימען דעם גליקליכען טאָג פון אונזער חתונה!

עני האָט זיך לייכט באַפרייט פון זיינע אָרעמס, זיך אָוועק־געזעצט און אַרונטערגעלאָזען די אויגען

— וואָס איז מיט דיר? האָט זיך מאַקס דערשראָקען — פיהלסט עפּעס ניט גוט?

— איך וואָלט איצט וועלען בלייבען אַליין, — האָט עני קאַלט געזאָגט — איך פיהל זיך עפּעס אַזוי צוטראָגען... מיינע נערוועז זיינען עפּעס אַזוי אויפגערעגט פון דער גרויסער שמחה! האָב אביסעל געדולד — האָט עני קאַלט געשמייכעלט.

מאַקס האָט פארדעכטיגט, אַז דער גרויסער געווינס האָט

געווירקט שלעכט אויף די ערעלע געפיהלען פון דער הייס־ליבענדער עני׳לען און האָט זיך באַשלאָסען דורכפיהרען זיין פּלאַן ביז צו ענדע.

— עני! דו מוזט מיר זאָגען די ווארהייט פון דיין צוטראַ־גענקייט! — האָט מאַקס געזאָגט — דאכט זיך, פאַרקערט, דו דאַרפסט זיך פיהלען גליקליך און צופרידען, וואָס גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף אונז און האָט צו אונזער געפּלאָגטען לעבען אַן ענדע געמאַכט! און טאַקע, ווארום זאָלען מיר איצט, גלייך ניט באַשטימען דעם גליקליכען טאָג?

— לאָז מיך צורוה מאַקס! — האָט עני שטרענגט גע־זאָגט — איך וויל זיך אַביסעל באַרוהיגען... וויסען וואו איך האַלט אין דער וועלט? און וואָס איך האָב צו טאָן?...

— דאַרפסטו פיליכט איבערדענקען זיך, וועגען שידוך? — האָט מאַקס זיך הויך צולאַכט.

— וואָס־זשע לאַכסטו אזוי? — האָט עני געזאָגט מיט שטאָלץ — דיינקסטו, אז דאָס איז פון די קלייניגקייטען? גע־ווים דאַרפען זיך גוט מישב זיין...

— וואָס איז דאָס פאַר א ווערטער? — האָט מאַקס אויס־געשריען — עני, פּלאָג מיך ניט! זאָג מיר גלייך אויפ׳ן אָרט דיין באַשלוס... איך זעה, אז איך פּאַסט איצט ניט פאַר דיר, פאַר אַזאַ רייכער מיידעל... דאַרפסט זיך ניט שעמען און זאָגען דעם אמת!... איך זעה, אז דער גרויסער גליק איז מיין אומגליק...

— דו דאַרפסט זיך ניט ערגערען מאַקס! — האָט עני גע־זאָגט מיט א ווייכען טאָן — דו ביזט זעהר א וואוילער בחור! ווער קאָן דיך נאָך אזוי גוט ווי איך און איך בין זיכער, אז דו וועסט נעמען א בעסערע כלה פון מיר...

— פאַר וואָס־זשע בין איך ניט גוט פאַר דיר? — האָט ער נעפרעגט

— מאַקס! איך בעט דיך, זיי ניט ברוגז אויף מיר. איך וועל דיר אימער זיין דער בעסטער גוטער פריינד, אָבער הייראַטען מיר דיר דאַרפסטו אליין ניט וועלען... מיר זיינען מענשען מיט פאַרשידענע פּרינציפּען און — פאַרשידענע שטרעבונגען...

— אָבער, ווי וואָלט געווען, עני, ווען איך וואָלט געהאַט

געוואונען די 10 טויזענט דאָלאַר, וואָלסטו געוועז א פאַסענדע מיידעל פאַר מיר? — האָט מאַקס געפרעגט מיט א באַליידיגטען טאָן.

ענני האָט געשוויגען.

איך דאַנק דיר, ענני, פאַר דיין אָפענהאַרציגקייט! איך פאַר־לאָז דיך אויף אימער! — האָט מאַקס געזאָגט, נעמענדיג איהר האַנט — יעצט, איידער איך זאָג דיר דעם לעצטען אַדיע, מוז איך דיר אויך אָפענהאַרציג זאָגען, אַז איך האָב געוואונען די 10 טויזענט דאָלאַר! מיר האָבען ביידע געזאָגט אַן אמת! און איצט, אַדיע אויף אימער.

אי צופרידען, אי דערלשלאָגען האָט זיך ליבערמאַן געפיהלט, פאַרלאָזענדיג ענני'ן... ער האָט לאַנג געטראַכט:

„א וואונדערליכע באַשעפּעניש איז א פרוי און א גרויסע רעטעניש איז איהר האַרץ!..”

א בילד מיט צופיל „פארב״

מיין פריינד לואיס וואלקאוו איז געווען זעהר אן אינטעליגענטער יונגער מאן מיט א סימפאטישען אויסזעהן. ניט קוקענדיג אויף זיין לאנגער קראנקהייט האט זיין געזיכט אויסגעזעהן גענוג שעהן, א ראזעווע פארב אויף זיינע טויט־בלאסע באקען, מיט פינקעלדיג שווארצע אויגען, האבען צוגעגעבען א מין טרויעריגע ליבקייט צו זיין גאנצען וועזען.

ווען איך בין צו איהם געקומען אויף מיין לעצטען וויזיט, האט ער, דערקענענדיג מיינע טריט אין פארהויז געעפענט פאר מיר די טיר און אויסגערופען:

— א, איך וויל טאקע זעהר זעהן דיך!

— שוין פארטיג רבקה'ס בילד? — האב איך געוואלט טרעפען זיין נערוועזע נייגעריגקייט מיר צו זעהן.

— דאס בילד איז כמעט פארטיג. איך'ל דיר עס שפעטער ציינען. פריהער אבער וויל איך זיך מיט דיר בעראטען, זאל איך שיקען א בריף צו מיינע עלטערן, מיין ערשטען בריף זייט איך בין אין אמעריקא, וועלכער, איך האב מורא, וועט אויך זיין דער לעצטער...

ניטווארטענדיג אויף מיין ענטפער, האט מיין פריינד אראפגעכאפט פון טיש עטליכע בויגעלעך באשריבענע פאפיר, און האט גענומען לעזען הויך, אויפגערעגט, אזוי ווי ער וואלט זיך געבייזערט.

„ליבע עלטערן, איך פארשטעה אז איהר אינטערעסירט זיך ניט צו וויסען, וואס מיט מיר טוט זיך. זאנסט וואלט איהר אייער קאפריז אפגעלייגט אן א זייט און מיר אמאל א בריף געשריבען. אויך פארשטעה איך, אז מיין בריף וועט אייך פארשאפען ווייניג

פארגעניגען, סיידען דעם נחת פון נקמה... מיר ווילט זיך אָבער ניט גלויבען, איהר זאָלט זיין אזוי גייסטיג געזונקען... איך מוז אייך אָבער שרייבען, אום צו פארגרינגערען די אָנגעפּרעסטע צרות, און אז דאָס זאָל זיין פאר אייך א לעהרע ווי צו האנדלען מיט אייערע איבעריגע קינדער, און דערפאר וויל איך אייך איצט לאָזען וויסען די פרוכט פון אייער האנדלונג געגען מיר...

„אין דער צייט, ווען איך האָב געענדיגט גימנאזיע, האָב איך אייך ערקלערט, אז איך מוז פארבינדען מיין לעבען מיט רבקה, בעריל דעם שניידער'ס טאָכטער, וועלכע האָט געוואונען מיין הארץ, שטודירענדיג מיט מיר צוזאַמען אין גימנאזיע. איך האָב אייך דאן ערקלעהרט, אז אונטער קיינע אומשטענדען וועל איך ניט הייראטען די מיוחסת, וועלכע איהר האָט פאר מיר גע'שדכ'ענט, ווייל אזא הייראט וואָלט געווען אן אומגליק אי פאר מיר, אי פאר אייער מיוחסת...

„איהר האָט אָבער ניט געוואָלט אריינגעהן אין מיין לאַגע און האָט זיך איזדעקעוועט איבער מיינע געפיהלען. איהר האָט מיך מיט דער גרעסטער באַליידיגונג ארויסגעטריבען פון אייער הויז..."

(וואָלקאָוו האָט ארויסגעלאָזט א לאַנגען זיפץ, אָפּגעהוסט, און וויטער געלעזען):

„איך האָב מיין ביטער הארץ פארטרויט דעם „שניידער יונג", ווי איהר פלעגט מיט שפּאָט רופען מיין רבקה'ס פאָטער. און דער גוטער, איידעלער בעריל צוקערמאַן, ניט קענענדיג טרעמפּלען מיט די פיס די געפיהלען פון זיין טאָכטער, האָט שנעל זיין הויז פאר־קויפט, און מיט דעם געלט אונז געשיקט קיין אמעריקא.

„מיט שניידענדע וואונדען אין מיין הארצען האָב איך דאן פארלאָזען מיין היים, מיינע גוטע פריינד, און מיין שטעלע אלס בוכהאלטער, וועלכע איך האָב דאן נאָר וואס געקראָגען און וועל־כע האָט מיר פארשפּראָכען א רוהיגען, גליקליכען לעבען מיט מיין געליבטער רבקה'ן.

„אין אמעריקא האָט רבקה זיך באַלד אויסגעלערענט ארביי־טען ביי פאַלשע בלומען און האָט פיין פארדינט. איך האָב גראדע ניט געקאָנט זיך צופּאסען צו קיין ארבייט די גוטע רבקה האָט

מיך צוגערעדט, איך זאָל שטודירען מאַלעריי, ווייל זי האָט איינ־
געזעהן מיין געבאָרענעם טאַלאַנט צו דיזער קונסט. איך האָב זיך
געלאָזט איינריידען און זיך גענומען שטודירען. איך האָב אָבער
ניט געוואָלט זיין צו לאַסט אויף רבקה'ן און לעבען אויף איהר
רעכענונג. האָב איך געזוכט פאַר מיר נאַכט־ארבייט אום זיך
צו ערנערען. מיר איז געלונגען צו קריגען א שטעלע אַלס וועכטער
אין א פאַבריק, וואו איך האָב געמוזט אַלע נאַכט אויסקעהרען,
צוראַמען און רייניגען די צוויי־עטאַזשנע געביידע און נאָכ־
הער אַ דרעמלען, אָ פאַרזיכטיג וואַכען די גאַנצע נאַכט.

„עס האָט ניט לאַנג געדויערט און איך האָב זיך אויסגעלע־
רענט מאַלען א גוטע בילד. א גליקליכע צוקונפט האָט זיך דאַן
געשפּונען אין מיין געדאַנק, האָפענדיג באַלד צו קענען מאַכען
א שעהנעם לעבען פאַר מיר מיט מיין רבקה'ן. האָט זיך אָבער,
ליידער, פאַרווירקליכט א זייטיגער נעדאַנק, וועלכער האָט מיך
אימער געשראָקען.

„די נאַכט־ארבייט האָט זעהר שלעכט געווירקט אויף מיין
געזונט. די שמוציגע ארבייט און דאָס געמאַטערטער שלאָפען
אין שטויב, האָט אויפגעגעסען מיינע לונגען און איך בין אריינ־
געפאַלען אין דער שרעקליכער קראַנקהייט... די שווינדזוכט...
נאָט האָט אייער פאַרלאַנג ערפילט און איהר וועט פאַרשפּאָרען
זיך צו שעהמען מיט א מחותן א שניידער..."

וואַלקאָוו האָט זיך פאַרטראַכט. זיין געזיכט האָט אויסגע־
דריקט גרויס אויפרעגונג. זיינע אויגען האָבען זיך אנגעצונדען
מיט אַ פינקעלדיגען פייער און זיינע ראָזעווע באַקען זיינען גע־
ווארען פּורפּור רויט.

איך האָב קיין צייט ניט געהאַט איהם צו געבען א פּאָר
טרויסט־ווערטער, ווי דער בריף איז שוין געווען צוריסען אין
קליינע שטיקלעך.

— ניין! — האָט ער זיך פאַר מיר ענטשולדיגט — זיי
דאַרפען וועגען דעם ניט וויסען... זיי האָבען צוטראָטען מיינע
זיסע האָפנונגען און מיין לעבען צוריסען, און זיי וועלען נאָך
נעמען נקמה פון דעם גוטען צוקערמאַנ'ען.

— און איצט — האָט מיין פריינד געזאגט אביסעל רוהי־גער — וועל איך דיר ווייזען רבקה'ס בילד.

ער האָט ארויסגענומען דאָס בילד פון אונטער אַ צייטונג מיט וועלכער עס איז געווען פארדעקט, און געהאלטען פאר זיך...

רבקה'ס שעהנע געזיכט האָט בולט ארויסגעקוקט פון דעם לייוועגט, איהרע שעהנע שווארצע אויגען האָבען פארטראכט געקוקט איהם אין די אויגען אריין.

— דאָס בילד איז מיר פארטרעפליך געלונגען — האָט ער זיך צו מיר געווענדעט, עס פעהלט נאָר א ביסעלע פאַרב אין די באקען...

אין דעם מאָמענט האָט ער זיך אָנגעכאפּט מיט ביידע הענט ביי זיין ברוסט. ער האָט א שרעקליכען הוסט געטאָן, און א שטראם בלוט האָט פון זיין מויל א זעץ געטאָן און פארגאָסען דאָס גאנצע בילד...

ער איז מאכט־לאָז צוגעפאלען צו א שטול זיין קאָפּ ארונ־טערגעהאנגען און א דינער שטראָם הייסע בלוט האָט זיך ארונ־טערגעשלענגעלט איבער זיין ברוסט...

ווען דער דאָקטאָר, נאָך וועלכען איך בין שנעל געלאָפען, איז אריינגעקומען האָט וואָלקאָוו זיין לעצטען אָטעם אויסגעהוסט...

וואו דער ריכטיגער גלות איז.

דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען האט לייבעלע ווינאקור פארבראכט אין א דארף, העט, ווייט, אין א פארווארפענעם ווינ־קעל אין רוסלאנד.

ער האט דארטען א היבשע ביסעל קינדער ערצויגען. אלע־מען אויף זיין שטייגער, בדרך הישר, פאר מענשען געמאכט. יעדער האט געהאט א גוט אידיש הארץ — פרומע, עהרליכע קינדער, וועלכע האבען הייליג אפגעהיט אידישקייט און אויך כבוד אם ואם.

א גאנץ יאהר האט לייבעלע ניט געוואוסט פון צו דאוונען מיט א מנין, ווייל צו א אידישען ישוב איז געווען א גרויסער מהלך.

ימים נוראים אבער איז שוין א מנין א מוז־זאך, פלעגט ווינאקור די גאנצע עשרת ימי תשובה פארברענגען אין א אידישען שטעדטעל, מיט זיין גאנצע געזינדעל.

די הויפט הכנות צום היילינגען יום טוב איז ביי איהם געווען די כפרות־פראגע. ער האט געדארפט אנגרייטען צו ערב יום כפור פאר יעדען א כפרה און דערויף איז לייבעלע געווען א גרויסער מהדר — ניט אנדערש, ווייסע כפרות האט ער געמוזט האבען, מובחר שבמובחר, ס'זאל זיך ניט אריינמאכען איין פעדע־ריל פון אנאנדער קאליר — איבערהויפט א שווארצע!, אזוי האט ער זיך נוהג געווען כל ימיו און גאט האט איהם געהאלפען.

די קינדער, אלע האבען אויך געגלויבט אין דעם און יעדערער וואלט זיך געפיהלט זעהר ערביטערט, ווען אין זיין כפרה זאל זיך געפינען א שווארצע פעדער!...

אמאל האט פאסירט, אז ער האט ניט געקאנט האבען קיין

ווייסע כפרות, ווייל אזוי, ווי אויף צו להכעיס זיינען געווען אויס־גע־פגר׳ט אלע ווייסע הענער, וועלכע ער האָט געהאט אנגעגרייט, נאָך באלד נאָך שבועות. און צו זיין גרויסען עגמת נפש איז אינ׳ם גאַנצען דאָרף ניט געען איין ווייסער האָן אויף א רפואה.

עס איז ניט קיין דין מדאורייתא, ווייסע כפרות, האָט ער גע־וואוסט, נאָר א מנהג פונדעסטוועגען האָט ער און אלע זיינע קינדער געהאט דערפון דעם גרעסטען צער, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך געשראָקען פאר עפעס...

זייער צער און עגמת נפש האָבען דערפילט אלע גוים פונ׳ם דאָרף און זיי האָבען געאקערט מיט׳ן נאָז, ביז זיי האָבען פאר־זאָרגט די אידען מיט ווייסע כפרות און לייבעלע האָט געזעהן אין דעם השגחה פרטית! ...

אז די קינדער זיינען אויסגעוואקסען, האָבען זיי זיך אנגע־שמעקט אביסעל מיט „טרפה זאכען" און האָבען גענומען אויפ־קלערען די גיום פונ׳ם דאָרף, אז מ׳דאַרף ניט האָבען קיין שטענ־דיגען „צאר־באטוישקא", וועלכער איז זיך ווייניג מצער פאר די אָרעמע גיום; אז ס׳וואָלט געווען פיל בעסער מען זאָל אויסקלייי־בען אלע פיר יאָהר אזא סאָרט „סטארשינא", א ראש הקהל, ווי אין פראנקרייך למשל, וועלכער רופט זיך דאָרטען „פרעזידענט". סע קען טרעפען אפילו, אז פון זייער דאָרף גופא זאָל ערוועהלט ווערען אזא מאַן, וועלכער זאָל באלעבאַטעווען פיר יאָהר צייט איבער גאַנץ רוסלאַנד.

מ׳דאַרף נאָר דורכפיהרען אזא געזעץ אז אין פאַל ער צו־שכור׳ט זיך שטאַרק, זאָל מען איהם מעגען אַרונטערזעצען און אויף זיין אָרט אויסקלייבען אַן אנדערען אזא, וואָס טרינקט ווייניג און פארשטעהט גוט די לאַגע פונ׳ם דאָרפישען גוי, אזא, וואָס זאָל זיך זאָרגען פאר׳ן אָרעמען קלאַס מעהר, איידער פאר די רייכע, פאר די פריצים, אזא וואס זאָל אָפּנעמען ביי די פריצים די ערד און דאָס צוטיילען צווישען די גוים און זאָל אַרונטערנעמען דעם אַקציז פון בראַנפען.

די לעצטע צוויי פונקטען האָבען צוואַרעמט דעם עולם און ס׳איז געוואָרען אין דאָרף א שטאַרקע באַוועגונג! ...

מ׳האָט צוזאַמען גערופען א „סכאָד, אַן אסיפה, הייסט עס,

צו פאַרהאַנדלען געניוער די זאַך. און לייבעל׳ס קינדער האָבען געדאַרפט גרינטליך און דייטליך ערקלערען דאָס פאַר׳ן עולם.

די ערשטע זאַך האָט מען געמאַכט א „סקלאַדקע” צו 10 קאָפּיקעס פון א קאָפּ, מ׳האָט געקויפט בראַנפען, און אויסטרינ־קענדיג, האָט זיך אָנגעהויבען א וואַרעמע דעבאַטע, וועגען א נייער אָרדנונג.

די ויכוחים זיינען געווען אביסעל צו הויך אָנגעצויגען און איבער א סכסוך פון א גלעזעלע שנאַפּס, וואָס איינינע האָבען גע־קראָגען ווענינער, פון די איבעריגע, האָט זיך דער צוהיצטער עולם צושלאָגען, צו׳הרג׳עט ביז בלוט! ...

איינינע האָבען ארויסגערופען צו הילף פּאָליציי, ס׳איז גע־וואָרען אַן אויספאָרשונג און די זאַך האָט געקראָגען אַן אמת פּאָליטישען פּנים! ..

לייבעלע האָט פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט און האָט דורך דער נאַכט משלח געווען די קינדער פון דער היים און אביסעל שפּעטער — קיין אמעריקא און אין א יאָהר אַרום איז ער מיט זיין אידענע אויך געקומען צו זיי.

דאָס איז געווען פונקט עשרת ימי תשובה, ווען ער איז אריינ־געפאַלען אין דער גאָלדענער מדינה.

ער האָט באַלד דערזעהן, אַז עס איז טאַקע אמת, וואָס מען דערציילט זיך אָן וועגען אמעריקא, אַז דאָ איז אַן אמת׳ע הפקר־וועלט! ...

פון ווייסע כפּרות לאַכען זיך אוים דאָ אפילו זיינע אייגענע קינדער און סליחות איז דאָ א „נעבענזאַך”, א צייט־פאַרטרייב פאַר לעדיג־געהערם... צו דער ארבייט איז בילכער צו געהן, זאָגען אלע. דאָס גאַנצע אידישקייט, זעהט אוים, שטעהט אויף הינער־שע פיסלעך... און אַז משיח זאָל אהער קומען, וועט ער ניט האָבען מיט וועמען „צו געהן צום טיש”.

נשתומם איז ער געוואָרען אויסגעפינענדיג, אַז אום אריינצו־געהן יום כפּור אין שול מוז מען האָבען אזא סאַרט קליינעם בילעט, א פּאַספּאָרט׳ל, אָהן וועלכען מען קאָן ניט אריינגעהן. א גוי׳אי־שער „גאָרדאָוואָי” שטעהט ביים טיר און לאָזט ניט אַריין אין מקום קודש אָהן דעם פּאַספּאָרט׳ל, וועלכער ס׳קאָסט גוטע געלט!

און „אונטערשמירען" מיט א קליינינגקייט לאָזט ער זיך ניט! אָט אזעלכע רוצחים זיינען דאָס די היגע פּאָליציייסקע! ווי קומט דאָס צו רוסלאנד? און דער תחום המושב, אפילו, אז מען האָט שוין דעם בילעט, איז איינע ד' אמות וועלכע זיינען אָנגעוויזען אין פּארפּאָרט'ל.

„אָט, וואו דער אמת'ער גלות איז!" האָט לייבעלע נע־טראכט... ער איז פארצווייפעלט געווען און האָט ניט געוואוסט אויף וואס פריהער צו קלאָגען, צי אויף זיין אייגענעם גורל, צי אויף דעם ביטערען גלות פון זיין פאָלק?...

אַ „חסיד׳ישער חסרון״ איז אַמאָל אַ מעלה

חיים דער שוסטער איז געווען אַן אמת־אָרענטליכער, בתכלית־פרומער איד. אין גרעסטען „פּריפּאָר״ (ברענענדע בייזע), אפילו די לעצטע וואָך פאַר יום טוב איז ער געגאַנגען אין שוהל דריי מאָל טעגליך! ס׳הייסט געגאַנגען איז ער באמת נאָר צוויי מאָל, ווייל דעם בין השמשות, בין מנחה למעריב איז ער קיינמאָל אהיים ניט געגאַנגען. זיין גרעסטער תענוג איז געווען צו פערברייננגען די צייט אין שוהל, ארום הרובע, וואו, אפילו זומער־צייט, האָט זיך אימער געפונען אַ „קופּקעלע״ אידען, שמועסענדיג ס׳רוב פון בעל־מופתים, גרויסע גוטע אידען, און אמאָל פלעגט זיך דאָרטען, אָט אזוי שטעהענדיג „אויף איין פוס״ — פערקאָכען אַ ויכוח אָדער אַ פּלפּול וועגען עפּעס אַ פּירוש׳ל פון משנית.

חיים האָט דעמאָלט מיט התפעלות׳דיגע התלעבות געשלונגען יעדען וואָרט — אָפט ניט פיהלענדיג קיין טעם — האָט ער דער־פון די גרעסטע הנאה געהאַט! און „צווישען די רעגענדלעך״ פלעגט ער אָפט „אריינזופּען״ עטליכע קאַפּיטלעך תהלים, פיה־לענדיג פון אַלעם אַ ריכטיגען תיקון הנפש. אַ „צופּאַרעטער״ פלעגט ער ארויס פון שוהל...

מענדעל באַלאַמאַטקע איז אויך אַ שוסטער געווען, אָבער אַ פּראָסטער שוסטער און האָט געוואָהנט אין דער צווייטער הויז פון חיים׳ען, טאַקע אונטער איין דאַך און איז דאַך געווען מיט איהם אין אמת־פריינדליכע בעציהונגען. זיי האָבען ניט געהאַט איינער צום צווייטען קיין טענות וועגען סכסוכים פון פרנסה, ווייל חיים איז געווען אַ גוטער בעל מלאכה און האָט געהאַט כסדר פרנסה פון נייע ארבייט, וועהרענד באַלאַמאַטקע איז געווען אַ גרויסער

פּאַרטאַטש, אַ לאַטוטניק, און האָט געצויגען זיין חיונה פון „פּאָ־טשינקעס."

אין זלאַטקע׳ן, זיין עלטערע טאָכטער, האָט ער באַמערקט גרויסע „פעהיגקייטען" ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען. טונ־קענדיג אַ פינגער אין מויל, האָט זי געהאַלטען אין איין שרייבען ווינטער אויף די פאַרפראָרענע און זומער אויף די פאַררייכערטע שויבען פון זיינע קליינע פענסטערלעך.

— דאָס וואַקסט אַ טאַלאַנט! — האָט ער נביאות געזאָגט.

— דעם טאַטענ׳ס קאָפּ אויף די פּלייצעס, פלעגט ער צוגעבען מיט שפּאַס.

ער האָט זיך באַלד בעשלאָסען מאַכען פון איהר אַ „לייט" און, ווי נאָר זי האָט זיך אַביסעל אַ הויב געטאָן אויף די פיס, האָט ער איהר געגעבען לערנען שרייבען רוסיש.

— ס׳איז זעהר שעהן, אז מ׳קען אָנשרייבען אַן אדרעס, ניט לויפען שטענדיג צום אַפּטייקער — פלעגט ער זאָגען, און פאַר וואָס טאַקע ניט קענען איבערלייענען אַ בריוועלע, אַז ס׳מאַכט זיך אַ מאָל — קומט אָן פון אַ סאָלדאַט, פון סלוזשבע?

באַלאַמאָטקע האָט זיך געאינטערעסירט איבערהויפּט אין רו־סיש, ווייל אַ אידישען בריף איבערלייענען איז ניט אַזוי שווער: יעדער מלמד קען דאָס און אפילו אַ קלויזניק אויך, און ווייטער, אַז גאָט וועט איהם העלפען, וועט ער איהר לערנען אידישע אויך. די הויפּט זאַך איז דאָס איינברעכען די האַנד אין רוסיש — אידיש וועט שוין געהן ווי געשמירט, ווי אַ „פּאָטשינקע" פון אַ פויערשען שוך...

באַלד האָט געקלונגען אין גאַנץ שטעדטעל מיט זלאַטקע׳ס פעהיגקייטען — „באַלאַמאָטקע׳ס טאָכטער לעזט רוסישע ביכער"!

די גאַנצע שטעדטעל׳דיגע אינטעליגענץ האָט זיך פאַראינ־טערעסירט מיט איהר טאַלאַנט.

יעדער איינער האָט בייגעשטייערט צו דער הייליגער זאַך, אפילו דער אַנטיסעמיטישער גלח האָט מנדר געווען אַ פינפער׳ל אוועק צו שיקען זלאַטקען אין אַ גרויסע שטאָדט, וואו זי זאָל קאָנען קריגען אַ ריכטיגע בילדונג.

פרומע גיטעל, באלאמאטקע'ס פרוי, איז געווען זעהר פער־צווייפעלט פון די גליקען, ווייל זלאטקע געהט שוין „צו ווייט"... א מיידעל אליין אין א גרויסער שטאדט! עפעס האט זי מורא געהאט קיין בייזעס זאל ניט געשעהן...

מענדעל אבער האט פון איהר געלאכט: „שוסטערקע מיט א קליינער קעפעלע" — פלעגט ער זאגען — „ווי ווערען דאס אלע „גרויסע" מענשען, זיצענדיג אונטער'ן אויווען"? און ער האט זיך געשעצט גליקליך און שטאלץ מיט זיין טאכטער, מיט זיין זלאטקען!...

אין דעם טאג פון זלאטקע'ס אפפאהרען האט געברויזט די גאנצע שטעדטעל; יעדער האט אויסגעדריקט זיין מיינונג...

אייניגע האבען בעדויערט, וואס אן אונשולדיגע נשמה האט זיך „פערבלאנדזשעט" — ארונטער פון דרך הישר!... מ'ווייסט דאך שוין, וואס דער אונגליקליכער ערווארטעט: שמד, תליה, א ממזר. איינס פון די דריי דאך געוויס!

אנדערע ווידער, מיט א קורצערען בליק, האבען גלאט ניט פערגונען מענדעל באלאמאטקע'ן אזא כבוד, אזא גדולה. ווי קומט אזא „לאפאטניק" צו אזא טאראראם, אזא פאראד?

אלע פריצים פון שטעדטעל, דער אידישער דאקטאר מיט'ן אפטייקער, דער גוי'אישער פעלדשער פון באלניצע מיט דער קאז־יאננער אקושערקע און — דעם גלח'ס טאכטער האבען ארומגע־טאנצט ארום זלאטקע'ן ביי איהר אפפאהרען.

פילע האבען איהר געשפארט, אין האנט אריין, פארמאכטע קאנווערטען, מיט אזעלכע התפעלות און מיט אזעלכע גרויסע האפ־נונגען אין זייערע אויגען פונקט ווי א „פדיון" צו א גוטען אידען.

אייניגע האבען געגלויבט אז די קאנווערטען זיינען אנגע־פאקט מיט אסיגנאציעס; אנדערע ווידער האבען בעסער געוואלט האבען, אז דאס זאלען זיין רעקאמענדאציעס.

ביי דעם געזעגענען זיך האט זיך זלאטקע צוקושט מיט סאשא דעם גלח'ס און די מוטער, וויים ווי א לייוועגט, איז אוועק א דער־שלאגענע אין הויז, ניט קענענדיג קוקען גלייך אין די אויגען די פארזאמעלטע שכנים...

מענדעל אַליין איז געווען גראָדע שטאָלץ און דרייסט מיט דער פּאַסירונג; האָט זיך צופרידען געפּיהלט, אַלס אַ העלד פונ'ם טאָג און האָט מיט אַ היילען קאָפּ געדאַנקט אַלע פריצים, די פער־זאָרגער פון זיין זלאַטקע'ן.

חיים דער שוסטער, צוקוקענדיג זיך דורכ'ן פענסטער צו דער „אומגעלומפּערטער חתונה", האָט מיט אַ זיפץ נאָכגעזאָגט דער אָפּ־פאָהרענדער בויד: אַזאַ יאָהר אויף דעם נארישען טאַטען, צו וואָס ער האָט געבראַכט זיין קינד און וואָס ער קען פון איהר יעצט ערוואַרטען!... אַ טהייערע, אונשולדיגע קינד מיט די אייגענע הענט איבערגעגעבען צו דער קליפּה.

חיים האָט זיך אַליין געצוואונגען צו גלויבען, אַז איהם רייסט דאָס הארץ אויף זלאַטקע'ס „סודבא", אויף איהר ביטערען סוף, אָבער אין אמת'ן האָט ער געפיהלט, אַז אין זיין הארצען ברענט אַ פייער'ל פון קנאה אי צום פאָטער, אי צו דער טאָכטער...

באַלד האָבען „קלוגע" עלטערע פרויען גענומען פרומע גיטלען

* * *

אויפ'ן „צימבעל": ווי אַזוי איז דאָס ביי איהר רעכט געווען, צו לאָזען איהר קינד אויף הפקר?

די אונגליקליכע מוטער האָט זיך גענומען צום הארצען דעם „גרויסען אונגליק" און איז פון קלעמעניש קראַנק געוואָרען און מיט אַ פּאָאר מאָנאַטען שפּעטער געשטאָרבען.

מענדעל האָט יעצט פערלאָרען זיין קוראַזש און האָט גע־פיהלט, ווי אַ שווערער שטיין וואָלט געפּרעסט זיין הארץ... דער מלאך המות פון זיין פרוי איז ער דאָך געווים; און ווייס גאָט, וואָס וועט זיין מיט זלאַטקע'ן?

די שטעדטעלדיגע איינוואָהנער האָבען איהם אַלע געפּיקט די אויגען; „ווי קומט אַזאַ איד צו שטודירען קינדער? — ס'איז דאָ גענוג גוים אָהן זיינע קינדער"...

דערווייל האָט זיך פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז זלאַטקע האָט זיך גע'שמד'ט, און דער האס פון שטעדטעל האָט דער'הרג'עט זיין חיונה, און אַ פערצווייפעלטער האָט באַלאַמאַטקע פערקויפט זיין שטוב מיט האַק און פּאַק און איז אַנטלאָפען נאָך אַמעריקאַ.

* * *

מיט עטליכע יאָהר שפּעטער איז זלאַטקע געקומען אין איהר שטעדטעל אַן אויסגעשטודירטע אַקושערקע און האָט באַלד גע־פּראַקטיקירט מיט'ן בעסטען ערפאָלג.

איהר גליק האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. מיט צוויי מאָנאַטען שפּעטער, אין אַ פראָסטיגער ווינטער נאַכט, ווען זי האָט געשמאַק געשלאָפען, האָבען זיך אַריינגעריסען אין איהר צי־מער אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיצער מיט עטליכע פּאָליציייסקע און מ'האָט איהר אַ שלאָפעדיגע אַרויסגעשלעפּט פון בעט און געצוואונ־גען פאַר זייערע אויגען אָנטהאָן זיך. איהרע קליידער האָט דער אָפיצער גוט דורכגעטאַפּט אויף איהר, אין דער צייט ווען די פּאָלי־צייסקע האָבען דורכגעמאַכט זייער אונטערזוכונג אין גאַנצען הויז.

זלאַטקע האָט געציטערט ווי אַן אָסיענדיגער בלאַט, האָט ניט געקאָנט כאַפּען אַ צאָהן אויף אַ צאָהן...

קומענדיג אביסעל צו זיך, האָט זי מיט טרעהרען געבעטען מען זאָל איהר זאָגען די אורזאַכע פון דער פּאַסירונג. דער אָפיצער האָט איהר אָבער געהייסען שווייגען, ניט פרעגען קיין זאַך, און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן צו די פּאָליציייסקע מ'זאָל איהר נעהמען אין שליטען אריין.

דורכ'ן נאַכט האָט'ן איהר אָפּגעפיהרט אין שטאָדט און איינ־געשפּאַרט אין טורמע.

זלאַטקע איז געוועזן זעהר פאַרצווייפעלט. זי האָט פאַרשטאַ־נען, אַז צו דער לאַגע האָט איהר געבראַכט אַ מסירה, אָבער ווער, פאַר וואָס, און פאַר ווען? האָט זי זיך ניט געקאָנט משער זיין.

זי האָט יעצט, מעהר ווי אַלע מאָל, בעדויערט איהר עלענד־קייט. איהר פאָטער, דער שוסטער, דער לאַטוטניק, וואָלט ניט בלייבען שטעהן פון דער ווייטענס, אָבער גאָט זאָל זוך איהם אין אמע־ריקא...

סאַשאַ דעם נלח'ס האָט איהר דערצעהלט, אַז איהר פאָטער האָט זיך מיט איהר געזעגענט פאַר זיין אוועקפאָהרען און האָט איהר געבעטען, זי זאָל ניט פאַרלאָזען זלאַטקע'ן, זי זאָל זיין צו איהר אַ גוטע שוועסטער און זאָל אויך פאַרנעהמען ביי איהר דעם פּלאַץ פון פאָטער און מוטער, ווייל זי האָט קיינעם ניט... עלענד

ווי פון אַ שטיין!... זי האָט זיך ענטזאָגט פון איהר גלויבען, פון איהר פאָלק, פון איהר בלוט!... און אַלע האָבע זיך ענטזאגט פון איהר... ער איז מקנא זיין פרוי, וואָס זי האָט ניט דערלעבט די גרויסע שאַנדע... ס'איז שוין פיל בעסער איבערצוקעהרען זיך אין קבר... ער מוז יעצט פארגעסען אָן איהר, ארויסרייסען פון זיין הארצען!... ביי די לעצטע ווערטער האָבען ארויסגעשטראָמט טרעהרען פון זיינע אויגען.

זלאַטקע האָט נאָר יעצט אויף אַנ'אמת גוט בעגריפען אויף וויפיל די שטעטעלדיגע פאַנאַטיקער האָבען איהר אונגליקליך גע־מאַכט!...

אויף סאַשען האָט זי אָבער ווייניג האָפנונגען געלייגט, ווייל יענע איז ניט צופרידען געבליבען מיט דעם ניט פערווירקליכטען קלאַנג וועגען איהר שמד'ן זיך.

האָט זלאַטקע אָוועקגעשיקט אַ בריף צו איהר'ן אַ פריינד אַ דאָקטאָר אָקושער, מיט וועלכען זי האָט צוזאַמען געשטודירט, האָ־פענדיג אַז ער וועט זיך פאראינטערעסירען מיט איהר לאַגע און וועט זוכען איהר צו העלפען.

זי האָט איהם געשריבען וועגען איהר אונשולד און האָט איהם געבעטען אויפדעקען דעם אמת. אַזאַ בריף האָט מען איהר ער־לויבט צו שרייבען.

דער יונגער דר. בעלקין, וועלכער איז געוועזן פאַרליבט אין זלאַטקען און האָט דאָס געשטיקט אין זיין הארצען צוליב זיין לאַנגען נאַז און קליינע אויגען, האָט יעצט מיט שמחה און גרויס האָפנונג אויפגענומען דעם קאַמפף פאַר איהר באַפרייאונג.

קומענדיג אין איהר שטעדטעל האָט ער באַלד אויסגעפונען, אַז אַן אַלטע הייב־אַם איז פאראָרעמט געוואָרען צוליב זלאַטקע'ס פראַקטיק און אַז זי פרעהט זיך זעהר יעצט מיט איהר מפּלה.

אַ גרויסער שטראַהל פון האָפנונג האָט אריינגעבליצט אין זיין נשמה און ער האָט געזוכט יעצט די פריינד מיט דער משפחה פון דער הייב־אַם, אום פון דער זייט צו דערטאַפּען דעם „דופק"...

אויסגעפינענדיג, אַז דער איינציגער פריינד, מיט וועלכען די באָבע רייזע'ל פערטראָגט זיך, ווי מיט אַ ברודער, איז חיים דער

שוסטער, האָט דר. בעלקין גלייך געשיקט אָנזאָגען איהם, אַז אַן אורח אויפ'ן אכסניה וויל אָרדערען ביי איהם אַ פּאָאר שטיוועל.

די צוויי געהיימע פּאָליציייסקע, מיט וועלכע ער האָט זיך גע־האָט פאַרזאָרגט האָט ער באהאַלטען אין צווייטען צימער, וועל־כער האָט זיך אָפּגעטיילט מיט אַ נידעריגער ווענטעל פון דינע ברעטעלעך, באַציינען מיט פּאַפּיר.

— זייט איהר דאָס רב חיים? האָט ער געענטפערט מיט אַ פראגע אויף זיין „שלום עליכם" — איך האָב געהערט, אַז איהר זייט אַ גוטער בעל מלאכה.

— אדרבא, פרעגט זיך נאָך אויף מיר! האָט דער שוסטער גאוה'דיג געזאָגט.

— איך האָב זיך שוין נאָכגעפרעגט — האָט דער דאָקטאָר פריינדליך געשמייכעלט. — איך וויל האָבען אַ פּאָאר גוטע וואסער־שטיוועל, איהר פאַרשטעהט וואָס איך מיין?

— אויב איך האָב קיין טעות ניט, מוזט איהר זיין אין וואלד געשעפט — האָט חיים צופרידען אָפּגעהוסט זיך, האָפענדיג צו כאַפּען אַ „העכט."

זענט איהר אַ חסיד, רב חיים, אָדער...?

— וואָס „אָדער", האָט חיים נצחונ'דיג איבערגעשלאָגען — מיין פאָטער, אונז צו לאַנגע יאָהר, איז אויך אַ שוסטער געווען, פערשטעהט איהר מיך. ער האָט אָבער צוויי מאָל אין יאָהר געמוזט זיין ביים „ליבאַוויטשער."

— שוין, שוין, דאָס וואָס איך מיין, — האָט איהם דער דאָקטאָר איבערגעשלאָגען. — קענען מיר, הייסט עס, נעהמען צו „קאַפּעטשקעס", און האָט איהם גלייך מכבד געווען מיט אַ האלב טהע־גלאָז ספּירוט, שפּעטער מיט אַ גאַנצע גלאָז און חיים האָט דאָס געטרונקען מעהר מיט כונה צו בעשטעטיגען, אַז ער איז אַ חסיד לכל־הדעות.

באַלד, באַמערקענדיג אַז דער „חסיד" איז שוין „בגילופנ'דיג" האָט דער דאָקטאָר פערפיהרט מיט איהם אַ געשפּרעך וועגען דעם קליין־שטעטעלדיגען לעבען, נאָכפרעגענדיג זיך, ווי אזוי אלע ציהען דאָ זייער חיונה? און האָט דערביי באַמערקט, אַז דער יונגער דור שטערט יעצט אין פּרנסה עלטערע מענשען — מ'רייסט ביי זיי

פראָסט דעם ביסען פון מויל! מ'שטעלט זיי בדיל־הדל... אַן על־טערער רופא, וועלכער איז פיל טהייערער פון איצטיגע יונגע דאָקטוירים, אָדער אַ הייבאַם, וועלכע, ווי מיר ווייסען, איז פיל בעסער פון די יונגע אַקושערקעס, וואָס מאַכען אָפּ דעם קונץ — אהין, אהער, אויף־גיך!... אַ מענש איז ביי זיי אַ גאָר ניט! זיי דאַרפען זיך פראַקטיקירען, פאַרפּלייצען זיי דעם בית־עלמין מיט „יונגע ביימעלעך"!... דאָס איז אַ רציחה וואָס פערלויפט זיך ניט! האָט דער דאָקטאָר אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהאָן מיט'ן האַנד איבער'ן טיש, פרעגענדיג מיט די אויגען דעם שוסטער'ס מיינונג.

— אַזאַ געזונד אויף מיר, וואָס פאַר אַ טהייערער יונגער מאַן איהר זיינט! האָט חיים מיט עקסטאַז אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג פון שטוהל — איהר פערשטעהט אַ געשעפט, ווי איך בין אַ איד, האָט ער זיך גע'חנפ'עט צום קונד, געדיינקענדיג צוליב וואָס ער געפינט זיך דאָ. — הערט־זשע אַביסעל מיט קאָפּ, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען. אַנקעגען דעם, וואָס איהר זאָגט „די אַקושערקעס" — האָט חיים מיט קוראַזש געגלעט זיין שווארצע באָרד — אַזוי, ווי איהר קוקט מיך אָן, אַ שוסטער דאַכט זיך, הא? אדרבא, הערט אוים אַ שוסטערשע שטיקעל אַרבייט...

— אַ ביסעל העכער! — האָט זיך דער דאָקטאָר ביי איהם געבעטען — ס'רוישט מיר אין קאָפּ פונ'ם וועג מיט'ן באַהן... נו־נו, דערצעהלט!

חיים האָט זיך דורכגעהוסט און אָנגעהויבען אויף דער הויכער אָקטאַווע.

— קומט זיך צו דרייען אַהער אַ יונגע אַקושערקע, ווי איהר זאָגט, און מאַכט אַ חורבן אין שטעדטעל!... וואָס זי האָט גע־שונדען פון אַלעמען די הויט, בין איך שוין אייך מוחל... זי האָט אָבער דער'הרג'עט צוויי אַלטע הייב־אַמס! ווייבער, וועלכע ווייסען ניט פון קיין איבעריגע חכמות, אָבער אמת־פרומע אָרענטליכע באַבעס... איינע איז נאָך מיינע אַ שטיקעל קרובה, איהר פער־שטעהט צי ניין? זיי זאָלען מיר זיין געזונד און שטאַרק...

— אַלזאָ, וואָס האָט איהר דאָ אויפגעטהאָן? האָט איהם בעלקין איבערגעשלאָגען.

— הערט־זשע און טאַקע מיט קאָפּ — האָט חיים פאָרגעזעצט.

— איז מיין קרובה, הייסט עס, געקומען צו לויפען צו מיר — „האָב רחמנות, גיב אַן עצה״ !... ראַטעווע ברודער !...

— וואָס טהוט מיינער ? איך פאָהר אַוועק אין שטאָדט און קריג מיר צוויי ביכלעך פון די טריף־פסול, ווי איהר זאָגט, פון דער פינסטערער „תורה״, און זוך מיר אויס „א גראַמאַטנעם״ אינגעל, וועלכער האָט מיר אָנגעשריבען א בריף צו דער אַקושערקע בזה הלשון :

„ליבע, טהייערע שוועסטער זלאַטקע ! דו געדיינקסט דאָך דיין שבועה צו דער באַיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציע ? איז דער גורל געפאַלען אויף דיר מיט ברודער מיכאַאיל׳ן „אָפּצוראַמען״ דעם זשאַנדאַרמסקען פּאָלקאָווניק, זאָלסטו אונבעדינגט קומען פרייטאָג נאַכט אין אונזער קלוב „פּאַדזעמליע״, וואו מ׳וועט אייך געבען אַלע נויטיגע אינסטרוקציאָנען מיט די נויטיגע געוועהר און מאַטעריאַלען״...

האָב איך גענומען, פערשטעהט איהר מיך, דעם זיסען בריוועלע, מיט די צוויי „טריף־פסול׳ניקעס״, איהר פערשטעהט צו ניין, און האָב דאָס גאַנץ שעהן פאַרפאַקט אין א דעליקאַטנע פּאַסילאָטשקע און האָב דאָס אָפּגעשיקט מיט פּאָטשט צו דער אַקושערקע, ווי איהר זאָגט. א צווייטען בריף האָב איך תיקף, תוך־כדי־דבור, אָנגעשריבען צום פּאָליצמייסטער, פערשטעהט איהר מיך. געלאָזט איהם וויסען, אַז זלאַטקע באַלאַמאַטקע׳ס טאָכטער, די אַקושערקע, הייסט עס, איז א רעוואָלוציאָנערקע און אַז מיט היינטיגער פּאָטשט איז צו איהר ארויסגעשיקט געוואָרען א געהיימע קאָרעספּאָנדענציע.

וואָס איז דערפון געוואָרען פרעגט איהר ? מען האָט פון דאָרטען טעלעגראַפירט אַהער צום סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו : ער זאָל איבערנעהמען די אַקושערקע׳ס פּאָטשט און אָפּשיקען צום פּאָליצמייסטער.

— ווי קומט אַזאַ איד צו אַזאַ קאָפּ ? — האָט בעלקין זיך געמאַכט ניט גלויבענדיג — אפשר אַן אנדערער האָט דאָס געטהאָן ?

— איך, ווי איך בין א איד, איך האָב דאָס געטהאָן ! האָט חיים געשריען.

— סע׳לייגט זיך אָבער ניט אויפ׳ן שכל ! האָט זיך דאָקטאָר בעלקין געשפּאַרט.

— איך שווער אייך! — איז חיים ארוים פֿון געדולד — ווי מיר האָבען אַ בורא יחיד, אז איך האָב דאָס אַליין געטהאָן!

— אויב אַזוי נעמט אַ שנעפּסעל! — האָט זיך דער דאָקטאָר פאַרענטפערט.

— הערט־זשע וואָס ווייטער איז געוועזען — האָט חיים צו־פרידען פאַרטגעזעצט — אין אַ שעהנע, רוהיגע נעכטעל האָט מען געפּאַקט די „באַרישניא", איהר פאַרשטעהט צו ניין, אַ שלאָפעדיגע אין איהר וויכער בעטעל און מיט „אונטערפיהרער" אָפּגעפיהרט אין שטאָדט און דאָרטען, פערשטעהט איהר מיך, אוועקגעזעצט אויף „קעסט"...

די פּאָליציייסקע, וועלכע האָבען געקאָנט רעדען אידיש ניט ערגער פון די שענסטע שטעדטעלדיגע בעלי־בתים זיינען אריין אין צימער און האָבען חיים'ען אַרעסטירט.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז זלאַטקע שוין געוועזען פריי און דאָקטאָר בעלקין איז פון איהר ניט אָפּגעטראָטען, ביז זי איז זיין כלה געוואָרען.

אוי, דער יחוס.

אין א קליין שטעטעל אין דער ליטע געפינט זיך א אידעל א מלמד ביים נאָמען בערע פסח'ס.

זיין אויסזעהן איז א גאַנץ געוועהנליכער, א בלאָנדער מיטעל־וואוקסיקען מאַן, מיט א גרויסער באָרד און לאנגע, שרויפיגע פאות'ן.

ער געהט ארוים ניט רייך געקליידעט אָבער אימער ריין און ציכטיג, מיט אויסגעפוצטע שטיוועל און אַן אויסגעקאַמטע באָרד.

אויף זיין געזיכט האָט אימער געשוועבט א צופרידענער שמייכעל, וואָס ס'האָט זעהר געוואונדערט די, וועלכע האָבען גע־וואוסט זיינע ווייט ניט גלענצענדע אומשטענדען.

די עטליכע וואָכען פונ'ם סוף הזמן האָט ער קיין מאָל ניט אויסגענוצט פאר זיין „וואקיישאָן", ווי מ'רופט דאָס דאָ אין אַמע־ריקא. אָפּרוהען פון דער פינסטערער „קאטאָרגע", פון דער פיער און א האלב מאָנאטליכע שווערע גייסטיגע און פיזישע ארבייט...

זיין גאַנצע פרייע צייט, ווען אַנדערע מלמדים פלעגען „אָפּ־כאפּען דעם אָטהעם", דעם גאַנצען סוף הזמן, פלעגט בערע פּסח'ס קלאפּען אין די טיהרען:

— ניט מיר אייער איינגעל, איך'ל איהם שוין מאכען פאר א מענשען! פלעגט ער גוטהערציג שמייכלען, געבעדיג דעם איינגעל א לייכטען קניפּ אין בעקעל און א גלעט איבער'ן היטעלע.

— מיר'ן זעהען, זיך מישב זיין... איהר'ט ארייַנקומען אמאָל,

— איז אַם מעהרסטען געווען דער ענטפער פון די שטעטעלדיגע בעל־הבתים.

שוין אזא מזל האָט ער געהאַט. אימער איז איהם אָנגעקומען שווער צוזאמענקלייבען זיין „סטאַק" און זעהר זעלטען איז די צאָהל פון זיינע תלמידים געווען צופרידענשטעלענד פאר איהם.

אזוי האָט בערע פּסח'ם געהאַלטען אין איין אַרומגעהן גאַנצע טעג און סיי זיין גאַנג האָט זיך געקרוינט מיט ערפאָלג און סיי ניט, האָט זיין געזיכט אימער געשמייכעלט. אזא מענש איז דאָס געווען.

ס'רוב זיינען זיינע תלמידים געוואָן אַזעלכע, פון וועלכע זייערע מלמדים האָבען „אויסגעשפּייט דעם לונג"... און געבליבען אָהן הערצער.

ווען דער „סטאק" איז שוין געווען פּארפּול און ער פלעגט באַטראַכטען דעם „יחוס" פון זיינע תלמידים פלעגט איהם פינס־טער ווערען אין די אויגען...

ס'וואַקסט אוים פאַר איהם זלמן דער סוכאָטניק, וועלכער איז לעצטען זמן געשטאָרבען. ער און אַלע אין שטעטעל ווייסען, אַז זיינע תלמידים האָבען איהם פון דער וועלט פערטריבען!...

און וואָס איז מיט פייוועל ציפע־יענטע'ס? איז ער ניט נעבאך שווארץ ווי די ערד? און פייוועל דער מלמד האָט דאָך איהם אַליין דערצעהלט, אַז שלומ'קע דעם קרומענ'ס איינגלאַך האָבען איהם איינגעריסען די יאָהרען און פונדעסטוועגען האָט ער, „בערע דער נאַר", זעקס מאָל געשלאָגען זיינע פּיס ביז ער האָט גע'פּועל'ט זיינע בנים'לעך זאָלען זיינע תלמידים זיין...

יעצט איז ער אין טויט־שרעק; זיין גאַנצער „סטאק" בע־שטעהט בלויז פון די ערגסטע קינדער אין שטעדטעל...

ער וואָלט זיי פיליכט „איינברעכען" ווי עס איז. ער איז דאָך אַ מלמד פון דער מאָדערנער וועלט... האָט ער אַן אַנדער צרה, אַ „מכה בצדה", ווי מ'זאָגט, און דאָס איז זיין ווייב, טאַקע זיין אייגענע ווייב...

זי איז זעהר אַ טויבע און אַ גוטהערציגע „בעזדיעטיכע". דעם איינ'טענ'ען און דעם אויסעסען זיך דאָס הארץ מיט די תלמידים הערט זי ניט, און ווייסט ניט. און ווי זי דערזעהט נאָר אַז ער נעמט די „לאָקשען" אין האנד, מישט זי זיך אריין.

— גזלן! שניידערשע בלוט! — פלעגט זי אויף איהם שרייען — דערפאַר שטראָפט דיך גאָט... דו וועסט קיינמאָל קיין אייגענע קינדער ניט האָבען...

ער, אַ נערוועזער, אַן אויפגערעגטער פון די איינגלאַך, פאַר־

לירט זיין שטענדיגע גוטמוטיגקייט, דער שמייכעל פאַרשווינדט, זיין בלייכער פּנים באַקומט אַן אויסזעהן פון אַ ריינע נשמה־ליכט, די הענד טרייסלען זיך, די ליפּען ציטערן און מיט די לעצטע כחות שרייט ער אויס: „קינדער אהיים״!

אין איין אויגענבליק בלייבט ער פּנים־אל־פּנים מיט זיין אידענע, אַ הויכע דאַרע ברונעטקע מיט אַ געשטופּעלטע פּנים, מוטנע נאַרישע אויגען, אַן אויסגעפּילטען רוקען, איינגעפאַלענע ברוסט און אַרויסגעשטעלטע, שפּיציגען בייכעל, וועלכער הויבט זיך אונטער „צום טאַקט״ מיט יעדען הויכען וואָרט, וועלכען זי לאָזט אַרויס. און שטיל רעדט בריינע קיין מאָל ניט. זי מוז געברויכען די העבערע „טענער״, אום זי אליין זאָל הערען, וואָס פון איהר פאַרביטערט האַרץ גיסט זיך אַרויס און דאַן פאַנגט זיך אָן אַ ריכטיגער קאַמף אויף לעבען און טויט...

ער סטראַשעט, אַז ער וועט אין גאַנצען אויפגעבען די מלמדת. זאָל זיין אַן עק, אַ סוף צו קעמפּפען מיט'ן מלאך המות! דער הונגער־טויט איז איהם שוין ליבער, ווי דער שטענדיגער קאַמפּף פאַר אַזאַ ביטערן, אַזאַ פינסטערן לעבען...

זי ווידער האָט געהאַט איהרע גערעכטע טענות: אַז זי האָט זיך ביי איהם ניט איינגעבעטען. פאַרקעהרט זיין טאַטע, אַ שטיקעל שניידער, האָט אָפּגעשלאָגען די טיהרען ביי איהר פאָטער, ביינוש דעם מלמד. און זי איז נאָך עד היום אין צווייפעל, אויב דער מלאך זאָל האָבען אויסגערופען 40 טעג פאַר זייער געבורט אַז זיי זאָלען באַלאַנגען איינעם צום צווייטען... ווי קאָן דאָס זיין? וואָס פאַר סמיכת הפרשה אַ שניידער מיט אַ מלמד? דער מלאך איז דאָך ניט משוגע רחמנא לצלן... ביי לייטען האָט זיך דאָס גראַדע גע־לייגט אויפ'ן זינען.

איהר פאָטער איז געווען אַ בלוט־אָרעמאַן; זי איז געבליבען „טויב'לעך״ פון צוגעקיהלטע פּאָקען און דאַצו האָט זי געהאַט אַ שטיף־מוטער, וועלכע האָט געזוכט פון איהר וואָס גיכער פּטור צו ווערען...

אָבער יעדענפאַלס האָט דאָך איהר פאָטער געמאַכט איהם פאַר אַ מענשען, פאַר אַ מלמד! — זיינען געווען איהרע טענות.

— הלואי וואָלט איך בעסער געווען אַ שניידער, אַזוי ווי מיין

טאַטע — האָט ער איהר צוריק געגעבען „פעפער שמעקען״ — האָבען אזא ווייב ווי ער האָט געהאַט, מיט אזא בהמה, וואָס פלעגט געבען א גאַנצען עמער מילך! און ניט דאַרפען שלעפען זיך אַלע פריהמאָרגען מיט דער ציג אויף „פּאַראַנקעס״ און נאכהער ערשט שטיקען זיך מיט שווארצע ציקאָרי, אַלע נאַכ׳ן דאַוונען.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען, ווען גאַנץ שטעטעל איז נאָך געשלאָפען, מיט פאַרמאַכטע לאָדענס, האָט זיך בערע צוגעאיילט אוועקפיהרען זיין ציג אויפ׳ן פעלד ווייט אהין צום גרינעם וועלדעל, וואו דער פאַסטוך האָט שוין געוואַרט מיט זיין דאָפיגער „סטאַדע״ אויף די שטעטעלדיגע עטליכע בהמות און עטליכע צעהנדליג ציגען.

בערע האָט זיך געאיילט איבער צוויי אורזאכען: ערשטענס האָט ער זיך געשעהמט צו טרייבען זיין ציג צוזאמען מיט אַלעמען, וואו ער איז דער איינציגער מאַנסביל צווישען די פרויען און קינדער.

איהם איז שוין נמאס געוואָרען הערענדיג דעם שמועס פון די ווייבער וועגען זיין מערכה.

און צווייטענס, וויל ער צוריק געהענדיג, פּערגעהן אין שוהל און פּערכאַפּען דעם ערשטען מנין. ער זאָל האָבען דעם גאַנצען טאָג פאַר זיך. און דאַצו איז דאָס ביי איהם די בעסטע מינוטען פון זיין לעבען, ווען ער דאַוונט מיט דורך אוים בעלי מלאכות, וועלכע קוקען אויף איהם עפּעס אזוי, ווי מיט עהרעפורכט, מיט רעספּעקט.

ער פיהלט זיך דאָן אין דער בעסטער שטימונג און פאַרגעסט אויף א ווײַלע זיינע טעגליכע צרות

דעם גביר׳ס טויער האָט זיך ברייט אויפגעעפענט און טייבעלע די אלמנה האָט ארויסגעטריבען צוויי טהייערע בהמות.

— רב בער! איהר׳ט אפשר פערשפּראָרען מיר א גאַנג? האָט די יונגע דינסט־ווייבעל מיט א ליבליכען שמייכעל פון שפּאַס געפרעגט.

דער מלמד האָט זיך זעהר פאַרשעהמט און האָט זיך געפיהלט, ווי מיט „וואר״ אָפּגעגאָסען...

די ווייבעל איז שנעל דורכגעלאָפען מיט איהרע בהמות, צו־וואַרפענדיג איהם אַ ליבליכען שמייכעל.

דער מלמד האָט באַטראַכט איהר שעהן, גוטהערציג, פריינד־ליך געזיכט, מיט איהר שעהנע פיגור: אַ מיטעל־וואוקסיגע ברו־נעטקע, מיט אַ רונדען פנים, גרויסע ברענענדע, ליבליך שמייכלענ־דע אויגען, פולע ראָזעווע בעקלעך מיט מאַגנעטישע גריבעלאַך, אַ קליינעם מויל מיט רויטע סאַמעטענע ליפּעלאַך, מיט אַ געטאָקטען, קאַפּריזנעם נעזעל.

ער איז איהר נאָכגעגאַנגען אונטער אַ דרוק פון מאָדנע גע־פיהלען און האָט געטראַכט, ווי אומגליקליך איהם האָט געמאַכט זיין פאָטער, „קריכענדיג” אין יחוס! און וואָס האָט ער יעצט דערפון?

ער פאַרגלייכט יעצט זיין אידענע מיט דער יונגער אלמנה, די שוסטערקע, אַ שמידט'ס אַ טאָכטער און ביי איהם רייסט זיך אַרויס: רבונו־של־עולם! איך פרעג ביי דיר, פאַר וואָס קומט דאָס מיר? ווארום זאָל איך אָפּפינסטערען מיין גאַנצען לעבען פאַר דעם יחוס? אַז איך בין דיר מוחל דעם יחוס און מוחל אַלעס...

— אָה, ווען איך קאָן יעצט פאַרבייטען מיין יחוס — האָט ער בגנבה, שטילערהייט אין האַרצען, זיך געטראַכט — אָט אויף דער אלמנה, אויף דער שוסטערקע, אויף דעם שמיד'ס טאָכטער, אויף דער דינסט...

וואָס פאַר אַ גרויסער גליקליכער צופאַל דאָס וואָלט געווען!...

אַריינקומענדיג אין שוהל זיינען ביי בערע פסח'ס אַלע זינ־דיגע געדאַנקען פאַרשוואונדען, אויסגעווישט פון זיין זכרון...

דער עולם האָט איהם אַ בכבוד'ען ברוך הבא געגעבען און ער האָט יעצט איינגעזעהן, אַז זיין פאָטער איז ניט משוגע געווען... אַז יחוס איז אַלע מאָל יחוס צווישען פּראָסטע מענשען...

אַרויסגעהענדיג פון שוהל האָט דער מלמד נאָכאַמאָל פאַר־גליבען זיין פרוי מיט דער אלמנה. די בייזע דורכדרינגענדע בלי־קען מיט די ליבע, פריינדליכע אויגען און ביי איהם האָט זיך אַ אַרויסגעריסען אַ שמערצליכער זיפץ: יחוס איז גוט פאַר פּראָסטע מענשען, אָבער קיינע מעלות זיינען ניט גוט פאַר אַ פּראָסטע פרוי!”

דער לעצטער בריף.

היים געליבטער ברודער אלעקסאנדער!

דיר קאן אויסקומען קאמיש, זאנדערבאר, מיין יעצטיגער שרייבען.

דיר קאן קלינגען מאדנע די ערשטע ווערטער פון מיין בריף, ווייל דו ווייסט ביי זיך אין הארצען, אז דו ביזט ניט ווערט, איך זאל דיך אזוי אנרופען.

ווי פערדארבען דו זאלסט ניט זיין, דארפסטו דאך פיהלען דיינע גרויסע זינד געגען מיר!...

מיינע פריינדליכע אויסדריקען דארפען דיך אבער ניט וואונדערען, אויב דו געדיינקסט יענעם אבענד, ווען אונזערע הערצער האבען אזוי פיבעריש געקלאפט, זיצענדיג ביים טייכעל אונטער דער גרויסער ווערבע; ווען מיר האבען געשווארען איינאנדער אין אייביגע ליבע, טרייהייט און איבערגעבענהייט.

איך בין דאן נאך ניט זיכער געווען, אז איך וועל האבען די מעגליכקייט מיט דיר צו הייראטהען.

איך האב געוואוסט, אז מיינע עלטערן וועלען ניט איינוויליגען אויף דעם שידוך אונטער קיינע אומשטענדען

דו האסט אויך געוואוסט, אז מיין פאטער האט ניט אנדערש געוואלט מיך, זיין ציטערדיגע בת יחידה, מאכען פאר א רבי'צען און ער איז גענוג רייך געווען צו עררייכען זיין וואונש.

איך האב ניט געוואלט וויסען דערפון און האב זיך פערליבט אין דיר מיט'ן גאנצען פייער פון מיין הארצען!

מיין ליבע איז געווען א ריינע א הימעלשע...

איך האב געפיהלט, אז איך מוז זיין נאהענט צו דיר מיט מיינע געפיהלען אונטער אלע אומשטענדען... און דערפאר האב

איך דאָן פאַרלאַנגט פון דיר, אַז מיר זאָלען שווערען איינאַנדער: אין פאַל מיר וועלען ניט קאָנען „קרוינ'ען" אונזער גליק מיט דער הייליגער הייראַטה, זאָלען מיר אַמווייניגסטען פערבלייבען „היימ־ליבענדע ברודער און שוועסטער" אויף אונזער גאַנצען לעבען...

ווי שלעכט דו האָסט געהאַנדעלט געגען מיר. קאָן איך ניט בלייבען אונטריי דער הייליגער שבועה, מיינע הייליגע אונבע־פלעקטע געפיהלען!

דאָס וועט זיין מיין לעצטער בריף צו דיר, וועלכען איך האָב שוין גאָר ניט געדיינקט צו שרייבען.

איך האָב זיך בעשלאָסען הייראַטהען אַ חתן, וועמעס נאָמען קלינגט מיט שרעק אין דער גאַנצער וועלט!

פאַר מיר אָבער איז זיין נאָמען ליב און אנגענעהם...

אונטער זיינע פליגלען וועלען פערשטומט ווערען די שרייענדע געפיהלען; וועט זיך אָפּקיהלען דער גליהענדער פייער, אויסגע־היילט ווערען די שמערצליכע וואונדען פון מיין שמאַכטענדען הארץ...

איידער איך וואַרף זיך אריין אין אָרעמס פון מיין „רעטער", מוז איך פערניכטען דיינע בריף, אום די געהיימניש פון אונזערע טהאַטען און פלענער זאָל איך מיטנעהמען אין הארצען אין קאַלטען קבר אריין!...

מיין יעצטיגער פערלאַנג איז צו עראינערען דיר דיינע ווער־טער, מיט וועלכע דו האָסט גערויבט פון מיר אין גאַנצען מיין הארץ און מיין לעבען!...

דאָס איז דיין ערשטער בריף פון אַמעריקאַ:

מיין טהייערע, היימ־געליבטע אניוטאַ!

מיין ליבער, זיסער ענגעל!

וואו נעם איך אַזוי פיעל ווערטער, מיט וועלכע איך זאָל קענען אויסדריקען דיר אַ טויזענט'ן טהייל פון אַלעס מיט וואָס מיין הארץ איז איבערפילט?

ווען איך האָב יעצט פליגלען? אָה, ווען איך קאָן מיט איין שפּרונג ווערען לעבען דיר?...

איך וואָלט דיר געדריקט צו מיין הארצען, וואָלט דיך קושען,

קושען... אריינגיסען אין דיין ערדעלער, פיהלענדער הארץ מיין גאנצע נשמה, מיין גאנצען לעבען! ...

איך קאָן אין א בריף דיר גאַר ניט פאַרשטעלען, וויפיל איך לייד דערפון, וואָס איך קאָן דיך יעצט ניט זעהן, ניט זיין לעבען דיר, ניט פיהלען דיין ווארעמען אָטהעם, ניט הערען דעם קלאַפּען פון דיין גוט הארץ, ניט זעהען דיינע וואונדער־שעהנע שווארצע אויגען, דורך וועלכע דיין ענגעלשע נשמה האָט אזוי זאנפט, מילד געקוקט אויף מיר!...

מ'מוז אָבער האָבען געדולד. איך האָף ס'וועט לאנג ניט נעמען צו אונזער זעהען זיך.

מיר קלעמט דאָס הארץ וועגען דיין געזונד. איך ערווארט דיין ענטפער מיט אונגעדולד.

איך שיק דיר הייסע, ברענענדע קושען און וואָלט אזוי וועלען זיין דערביי, ווען דו וועסט זיי אמפאנגען...

דיין דיך היים ליבענדער אלעקסאנדער סאָלאָוויי.

דער 2־טער בריף:

ליבע טהייערע אניוטא!

איך האָב ערהאלטען דיין גאָלדענעם שרייבען.

אָה, ווי גליקליך איך בין, אז דו לעבסט און ביזט געזונד!

זאָל דאָס ווירקליך זיין, אז דו פיהלסט אונטער דיין הארצען די פרוכט פון אונזער ליבע?... איך טאָר אָבער ניט צווייפלען אין דיין שרייבען, ווייל איך קאָן דיך זעהר גוט.

זאָרג ניט. מיין הארץ איז פול מיט פרייד. איך וואָלט גערן דערלעבען זעהען דיך און... דאָס היילינע מלאך'ל...

מיך קריינקט אויף דיינע ליידען... איך פיהל דיין לאגע זעהר נאָהענט צו מיין הארצען... ס'וועט אָבער לאנג ניט נעמען. איך וועל דיר באלד ארויסשיקען א שיפס־קארטע און געלד. זעה וואָס שנעלער ארויספאָהרען! ווען דו זאָלסט מיר ניט שרייבען וואָלט איך אליין פארשטאנען, אז דיינע עלטערען האלטען דיך יעצט ווי א גנב, ווייל די 200 רובעל וועלכע דו האָסט מיר געגעבען אָהן זייער וויסען, קומט דאָך אוים טאקע, ווי א גנבה

דו האָסט דאָס דאָן געמוזט אזוי טהאָן, זאָנסט וואָלט מען

דאָך מיך אָפּגעגעבען פאַר א סאָלדאַט, נאָך פּילייכט דעם זעלבען טאָג.

דיין פאָטער האָט זיך געלאָזט קאָסטען געלד, אז מען זאָל מיך צושיידען מיט דיר...

איך בין איהם געווען ווי א ביין אין האַלז...

ער האָט ניט אנדערש געוואָלט, אז דו זאָלסט זיין די שטאָט־רבי'צין.

יעצט היטען זיי דיך דו זאָלסט ניט גנב'ענען קיין געלד, — אזוי ווי זיי רופען דאָס — און זאָלסט ניט אנטלויפען צו מיר.

פּילייכט זאָלסטו דער מוטער אויסזאָגען דעם גאַנצען „אמת"? און זי וואָלט שוין אליין זעהען העלפען דיר — זיין צוזאַמען מיט מיר.

אָבער ניין! קיינער דאַרף דערפון ניט וויסען.

אין קומענדיגען בריף וועל איך דיר מעהר שרייבען.

היט זיך און היט די אונשעצבאַרע פרוכט פון אונזער הייליגע ליבע!

איך שיק דיר הייסע פּיזישע קושען אָהן א צאָהל און א גייס־טיגען קוש, פון די טיפעניש פון מיין האַרצען, דער הייליגער נשמה'לע!

ענטפער מיט דער ערשטער פּאָטשט.

אויף אימער דיינער, אלעקסאנדער סאָלאָוויי.

דער דריטער בריף:

טהייערע, זיסע אניוטא!

דיין בריף צייגט, אז דו ביזט זעהר נערוועז, צוטראָגען... בערוהיג זיך, אניוטא, האָב אביסעל געדולד!...

מיט דער נעקסטען בריף וועל איך דיר ארויסשיקען 100 רובעל מיט א שיפסקאַרטע און וועל שוין דיך ערוואַרטען מיט אָפענע אָרעמס!

יעצט וועל איך דיר ערקלעהרען, ווי אזוי איך וועל האָבען דאָס געלד:

מיין פּראָפּעסיע אלס לעהרער פון דער רוסישער שפּראַך האָב איך דאָך ניט געקאָנט אויסנוצען. האָב איך זיך בעשלאָסען איך

זאָל זיך לערנען מאַלעריי, א כודאַזשניק, ווי מ'רופט דאָס ביי אונז. בין איך אַריינגעגאַנגען צו אַ גרויסען קינסטלער אַ מאַהלער בעראַטען זיך מיט איהם, ווי אזוי זיך אויסצולערנען די פּראָפעסיע, בין איך איהם זעהר געפעלען פאַר א שעהנעם און ער האָט מיר געזאָגט, ווען איך בין אַ פרויענצימער וואָלט ער פון מיר געמאָלען א בילד פאַר אַן אויסשטעלונג, וועלכע דאַרף דאָ באַלד זיין. פיליכט — האָט ער מיך געפרעגט — האָט איהר אַ שעהנע שוועסטער עהנליך צו אייך?

האָב איך איהם געצייגט דיין בילד.

דער מאַהלער איז אזוי נתפעל געוואָרען פון דיין שעהנקייט, אַז ער האָט גלייך צוגערופען זיינע אַ שוועסטער, אויך זעהר אַ שעהנע מיידעל נאָר אַ בלאָנדינקע, אָבער אזא שעהנע, וואָס דו קאָנסט זיך ניט פאָרשטעלען, און האָט איהר געצייגט דיין בילד.

זיין שוועסטער איז אזוי ענטציקט געוואָרען פון דיין שעהנקייט מיט דיין גראַציע, אַז זי האָט מיר גלייך געבאָטען 100 דאָלאַר פאַר דעם בילד, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז איך זאָל צו קיין אַנדער מאַהלער ניט פאַרקויפען אזא בילד, ווייל זי וויל דאָס מאַכען פון איהר אַ גרויסען בילד פאַר דער אויסשטעלונג און זי איז זיכער, אַז זי וועט געווינען דעם גרעסטען פרייז.

די שוועסטער פון מאַהלער איז אויך אַ גרויסע קינסטלערין.

דערזעהענדיג זייערע התפעלות האָב איך געפרובירט פאַרלאַנגען פאַר דער פּריווילעגיע 300 דאָלאַר.

בקיצור איך האָב דערפאַר געקראָגען 150 דאָלאַר און איין מאָנאַט זאָלען מיך לערנען די אַרבייט פריי מיט זייער קוואַרטיר און עסען.

די שעהנע בלאָנדינקע אַרבייט מיט מיר זעהר שווער. זי זאָגט, אַז זי מוז מיך פאַר איין מאָנאַט מאַכען פאַר אַ קינסטלער!

זעהר א שעהנע קינד! נאָך אַ יונגע, פיליכט 17 יאָהר.

דערווייל איז מיר דאָ גוט ווי די וועלט!

פלאָרענס, אזוי רופט מען די מיידעל, לערענט מיך אויך די אַמעריקאַנער שפּראַך, און גיט אָפּ מיט מיר איהר גאַנצע צייט!...

אַז דו וועסט קומען אהער, בין איך זיכער, וועסטו זיין מיט איהר ווי שוועסטער.

איך וואָלט דיר מעהר שרייבען, אָבער די צייט איז זעהר טהייער...

איך וועל דיר באַלד אַרויסשיקען נאָך אַ בריף מיט געלד און די שיפס־קאַרטע.

גוד־ביי. זיי געזונד!

דיין אַלעקסאַנדער.

דער פערטער בריף:

היים־געליבטע אַניוטאַ!

מיר איז זעהר שווער צו שרייבען דיר דיזען בריף! מ׳מוז דאָך אָבער אַרויס מיט׳ן אמת...

דו ביזט ביי מיר טהייערער פון מיין לעבען און איך ליב דיך יעצט ווי פריהער... מיין האַרץ טהוט מיר זעהר וויי אויף דיר!... מיר איז זעהר שווער צו זאָגען דאָס דיר... איך קאָן אָבער מיט דיר ניט הייראַטהען...

איך וועל דיר שיקען געלד, אַ שיפסקאַרטע און וואָס דו ווילסט, דו זאָלסט אָבער צו מיר קיין טענות ניט האָבען.

דיין, דיך היים־ליבענדער

אַלעקסאַנדער סאָלאָוויי.

אַלזאָ, ליבער ברודער אַלעקסאַנדער!

דיין דריטער בריף האָט שוין מיר די פּיס אונטערגעקאָסיעט! מיין אינסטינקט האָט מיר גלייך אָנגעזאָגט, אַז די שעהנע בלאָנ־דינקע אין אַמעריקאַ איז מיין מלאך המות...

דיין פערטער בריף האָט מיך גלייך אין בעט אַוועקגעלייגט! איך האָב שוין ניט געהאָפּט פון בעט אַרויסצוגעהן...

מיין לעצטער וואונש צו זיין לעבען דיר, ווי אַ שוועסטער האָט מיך געשטאַרקט און ערהאַלט און איך האָב דיר באַלד געשריבען, אַז איך ווינש דיר דעם בעסטען גליק מיט וועמען דיר איז בעשערט!

איך האָב דיר געשריבען, אַז איך וועל זיך שעצען גליקליך צו זיין מיט דיר ווי אַ שוועסטער און געבעטען דיך, אַז דו זאָלסט מיר גלייך אַרויסשיקען אַ שיפסקאַרטע מיט עטליכע רובעל.

ס׳איז שוין אָבער 6 וואָכען און דו ענטפערסט מיר ניט.

איך קאָן לייגנער ניט וואַרטען... איך וויל ניט איבערלאָזען אַ יתומה׳לע מיט אַזוי פיעל שאַנדע!...

ווען דו וועסט לעזען דיזען בריף וועל איך שוין ניט פיהלען און ניט ליידען...

גוט אפגעשניטען.

מיכאיל ארקאדיעוויטש טאראסקעוויטש. א בחור פון עטליכע און צוואנציג יאהר, א בלאנדין פון מיטעלען וואוקס מיט א פעסט געבויטען קערפער, שעהן ווי גאלד איז געקומען אין גריאזנאיא, א קליין שטעדטעל אין דער ליטא, אלס אדוואקאט.

קיינער האט זיין דיפלאמע ניט געזעהן, מ'האט אבער ניט געוואנט צו צווייפלען אין דעם, ווייל ער איז געווען אריסטאקראַ־טיש געקליידעט און האט גערעדט אן עכט הויכען רוסיש.

די ערשטע עטליכע טעג איז ער שוין געווארען „אויסגעבונדען" מיט אלע פריצים פון שטעדטעל: מיט'ן סטאנאוואי, מיט'ן דאקטאר, ביים אפטייקער איז ער געווארען אן „אייגענער מענש", ביים גלח א גאנצער „בין בית", האט זיך אויך באפריינדעט מיט די אידישע „פני" און מיט אלע רייכערע בעלי בתים געווארען א גאנצער שמעלקע.

קריסטען האבען איהם געהאלטען פאר א קריסט, אידען, — פאר „זייערען", און פארדאנקענדיג זיין אריסטאקראטישע באנע־מונג, איז ער געווארען באליבט און געאכטעט אין גאנץ שטעדטעל.

די אלגעמיינע סימפאטיע האט איהם געשארט פרנסה פון אלע זייטען און טאראסקעוויטש האט געמאכט געלט ווי בלאטע...

מיט'ן גאנצען פייער האבען זיך פארליבט אין איהם צוויי: שרה'קע דעם רב'ס, אן 18 יאהריגע ברונעטין, בלוט און מילך, זעהר א שעהנע און א „לעבעדיגע" מיידעל; און מאשא, דעם גלח'ס א 17 יאהריגע, הויכע, שלאנקע בלאנדינקע מיט פולע בלאהע אויגען, און א דיקען לאנגען צאפ העל־בלאנדע האר, א קינדערשע געזיכט, שעהן ווי א מלאך.

ביי דער ערשטער געלעגענהייט האבען שויןביידע געעפענט פאר איהם זייערע גליהענדע, יונגע אומשולדיגע הערצער.

ביידע בשתיקה פון די עלטערן.

שרה׳קע האָט געצווייפעלט, אויב ער איז א איד; מאשע — אויב ער איז א קריסט און ביידע האָבען זיך ניט ערלויבט צו איבערגעבען זיך מיט דער פראגע, ווייל זיי האָבען גוט געפיהלט, אז קיין זאך קאָן שוין זיי ניט צוריקהאלטען פון דעם באאיינפלוס־טען קראפט! ...

טאראָסקעוויטש, פון זייט זייט, האָט אויך שטארק געליבט ביידע מיידלאך, אָבער, ער האָט „געהאנדעלט" זעהר דיפּלאָמאטיש און איינע פון דער אנדערער האָבען ניט געוואוסט.

און יעדע איינע, איז זיכער געווען, אז זי איז די איינציגע, גליקליכע „קווארטיראנטקע" פון זיין גרויסער, ווארימער הארץ...

ביידע מיידלאך האָבען ניט געוואלט טראכטען וועגען א תכלית... זיי האָבען ביי זיך געוואוסט, אז ענדליך וועט מען מוזען לויפען מיט איהם ערגעץ אין עק וועלט...

ווייל ביידענס עלטערן וואָלטען ניט איינגעוויליגט אויף א שידוך מיט א מענשען, וואָס מ׳וויים ניט „וואָס און ווער ער איז"...

ביידען איז געווען ליב די היים און דעריבער האָבען זיי זיך ניט געאיילט מיט דעם גרויסען שריט — אָפּגעריסען צו ווערען פון די עלטערן.

זיי האָבען געוואוסט, אז דאָס איז אומפארמיידליך, אָבער אזוי לאנג ווי זיי קאָנען זיין: אי „פארהייראט", אי א „מיידעל" ביי זייערע עלטערן, ווארום זאָלען זיי זיך איילען?

טאראָסקעוויטש, אלס מעהר איבערגעלייגטער דיפּלאָמאט, האָט איינגעזעהן, אז זיין פינסטערער סוף דערנעהענטערט זיך...

האָט ער זיך אויף גיך אריבערגעפּעקעלט קיין אמעריקא.

שרה׳קע, ערפארענדיג פון איהר גרויסען אומגליק „ארום און ארום" האָט זיך געוואלט נעמען דאָס לעבען, אויסטרינקענדיג א היבשע פּאָרציע קעראָסין.

זי האָט דאָס אָבער באלד אויסגעבראָכען, ווייל דער סם איז געווען ניט קיין פרישער, מיט א שווערען גערוך... האָט זי פון גרוים פארצווייפלונג אויסגעזאָגט פון „אלעס" דער מוטער.

ביים רב אין הויז איז געווארען א שטילע איבערקעהרעניש...

און דער פאָטער האָט באשלאָסען, אז אום ניט צו פאַרשווארצען

איהם די יאָהרען, זאָל זי פאָהרען קיין אמעריקא און אז דאָס איז אויך א גוטער פלאַן פאר איהר.

א שעהנע אויסגעבראכטע סחורה איז זי, וועט זי זיך אָנ־געבען פאר אַן אלמנה און וועט זיך אויסברייגגען אויפ׳ן לויט...

שרה׳קען האָט דער פלאַן עטוואס בארוהיגט, ווייל זי האָט נאָך געהאָפט צו טרעפען זיך מיט טאַראַסקעוויטש׳ען.

דעם רב׳ס עצה איז געווען, אז זי זאָל פאָהרען מיט עטליכע וואָכען שפעטער, ווען די שטעדטעל וועט שוין פארגעסען וועגען דעם אַנטלאָפענעם אדוואָקאט, אום מ׳זאָל ניט אָנשטויסען זיך אויף א פאַרדאכט...

מאשא דעם גלח׳ס, זוכענדיג די אורזאכע פון איהר געליב־טענ׳ס אנטלויפען, האָט עס געפונען ביי זיך אונטער׳ן הארצען! ...

וואס טוט מען? — האָט איהר געעגבערט דער מוח.

דער איינציגער אויסוועג איז לויפען פון דער וועלט, אָדער פון דער היים.

שטאַרבען האָט מאשא זעהר ניט געוואָלט, האָט זי זיך באשלאָסען לויפען ערגעץ... האָט ביסלעכווייז צוזאַמענגעקליבען געלט פאר דיזען צוועק און ווען זי איז שוין געווען פארטיג צו דער רייזע, האָט זי באקומען א בריף פון אמעריקא.

טאַראסקעוויטש האָט איהר געשריבען זעהר א הייסען בריף, פאַרענטפערענדיג זיך פאר זיין פלוצליכען אוועקפאָהרען, ער־קלערענדיג אז וויכטיגע אורזאכען האָבען איהם געצוואונגען דערצו.

„אויב דו האָסט געדולד און פאר דיר איז מעגליך צו וואַר־טען — האָט ער איהר געשריבען — וועל איך דיר ארויסשיקען געלט אויף דער רייזע. און אויב דו וועסט ארויספאָהרען פריהער, זאָלסטו מיר שרייבען מיט וועלכער שיף דו וועסט קומען, אום איך זאָל דיך קאָנען באלד ארונטערנעמען. דו זאָלסט זאָגען, אז דו פאָהרסט צו מיר, צו דיין מאַן, אנדערש וועט׳ן דיך ניט אריינ־לאָזען אין לאנד.״

אן עהנליכען בריף האָט ער געשריבען צו שרה׳קען. איהם איז קיין אונטערשיד ניט געווען, ווער ס׳וועט פון זיי קומען. ער האָט זיך געפיהלט עלענד די ערשטע צייט און אויך האָט ער מיט

דיזען טאָט געוואָלט ריינוואשען זיין געווימען געגען די „ארי־בערגעכאפּטע" פרייע ליבע...

מיטביידען קאָן ער זיך ניט „פּאַרדרייען", אָבער איינע היי־ראַטען קאָן ער דאָך! אייגענטליך האָט ער אינגאַנצען ניט געגלויבט, אז אפילו איינע פון זיי זאָל קומען, ווייל ער איז געווען מעהר ווי זיכער, אז דער רב וועט זיין בת יחידה'קע, זיין „אויג אין קאָפּ" אונטער קיינע אומשטענדען ניט אָפּלאָזען פון זיך.

וועגען מאַשאַ דעם גלח'ס איז אויך אזוי. ער האָט ניט געגלויבט, אז ס'קאָן פּאסירען — א רייכען גלח'ס א טאָכטער זאָל איבערלאָזען אזא גליקליכען לעבען און לויפען אין אַמעריקא!... מ'ווייס שוין איצט גאַנץ גוט אין רוסלאַנד, וואס פאר א „ווייכע קוילעטשען" ס'איז אָנגעגרייט פאר זיי...

די פראגע פון ואהבת בכל לבבך" (ליבען מיט'ן גאַנצען האַר־צען) און די גרויסע קראַפט דערפון, האָט ער „פּאַרזעהן"... איהם האָט זיך געוואָלט האָבען איינע לעבען זיך. איהם האָט עפּעס געצויגען דערצו...

ער ווייס ניט, אויב דאָס איז דער ווילען פון ליבע אָדער, אפשר די געוואוינהייט פון פרייע ליבע...

האָט ער געפּרואווט מזל — געשריבען.

מאַשאַ האָט איהם געשריבען מיט וועלכער שיף זי פאָהרט.

שרק'ע איז שוין געווען א גמרא־קעפּעל. „וואָס קאָן מען בויען אויף אזא שאַרלאַטאַן?" האָט זי געטראַכט און האָט זיך באַשלאָסען קומען צו איהם פּלוצלונג. און אויב ער וועט וועלען מאַכען „הינטישע טענץ" זאָל זי איהם ארעסטירען. אז ניט מיט גוטען, וועט זיין מיט בייזען.

שרה'קע האָט געקענט פון דער ווייטענס מאַשאַ דעם גלח'ס, אָבער קיין פּערזענליכע באַקאַנטשאַפט מיט איהר האָט זי ניט געקאָנט האָבען. א רב'ס א טאָכטער מיט מאַשקע דעם גלח'ס? משוגע, וואס?!

מאַשאַ האָט שרה'קען אין גאַנצען ניט געקענט.

שרה'קע האָט מאַשען געזעהן עטליכע מאָל, פאָהרענדיג אויפ'ן שיף. זי האָט זיך אָבער געהיט אז זי זאָל איהר ניט דער־

קענען, מורא האָבענדיג, אז יענע זאָל זיך ניט אָנשטויסען אויף איהרע צרות...

מאשא האָט זיך אויפ'ן שיף באַקענט מיט אַ רוסישען רע־וואָלוציאָנער, א קריסטליכען סטודענט פון פעטערבורגער אוני־ווערזיטעט. איוואן גריבאָיעדאָוו, א יונגערמאן פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר, זעהר א שעהנער יונג.

גריבאָיעדאָוו האָט זיך פאַרליבט אין מאַשע'ן מיט'ן גאַנצען פייער פון זיין הארצען.

ווען ער האָט איהר פארגעשלאָגען, אז זיי זאָלען ארונטער־געהן פון שיף אלס אמת'ע חתן כלה, האָט זי זיך צואוויינט ווי אַ קינד און האָט איהם דערצעהלט וועגען זיך דעם גאַנצען אמת...

גריבאָיעדאָוו האָט דערפיהלט צו איהר גרוים מיטלייד און האָט איהר געגעבען אן עצה פון ריינעם הארצען, אז זי זאָל אויס־מיידען די מינדעסטע פאַרבינדונג פון יענעם שארלאַטאַן; ער האָט איהר ערקלערט אז מ'טאָר ניט האָבען קיין שום צוטרויען צו אזעלכע מענער...

מאשא האָט אָפגעשאַצט די ווירדע, ארענטליכקייט און הויכע אינטעליגענץ פון דיזען געבילדעטען מאן און איז, ווי צו אַ פאָטער צוגעפאלען צו זיין הארצען און האָט ביטער געוויינט.

— פאַפּאַטשקע, ליובאָטשקאַ, ענגעל רעטער! — האָט זי ארומגעכאפּט דאָס ערשטע מאָל זיין האלז — איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען פון זיך... גריבאָיעדאָוו האָט זי הייסט געקושט און זיי זיינען געווארען חתן־כלה.

ווען טאַראַסקעוויטש איז צוגעלאָפען צו מאַשען אין קעסעל־גארדען האָט זי איהם מיט פאראכטונג געזאגט: „אוועק דו פאַר־דאָרבענער לומפּ, אָדער איך וועל דיר ארעסטירען אויפ'ן ארט...

ער האָט פון דער ווייטען דערזעהן שרה'קען און איז, ווי אַן אונטערגעשאָסענער אָפּגעשפּרונגען פון מאַשאַ'ן.

אָנפאַנגס איז ער געווען אביסעל צומישט פון אלעם, נאָר שפּעטער זעהענדיג, ווי מאַשאַ איז אוועק געארעמט מיט אַ שעה־נעם מאן און שרה'קע שלעפּט זיך אליין מיט איהר באַגאַזש, האָט

ער געטראַכט: „א אידיש קינד, א אידיש האַרץ, אַן איבערגע־בענע נשמה..."

ביי טאַראַשקעוויטש'ען האָט פאַרקוועטשט זיין אידיש האַרץ פון אמת'ע, ריינע ליבע און מיטלייד צו דער שעהנער שרה'קען און ער האָט איהר אזוי היים, מיט אזא ברען געקושט, ווי נאָך קיינמאָל קיינעם ביז אהער...

אַ פאַרקייטעלטער מזל.

חיים ציבולניק מיט חיים ציבולניק זיינען געווען קאַזינס פון דעם זעלבען עלטער און זעלבען אויסזעהן. ווען מ'זעהט איינעם פון זיי, ווייסט מען ניט, אויב דאָס איז חיים דער קאַמאַשען־שטעפּער אָדער חיים דער שניידער. אזוי עהנליך זיינען זיי געווען.

זייערע נעמען האָט פאַר זיי ביידען איבערגעלאָזען בירושה זייער זיידע חיים דער שוסטער, וועלכער האָט ערוואָרבען דעם נאָמען „ציבולניק", צוליב דעם, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון אַ פּלאָדען אָן אָנגעפּאַקטען מיט ציבעלעס.

די קאַזינס האָבען פיל געליטען איינער פאַר דעם צווייטען, צוליב די עהנליכקייט אין די נעמען.

די קינדער יאָהרען האָבען זיי געליטען איינער פאַר'ן צווייטענ'ס פאַרברעכענס.

גאַנץ אָפט פלעגט איינער מוזען ארונטערשלינגען פלאַמענדיגע פעטש פאַר דעם צווייטענס זינד.

האָט איינער ארויסגעריסען אַ שעהנעם קנעפּעל פון אַ שבת'דיגען אויבערראָק און האָט זיך ארויסגעמאכט פון שול האָט דער דער צווייטער געקראָגען די „פּאַרציע" פאַר איהם. אויב מ'האָט נאָר באמערקט איינעם פון זיי רייבענדיג זיך ארום די קליידער.

האָט איינער פון זיי ארויסגע'גנב'עט ביים שכן אַ פּאָר טייבעלעך און שלעכטע קינדער האָבען אונטערגע'מסור'ט, איז מען גלייך געלאָפען צו זיי אין הויז (זיי האָבען געוואוינט צוזאַמען, אין אַ ירושה הויז, טאַקע פון דעם זיידען) און וועמען מען האָט אין הויז געטראָפען האָט'ן גע'הרג'עט מכות רצח!

ס'איז ניט פאַראיבער געלאָפען איין טאָג, אז איינער פאַר דעם צווייטען זאָל ניט האָבען „אָפּגעריסען די יאָהרען"...

זייערע טאַטעס זיינען געווען דאָרפס־לייט, געהאַנדעלט מיט׳ן גוי. אַ פעלכעלע, חזיר־האָר, ליין־זאָמען, פוך און פעדערען, אַלעס וואָס מאַכט זיך צום האַנד.

די גאַנצע וואָך געווען נע־ונד! נמאס געוואָרען די פינס־טערע פרנסה. און ביידע טאַטעס האָבען זיך באַשלאָסען מאַכען די קינדער פאַר שניידער. זיי האָבען מקנא געווען דעם לעבען פון אַ בעל מלאכה.

עס איז אַ קליינינקייט שטענדיג אין דער היים. „אשרי יושבי ביתך״ ! ...

נאָר לערנען זיך ביידע איין מלאכה, איין פאַך, האָבען ביידע קאָזינס ניט איינגעשטימט. ביידע חיים׳קעס זיינען ניט מרוצה דעם גאַנצען לעבען צו ליידען איינער פאַר דעם צווייטענ׳ס זינד.

אַז איין חיים דער שניידער וועט זיין אַ קאַליקע, אַ פאַר־טאַטש, דאַרף דער צווייטער שטאַרבען פון הונגער?

די קאָזינס האָבען ניט געטראָגען קיין האַרץ איינער אויפ׳ן אַנדערען. זיי ווייסען, אַז אין „דורכשניט״ האָבען זיי זיך אימער אויסגעגלייכט...

האָבען זיי צווישען זיך באַשלאָסען, איינער זאָל זיך לערנען שניידעריי און דער צווייטער — קאַמאַשען שטעפעריי.

ביידע האָבען אויף זיך געהאַט טייערע קעפּ און זיינען גע־וואָרען, ווי מען זאָגט : קינסטלער אין זייער פאַך

דער קאַמאַשען שטעפער האָט געאַרבייט אין אַ גרויסע שטאָדט און איז געוואָרען אַ גאַנצער פראַנט, איז געקומען אין זיין קליין שטעדטעל מיט אַ פּאָר הונדערט רובעל, אַן אויסגעניי־טער, אַן אויסגעקליידטער, מיט אַ גאָלדענעם רינג און אַ שטע־קען האָט ער געבראַכט מיט אַ העלפאַנד־ביינערנע קעפעל...

נאָך דעם זעלבען טאָג האָבען שוין אַלע אין שטעדטעל געוואוסט, אַז חיים דער קאַמאַשען־שטעפער פאָהרט קיין אמע־ריקא. כמעט גאַנץ שטעדטעל האָט איהם מקנא געווען. נאָך מעהר פון אַלעמען האָט איהם מקנא געווען זיין פריינד חיים דער שניידער.

ער איז איהם מוחל, וואָס ער איז געוואָרען אַ „גרויסער שטאָ־

טיגער", ער איז איהם אויך מוחל די גאנצע „פראנטאָווסטווא",
מיט דעם שטעקען מיט דער קעפעל פון אמת'ע העלפאנד־ביין...

ער איז אָבער מקנא די פּאָר גראָשען.

חיים דער שניידער חלש'ט פאָהרען קיין אמעריקא! ער שטאַרבט נאָך דער גאָלדענער מדינה! ...

און ער האָט זיך איצט באַשלאָסען אפּשפּילען דעם גרעסטען אקט...

„געגוג צו זיצען מיט די ציגען.. ער מוז פאָהרען קיין אמעריקא מיט זיין קאָזין".

און חיים דער שניידער האָט דעמזעלבען אָוועגט איינגעווילּיגט אויף דעם שידוך מיט באַשע די הייוועו מאכערקער'ס טאָכטער, גיטעלע די הויז־מיידעל, וועלכע איז געווען א דיקע, שווארצע מויד, זעהר ניט קיין שעהנע און ווייט פון א יונגער.

גיטעלע האָט אָבער געהאט 300 רובעל בארעם געלט, אויסער די טייערע קליידער, וועלכע זי האָט פאַרמאָגט.

ווייטער האָט גיטעלע איינגעווילּיגט פאהרען קיין אמעריקא.

מיט צוויי וואָכען שפּעטער איז ביי חיים'קען דעם שניידער חתונה געווען.

דער קאָזין זיינער האָט זיך זעהר געוואונדערט, וואס זיין חבר פארקויפט זיך פאר געלט.

נאָר שפּעטער, אז ער האָט דערגאַנגען דעם „סוד" פון זיין חבר איז ביי איהם שוין רעכט געווען.

חיים דער קאַמאַשען־שטעפּער האָט זיך דערוויילע פארליבט אין שרה'קע די פאַריקען מאכערקע. א בילד־שעהנהייט. גראדע אן ארימע מיידעל פון בעלי־בתישען קלאַס. איהר פאָטער, אלעמען צו לאַנגע יאָהר, איז געווען דער גרעסטער מלמד אין שטעדטעל.

ער האָט אָבער איבערגעלאָזען אן אלמנה מיט 6 קינדער.

און שרה'קע איז איצט געווען די גאַנצע ברויט־געבערקע.

איהר איז דער קאַמאַשען־שטעפּער גאַנץ געפעלען. זי האָט זיך אָבער ניט געקענט באשליסען איבערלאָזען די ארעמע מוטער מיט קליינע קינדער און אוועקפאָהרען קיין אמעריקא.

האָט שרה'קע אָפּגערעדט מיט חיים'ען, אז ער זאָל פאָהרען דערוויילע אַליין און אויב ער וועט איינזעהן, אז ער וועט קענען

שטיצען איהר מוטער מיט 5 רובעל א וואָך זאָל ער איהר ארויס־שיקען א שיפס־קארטע און זי וועט צו איהם קומען

אין א געוויסען אָווענט זיינען ביידע קאָזינס פארשוואונדען פון שטעדטעל.

מילא דער קאמאשען־שטעפער האָבען אלע געוואוסט איז אוועק קיין אמעריקא. אָבער דער שניידער, ווי קאָן ער אוועק־פאָהרען, גאָר בשתיקה פון זיין ווייב׳ל, מיט די גאנצע ביסעל געלט ? ...

פרעגט קשיות ! ער איז אבער דאָך אוועקגעפאהרען.

אין אמעריקא זיינען זיי ביידע געווארען קלאוקס־אפּערייטאָרס. ביידע זיינען געווארען די זעלבע בעל־בלאכות מיט די זעלבע פארדינסטען.

דער קאמאשען־שטעפער האָט זיך א נאָמען געגעבען „היימאן" און דער שניידער — „דזשייק".

אַלזאָ, היימאן און דזשייק ארבייטען צוזאמען און קוואר־טירען צוזאמען ביי איין „מיסעס".

היימאן האָט געהאלטען אין איין שרייבען בריף צו זיין געליבטע שרק׳ען און קיין מאָל קיין ענטפער ניט געקראגען. זי האָט אפּנים חרטה באקומען אויף איהר באשלוס צו פאָהרען נאָך אמעריקא.

אין דעם לעצטען בריף האָט ער איהר געשריבען, אז ער נעמט זיך אונטער צו שטיצען איהר מוטער ניט מיט 5 רובעל א וואָך, נאָר מיט 10 און האָט געבעטען שרה׳קען, אז זי זאָל איהם ענטפע־רען, אויב זי איז איינשטימיג צו פאָהרען וועט ער איהר ארויס־שיקען א שיפס־קארטע מיט געלט.

אין שטעדטעל האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, אז חיים דער שניידער מוז געווים זיין צוזאמען מיט זיין קאָזין, חיים דעם קאמאשען־שטעפער און מ׳איז צוגעפאלען צו די פיס צו שרה׳ען דער פאריקען־מאכערקע, אז זי זאָל פארדינען א גרויסע מצוה און העלפען דער „לעבעדיגער אלמנה" גיטעלען צו קומען צו איהר מאן קיין אמעריקא.

אין א שעהנעם פריהמאָרגען באקומט חיים ציבולניק, דער געוועזענער קאמאשען שטעפער א בריף פון זיין געליבטער שרה׳ען. זי פארענטפערט זיך פאר איהר ניט שרייבען די גאנצע צייט און

בעט איהם, אז ער זאָל איהר גלייך ארויסשיקען א שיפס־קאַרטע מיט אביסעל געלט און זי וועט גלייך אַרויספאָהרען צו איהם.

היימאַן האָט נאָך דעם זעלבען טאָג ארויסגעשיקט א שיפס־קארטע פון ערשטען קלאַס מיט 50 רובעל און 50 פייערדיגע קושען און האָט איהר געבעטען, אז זי זאָל איהם שרייבען מיט וועלכער שיף זי פאָהרט, און ער זאָל איהר קאָנען אראפּנעהמען פון שיף באלד, ווי זי וועט קומען.

מיט א מאָנאַט שפּעטער האָט ער געקראָגען א בריף מיט דעם נאָמען פון דער שיף מיט וועלכער זי פאָהרט.

היימאַן ציבולניק איז געווען אזוי צופרידען מיט זיין גרויסען גליק, אז ער האָט פאראנשטאַלטעט א גאַנצען יום טוב פאר דעם טאָג, ווען זיין שעהנע שרה׳קע וועט קומען.

ער האָט שוין געדונגען א שעהנעם וואוינונג און האָט איינגעריכטעט די הויז מיט אַל־דאָס־גוטס.

שעהנע מעבעל, טייערע געשיר, האָט אפילו געקויפט אַ פּיאַנא מיט א גוטען פאָנאָגראַף.

ווי נאָר ער האָט אויסגעפונען פון די צייטונגען אז די שיף איז געקומען איז ער שוין מיט זיין קאָזין חיים דעם שניידער אָדער דזשייק דעם אָפּערייטאָר און מיט אלע זיינע אַמעריקאַנער גוטע פריינד אוועק צום שיף.

היימאַן האָט אלעמען פארזיכערט, אז זיי וועלען דערזעהן אזא שענהייט, וועלכע אמעריקא פארמאָגט גאָר נים.

ווי פינסטער איז אָבער געווארעןביידע קאָזינס אין די אויגען, ווען זיי האָבען דערזעהן אָנשטאָט די בילד־שעהנע שרה׳קען, גיטלען, אַ צובּרענטע פון דער רייזע, א צופינסטערטע פון צרות מיט א לעבעדיגען „פּעקעלע" אויף די הענט...

זיי זיינען געבליבען שטעהן פארגליווערטע, ווי סטאַטועען...

די אמעריקאַנער פריינד האָבען זיי אָנגעקקט ווי משוגעים האָבען אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער און זיינען אוועק אהיים, וואונדערענדיג זיך פון וואס „גרינע" קענען מאכען א וועזען.

צו שפעט.

בערעל דער פּרעסער איז שוין געבליבען אָהן פּיס — קראַנק געוואָרען זוכענדיג אַרבייט. אין הויז איז שוין ניט געוועזען קיין פּיצעל ברויט און די לעצטע נאַכט האָבען זיך אַלע, אפילו די קינדער, געלעגט שלאָפען הונגעריגע.

ער האָט מעהר ניט געקענט צוזעהן די פאַרצווייפלונג פון זיין יונגער, שעהנער פרוי, וועלכע איז גרוי געוואָרען פון צרות. און ער האָט באַשלאָסען צו פאַרלאָזען די הויז, ביז ער וועט קריגען אַרבייט. ער האָט געהאָפט דאַמיט צו רעטען זיין ווייב און קינדער פון אונטערגאַנג, פון א הונגער־טויט. „גוטע מענשען וועלען זיך מרחם זיין איבער זיי,” האָט ער געהאָפט.

גאַנץ פריה איז ער אויפגעשטאַנען, האָט אָנגעקושט זיין פרוי און קינדער און האָט זיך שטילערהייט, אָהן א „זיי געזונד” אַרויסגעמאַכט פון הויז, איבערלאָזענדיג אויפ'ן טיש א צעטעלע, אז ער וועט א היים ניט קומען.

די פרוי איז געוועזען מעהר ווי זיכער, אַז דער מאַן וועט זיך נעהמען דאָס לעבען פון צרות און האָט פאַרצווייפעלט געקלאָגט אויף איהר ביטערען גורל און האָט איהר האַרץ אויסגעגאָסען פאַר די שכנים.

די ערשטע פּאָר וואָכען האָבען זיי דערפילט רחמנות צו דער אומגליקליכער פאַמיליע און האָבען פאַרהאָלפען מיט עפּעס־וואָס צו דערהאַלטען זיי ביים לעבען זיי האָבען אָבער באַלד א האַס דערפיהלט צו דער פרוי מיט איהרע קינדער.

— גלאַט, אַזוי זיך מענשעלעך — פלעגען זיי ריידען צווישען זיך — אומזיסטע פּרעסער! גיב זיי!... פאַר וואָס זאָל אַזא פרוי ניט אַרבייטען פאַר א לעבען צו מאַכען? זי וואָלט

גאָר געוואָרען געזונטער און שטארקער. א גוטע ארורה מוז זי זיין, מיט א געשליפען צינגעל און אפשר נאָך עפּעס... א מאן פארלאָזט ניט א פרוי אזוי גלאט אין דער וועלט אריין...

עפּעס א נייע, א בעל־צדקה'טע, פלעגט זיך אמאָל מרחם זיין מיט אן אלטען ברויט'ל. זי פלעגט אָבער ארויסציהען די נשמה ביי דער אונגליקליכער פרוי מיט איהרע גוטע עצות.

— ווען דו פאָלגסט מיך, א נארישע אידענע — צורעדט זי זיך אמאָל — וואָלט איך דיר געהייסען, אז דו זאָלסט די קינדער־לעך, זיי זאָלען זיין געזונד און שטארק, אריינגעבען אין אנ־שטאלט און אליין, ביז דיין מאן וועט זיך אויפזוכען, זאָלסטו געהן פאר אן אַם. דו וועסט פארגעסען אויף אלע צרות, ווי דו זעהסט מיך לעבען! וועסט זיך פארבעסערען אין געזונד. אויף דיר איז שוין דאָך ניט צו קוקען . . . און שפּעטער, אז דו וועסט זיך פּאָפּראַווען, איז אין אמעריקא קיין דאגה ניט צו ארבייטען...

— שאַט! האָט זי אויפגעשטראַלט פאר שמחה — איך האָב שוין פאר דיר א שידוך, גלייך אויפ'ן אָרט! און א שידוך — אזא יאָהר אויף מיר! א רייכע פּאַך פּאָלק. נאָר די ווייבעל, טאַקע אן ערשטלינג נאָך, איז, ניט פאר דיר געדאכט, לא־עליכם'דיג פון סאַמע קינפּעט אָן און דאָרטען וועט מען זיך אין גאנצען פאר־לאָזען אויף מיר! . .

— אנו, ווייז מיר אָקאָרשט דיינס אביסעל מילך!

און גלייך, אָהן צערעמאָניעס, ניט וואַרטענדיג אויף איהר הסכמה, געהט זי צו צו דער אונגליקליכער פרוי, שפּילעט אויף די ווייסטעל, שלעפּט ארויס א ברוסט, צירקעט זיך אָן אויפ'ן לאַדאָן א ביסעל מילך, טראָגט עס צו צום פענסטער און הויבט אָן, ווי א מומחה, אנאַליזירען, מאָהלענדיג עס מיט א פינגער, אזוי ווי זי וואָלט וועלען אויסשלאָגען דערפון פּוטער.

— יע, באמת גאַנץ פעטע מילך... אָבער... אָבער די בריסט דיינע, זאָלסט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט האָבען, זיינען דאָך הענטשיקעס, שמאַטעס!...

— ס'געהערט אביסעל, א רציחה פון א מאן! — צושרייט זי זיך — וואָס ער האָט פון איהר געמאַכט!... גע'הרג'עט זאָל ער נאָר ווערען אוואו ער איז, אזא איד — א ממזר!...

באַלד קומט אַריין נאָך אַ „גוטע נשמה" און, דערזעהענדיג אַ ברויט'ל אויפ'ן טיש גיט זי אַ פרעג:

— האָסט עפּעס ברויט? איך האָב דיר געוואָלט אַ ברויט'ל אַרויפטראָגען. נו וועט זיין אַ צווייטען מאָל.

און די פרוי צוגיסט זיך באַלד מיט עצות, ווי צו פאַרזאָרגען זיך, אַז מען זאָל ניט דאַרפען לעבען פון קצבה.

— מיר איז היינט איינגעפאַלען אַ גילדערנער פּלאַן — הויבט זי אָן מיט התפּעלות — דו זאָלסט די „פּיצעלע" פאַרקויפען צו אַ בעזדיעטניק און איך האָב שוין אַ בעלן אויף דער סחורה. איך האָב שוין געשמועסט מיט איהם וועגען דעם. דו'סט כאַפּען אַ פּאָאַר דאָלאַר!... און די גרעסערע, זאָל געזונד זיין, איז דאָך שוין אַ יאָהר זיבען?אַכט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, קען זי געהן פאַר אַ ניאַניעטשקע און פאַרדינען איהר שטיקעל ברויט. און דו אַליין, וואָס דו זאָלסט ניט טהאָן, אפילו אויסוואַשען ביי יענעם אַביסעל וועש, אויס־סקראָבען אַ פלאָאַר, וועסטו שוין אויך מאַכען אַ לעבען פאַר זיך מיט דיין דריי־יאָהריגען בחור'ל. ס'איז בנאמנות אַ חרפּה צו עסען פרעמדען ברויט!

אויס רחמנות צו דער פרוי מיט די קינדער, פלעגט זי גוט אָנשעלטען דעם אַנטלאָפענעם מאַן.

דער אונגליקליכער פרוי פלעגט אָנגעהן חלשות הערענדיג אַזעלכע עצות און אַזוינע קללות און זי האָט ענדליך געבעטען מען זאָל איהר צורוה לאָזען מיט די עצות און ניט שילטען איהר מאַן, וועלכער איז שוין אפשר לאַנג אויף דעם עולם האמת.

— ווי באַלד זי איז אַזאַ דבר אחר, — האָבען זיך אַלע צו־זאַמענגערעדט, — זאָל מען ניט אַריינשטעקען אַ פוס צו איהר אין הויז.

די אונגליקליכע פרוי האָט זיך געווענדעט נאָך הילף אין אַ גרויסען צדקה־אַנשטאַלט. מען האָט איהר פאַרשפּראָכען צו טהאָן פאַר איהר אַלעס, וואָס וועט מעגליך זיין, אפילו אויפזוכען איהר מאַן, נאָר דערווייליע, ביז מען וועט אונטערזוכען איהרע אומ־שטענדען, האָט מען איהר אפילו קיין שטיקעל ברויט ניט געגעבען.

די פרוי האָט צוליב דעם פאַרלאָרען דעם גאַנצען בטחון און,

אוים פאַרצווייפלונג, האָט זי זיך באַשלאָסען צו מאַכען אַ סוף צו איהר ביטערען לעבען.

„מאַמע, עסען! מאַמע, גיכער אַ שטיקעל ברויט"! זיינען איהר באַפאַלען די קינדער אויפ'ן שוועל פון איהר וואָהנונג.

— האָסט געפונען פּאַפּאַ? האָט נייגעריג אָנגעשטעלט אויף איהר אַ פּאָר פּולע, טונקעל־בלויע אויגען די זיבען־יעהריגע פּענע, אַ בלאָנדע מיידעלע, שעהן ווי אַ מלאך.

— פּאַ, פּאַ, זעמעלעך, בייגעלעך! האָט געריסען אויף איהר די קליידער דער דריי־יאָהריגער בענעלע, אַ שוואַרץ־חן־עוודיגער אינגעלע מיט אַ פאַרוואַקסענעם שטערען און גרויסע קײלעכדיגע פעך־שוואַרצע אויגען.

ביי דער מוטער בלוטעט דאָס האַרץ. זי ווייס, אַז די קינדער האָבען דעם גאַנצען טאָג קיין ברעקעל ברויט אין מויל ניט געהאַט און זי וואָלט זעהר וועלען געבען זיי אָפּעסען אויפ'ן וועג... זי קען אָבער יעצט ניט געהן וויינען פאַר די שכנים, ווייל די צייט איז טהייער... זי פיהלט, אַז יעדע מינוט קען מאַכען אַ תל פון איהר פּלאַן... זי מוז שנעל און פאַרצווייפעלט קעמפּפען צו באַזיגען אַ מוטער־האַרץ...

— קינדערלאַך! פייגעלאַך מיינע עלענדע, אומגליקליכע! באַלד קומט פּאַפּאַ מיט אַ שעהנעם וואָגען, געשפּאַנט מיט צוויי טהייערע, שעהנע פערד און וועט אונז נעהמען צו זיך... ער איז איצט רייך... איהר'ט האָבען זעמעלעך מיט פּוטער... לעגט זיך אַוועק אין בעט, ווערט איינגעשלאָפען. דער פּאַפּאַ וועט אייך אויפוועקען, קושענדיג אין מויל...

— מאַמאַ, אַ שטיקעל ברויט! זאָגט בענע מיט רעהרען, אַרומלעקענדיג מיט'ן צינגעל די פאַרטריקענטע ליפּעלאַך און לעגט זיך אַוועק אין בעט, וואַרפענדיג אַן אונגעדולדיגען בליק אויפ'ן טיר.

— באַלד קומט פּאַפּאַ? ציטערט אויפגערעגט זיין קול'כל. ער זיפצט אָפּ און פאַרמאַכט זיינע אויגעלעך, אום ניט צו פאַרציהען די גאולה...

— אַ ברעקעלע ברויט, מאַמעניו! קען ער זיך ניט איינ־

האַלטען — איין ביסען! און איכ'ל וואַרטען אויף פּאַפּאַ! בעט ער זיך מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך.

— מיר טהוט זעהר וועה אָט דאָ! לעגט צו פענע אַ הענטעל אונטער'ן הערצעל — איך בין זעהר הונגעריג! — באַקלאָגט זיך דער „בר־דעת" מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך — גיב מיר כאָטש אַ ביסעל וואַסער, מאַמעניו!

זי האָט אַ קליינעם זופּ אַרונטערגעשלונגען, ניט עפענענדיג די אויגען.

— באַלד, מאַמעניו? באַלד?...

—שלאָף, שלאָפט ביידע! האָט די מוטער נערוועז אָנגעשריען, באַגיסענדיג זיך מיט טרעהרען.

אַלע געזן־רעהרען זיינען געוועזן אָפּגעדרייט. די מוטער איז פאַרצווייפעלט, מיט אונגעדולד אַרומגעלאָפען איבער'ן הויז, מיט'ן דריימאָנאַטליכען קינד צוגעדריקט צום האַרצען.

דאָס קינד האָט געצויגען איהר ליידיגע ברוסט און האָט געצופּט איהר נשמה...

דערפיהלענדיג, ווי דאָס עופ'עלע האָט אַרויסגעלאָזען דאָס זויגעלע פון מויל, האָט זי עס ווידער איהם אַריינגעשטאָפּט. דאָס מיילכעל איז שוין אָבער געוועזן קאַלט און האָט מעהר ניט געצויגען...

פּענע האָט געלאַכט און שנעל געערעדט וועגען זעמעלעך...

בענעלע איז געשלאָפען רוהיג...

די מוטער'ס האַרץ האָט ענדליך ערוואַכט אין איהר פולע אונבאַזיגבאַרע קראַפט און די אונגליקליכע פרוי האָט שוין געשריען פאַר הילף און איז געלאָפען צום טיר. אָבער שוין צו־שפּעט. זי איז אומגעפאַלען און שוין מעהר ניט אויפגעשטאַנען...

בערעל דער פרעסער איז שנעל געלאָפען אַ היים מיט די ערשטע פאַרדינטע פּאָר דאָלאַר. זיינע קעשענעס זיינען געוועזן פול מיט זעמעלעך און געזאַלצענע בייגעלעך. זיין האַרץ האָט געשפּרונגען אין איהם פאַר שמחה ביי'ם געדאַנק, ווי ער וועט דאָס דערקוויקען זיין ווייב און קינדער... ס'איז שוין אָבער געוועזן צו שפּעט...

זיין הויז איז געוועזן פול מיט פרעמדע מענשען און זיין ליבע

פרוי און טייערע קינדער — אַלע צוזאַמען זיינען געלעגען אויף דער ערד, צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע.

— ווער, ווער האָט אייך געטאָן, מיינע פייגעלעך? איז ער צוגעפאַלען צו זיין בלוט און האָט פאַרצווייפעלט און הערצרייסענד געוויינט.

צו שפּעט, צו שפּעט! האָט מיטגעוויינט דער עולם.

די בלינדקייט פו׳ם לעבען.

ער — א דארער, בלאסער, קרענקליכער מאן פון א יאהר 40; זיי פרוי — אויך פונ׳ם זעלבען עלטער און דעמזעלבען אויסזעהן. די שטריכען פון זייערע פנים׳ער צייגען ארום דייטליכע שפורען פון שעהנקייט און אינטעליגענץ.

ביידע זיינען ניט צופרידען מיט זייער שיקזאל, ביידע זיינען ביי זיך זיכער, אז די אורזאך פון זייער ניט צופרידענעם לעבען איז דער צווייטער צד.

זי איז געוועזען זעהר א שעהנע מיידעל פון בעלי־בתישע עלטערען און האט געהאט טויזענדער געלעגענהייטען צו הייראטען א רייכען מאן און לעבען גליקליך און ניט אפפינסטערען אלע יאהרען פאר אן ארבייטער (ער איז אין אמעריקא געווארען א בעל מלאכה). זי באדויערט עס און פארשטעהט ניט ביז היינטיגען טאג, ווי אזוי דער אומגליק איז געשעהן. שדים האבען איהם אונטערגעטראגען און ער האט איהר פארבלענדעט די אויגען מיט זיין שעהנקייט, מיט די קלוגינקע ריידעלעך און שפעטער מיט די ליבע, זיסע בריוועלעך האט ער איינגאנצען צוגענומען איהר הארץ! אבער איצט באדויערט זי דאס. זי באדויערט וואס זי האט פון האנט ארויסגעלאזען אזעלכע גאלדענע גליקען. איהר הארץ איז אנגעוועהטאגט, די נערוועז אנ־געצויגען, אנגעשטרענגט און פון דער מינדעסטער זאך, פון דער קלענסטער נארישקייט, וואס ער באגעהט, ווערט זי אויפגעבראכט, אויפגערעגט און נערוועז און זי איז זיכער, אז יעדער טראט זיינער, יעדע באנעהמונג און האנדלונג, ווי אין פארהייראטען, אזוי אין וועלטליכען לעבען — זיינען נאריש און דערפאר איז ער ארעם און זי דארף זיך פלאגען... שטודירט זי איהם, לערענט זי איהם אויף שריט און טריט, אבער ניט מיט פריינדליכע ערקלערונגען, מיט קלוגע עצות, נאר מיט קללות, זידלעריי און מיאוס׳ע שימפ־ווערטער.

ער, דער מאן, טראָגט זיך ארום אין הארצען מיט זיינע טענות: ער איז ניט געווען קיין רייכער בחור, אָבער א שעהנער און א גראָד־טענער, מיט אלע מעלות און האָט געהאט פיל געלעגנהייטען צו טאָן א רייכען שידוך, נאָר אלס אידעאליסט און טאקע אלס אויסגע־רעכענטער מענש, צו באווארענען זיך פון צרות אינ'ם פארהייראטען לעבען. האָט ער געהייראט אן ארימע מיידעל, אָהן נדן און איז גע־ווען זיכער, אז זי וועט זיך אימער צופרידענשטעלען מיט איהרע פרויען־קליידער אליין און דאָס רעכט פון צו „טראָגען הויזען" זאָל זיין פון איהם ניט באריהרט... עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזען קאפויר.

באלד נאָך דער חתונה האָט זי איהם געלאָזט וויסען, אז זי טראָגט די „פּליודערען"! ... ער האָט דאָס געוואוסט און געפיהלט און גייסטיג זעהר געליטען. נאָר ליב האָבענדיג זיין פרוי, פיהלענדיג אָפט צו איהר מיטלייד, ווי צו א שוואכערער פון זיך, ווי צו א דע־ליקאטע זאך, ווי צו א נערוועזער קינד, וועלכע קען זיך נעבעך ניט קאָנטראָלירען אין אן אויפגערעגטען צושטאנד, שווייגט ער און ליי־דעט, ליידעט און שווייגט, זוכט אָפט צו פארענטפערען זיך, ער־קלערען זיין אומשולד, ביז דאָס געדולד פלאצט אמאָל און ער באַ־ליידיגט איהר. דאן צופלאקערט זיך דאָס פייער ריכטיג און די „דעליקאטע" זאך הויבט אָן האָגלען מיט קללות, חרמות און שמוּ־ציגע ווערטער...

ער פארשטעהט, אז די פרוי פארלירט דערפון שטיקער געזונט און האָט שוין חרטה, אָבער צוריק כאפּען קען ער שוין ניט, ווייל איבערבעטען זי אין אזא מאָמענט, מיט א גוט־וואָרט, אָדער מיט א שמייכעל איז אזוי ווי צו לעשען א פייער מיט אויל...

כאפּט ער זיך ארוים אויף א ווײלע אין גאַס, ביז די פרוי וועט זיך אביסעל בארוהיגען און דאן זאָל ער זי איבערבעטען, מאכען שלום מיט איהר.

ביז ער קומט צוריק פון גאס געפינט ער שוין די פרוי פאר־שלאָסען אין שלאָף־צימער און זיין בעט־געוואַנט אין עס־צימער אויפ'ן בריק. ער בלייבט שטעהן א ווײלע, ווי אן אָפּגעשמיסענער. פון זיין פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזען א „בוידים". ער בעט זיך אוים אויף שטוהלען און לעגט זיך שלאָפען. ער קען אָבער ניט

איינשלאָפֿען. ער איז זעהר אויפגעדעגט אויף דער פרוי, פאר אזא באליידיגונג. ער וויל האָבען א קלאָרען רעכענונג: וויפיל מאָל די פרוי האָט איהם אָפּגעטאָן אזא שפּיצעל, „ארויסגעוואָרפען דעם אָרי־מאַנ'ס קלומעק" און אנדערע באליידיגונגען פאר די פאָר צעהנדליג יאָהר, וואָס זיי וואוינען צוזאמען און קאָן ניט מאכען קיין סך־הכל. די צאָהל איז צו גרויס... זיין הארץ קלאפּט איהם פאר אויפ־רעגונג. ער וואָלט שוין וועלען, וואס גיכער איינשלאָפען, פארגעסען די צרות און דערצו דארף ער טאקע מאָרגען גאנץ פריה אויפשטעהן צו א שווערען טאָג ארבייט און, ווי אויף צו להכעים, קאָן ער ניט איינשלאָפען ער האָט שוין א גאנצען פעקעלע פּאפּיראָסען אויסגע־רויכערט. ער פיהלט שוין דעם רויך אין האלז, אין הארצען, און די ביטערקייט טיף־טיף ביז צו די געדערים... ער קעהרט זיך פון איין זייט אויפ'ן אנדערען און קען ניט איינשלאָפען און שילט פון כעס די שטולען, וועלכע רוקען זיך אָפּט ארויס פון אונטער זיין געלעגער...

פלוצלונג דערהערט ער א טיפען זיפץ פון זיין פרוי. איהם גיט א טיאָכקע אין הארצען. ער פארגעסט אלע זיינע קריוודעס און געהט אריין אין איהר לאָגע. דער זיפץ איז געוועזען זעהר א טומוועהער, אזוי, ווי ביי א שלאָפענדיגע קינד נאָך א לאנגען אַנוויינען זיך פאר'ן שלאָף.

איהם פארקלעמט דאָס הארץ: אָרימע רבקה'לע! האָט זיך נעבעך אויסגעגעסען א שטיק הארץ! האָט זיך געמוזט אנוויינען אויך געגוג. איהם רייסט דאָס הארץ אויף איהר ביטערען לעבען. ער שאצט אָפּ איצט איהר פארשקלאפטען, פינסטערען לעבען. דעם יאָך פון הויז מיט די קינדער. און וויפיל געזונט זי האָט דאָס אָוועק־געלייגט אויף יעדען קינד! דער טראָגען, האָבען און האָדעווען. וויפיל נעכט זי האָט ניט דערשלאָפען, וויפיל טרערען זי האָט דאָס פארגאָסען אויף יעדען קינד, ווען עס איז קראנק געוועזען. און וואָס פאר א דאנקבארקייט זעהט זי יעצט פון זיי?

א צווייטער זיפץ פון זיין שלאָפענדיגע פרוי האָט שמערצליך דורכגענומען זיין הארץ און ער האָט זיך אליין טיף אפגעזיפצט און באשלאָסען ניט אוועקצוגעהן מאָרגען צו דער ארבייט, ביז ער זאָל ניט איבערבעטען זיין פרוי און בארוהיגען איהר און זעהן אויף ווייטער אפהיטען איהר, ווי דעם לעבען, נאָכגעבען אלע איהרע

קאפּריזען: זאָל זי טראָגען די הויזען, אבי ער זאָל האָבען א געזונט ווייב און אזוי טראכטענדיג איז ער איינגעשלאָפען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט.

זי האָט זיך אויפגעכאפּט שוין מיט'ן גרויסען טאָג און דערזע־הענדיג דעם לעדיגען אָרט אין בעט האָט זיך איהר אזוי ווי אפּגעריסען אין הארצען אויף דיזען מאָל. איהר האָט דורכגעבליצט א בילד, אזוי, ווי איהר מאן וואָלט געשטאָרבען און מען האָט זיינע בעט־געוואנט ארויסגעוואָרפען פון בעט. זי האָט אפּגעשפּיט דריי מאָל צו פארטרייבען דעם געדאנק און אן אומעט מיט א בענקעניש האָט איהר ארומגעכאפּט. זי האָט זיך אָנגעטאָן אויף גיך, היטענדיג זיך ניט א קוק צו טאָן אויף דעם לעדיגען ארט אין בעט און איז שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, אריין אין עס־צימער, ווארפען א בליק אויף איהר מאן, אזוי, ווי צו דערווייזען אליין זיך, אז ער לעבט און דערמיט פארטרייבען פון זיך דעם אומעט פון עלענדקייט.

דערזעהענדיג איהם, האָט זי מיט א פארקלעמט הארץ פאר־בראכען די הענט און פארביסען די אונטערשטע ליפּ. זיין געזיכט איז געוועזען געל, ווי וואקס, די אויגען איינגעפאלען און די ליפּען וויים. די פים זיינען געהאנגען ביז דר'ערד, דער שטול פון אונטער זיי האָט זיך ארויסגערוקט, און זי האָט דערפיהלט גרויס רחמנות צו איהם.

„מיין ארימער, אומגליקליכער בערעלע — האָט זי געטראכט — פארוואס פארצאפּ איך איהם אזוי פיל בלוט? אוי, וועה, וואס איך האָב פון איהם געמאכט! א שעהנערען לעגט מען דאָך אין קבר! נאָך א שווערען טאָג ארבייט האָט ער אזא ביטערע, אזא פינסטע־רע נאכט! נאָך אזא נאכט, פון וואנען זאָלען זיך ביי איהם נע־מען כחות צו אַרבייטען? ווי קען מען פארלאנגען פון אזא אוים־געמוטשעטען נפש פריינדשאפט, צערטליכקייט? און נאָך מעהר, אז איך גיב איהם ניט קיין מעגליכקייט דערצו!.. אז ער זעהט פון מיר ניט קיין פריינדליכע מינע!"

זי פארגלייכט זיין פּנים מיט זיין אויסזעהן אלס חתן און ער וואקסט אוים פאר איהר: א הויכער, א דיקער מיט א ליכטי־גען פּנים און ברענענדיגע אויגען, פון וועלכע ס'האָבען זיך גע־שאָטען גאַנצע „סנאָפּעס" פייערדיגע ליבע... און זי פיהלט איצט

זיינע הייסע, לאַנגע קושען, וועלכע לאָזען איבער א זיסע פייכט־קייט אויף איהרע ליפּען...

איהר האַרץ גיט אַ ציטער, איבער'ן גאַנצען קערפּער לויפט דורך אַן אַנגענעהמע וואַרעמקייט...

„אָבער זיין איצטיגער אויסזעהען?" כאַפּט זי זיך אויף ווי פון אַ שלאָף און דער לעדיגער אָרט אין בעט שרעקט איהר אַזוי אָהן רחמנות... זי וועט בלייבען אַן עלענדע אַלמנה! ...

זי ציטערט אויף ביי דעם געדאַנק, אַ קעלט לויפט דורך אַלע איהרע גלידער. די נערוועז ווערען אָנגעצויגען, דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי מיט האַמערס! און זי הערט אַ שטימע מיט פאָרווירפע: „ווער איז שולדיג אין דעם?" זי דערקענט די שטים — דאָס רעדט איהר טויטער מאַן!

זי לאָזט אַרויס אַ קוויטש, לויפט אַריין אין שלאָף־צימער און צעוויינט זיך מיט אַ היסטערישען געלעכטער...

בערעל כאַפּט זיך אויף מיט אַ שטאַרקען קאָפּוויי־טאָג און די אַרונטערגעהיינגענע פּיס — אַ גאַנצע נאַכט אין די שיך — זיינען אַזוי ווי קלעצער... די ווייב לאַכט, צופרידען מיט'ן אָפּגעטאָנענעם „שפּיצעל"...

דאָס גאַנצע בלוט קאָכט אויף אין איהם פון כעס און ער כאַפּט דעם הוט און לויפט צו דער אַרבייט.

פון טויט לעבעדיג.

מר. ראזשעצקין, אן אינטעליגענטער יונגערמאן, האט שוין פארלארען דעם גאנצען בטחון.ביידע דאקטוירים האבען איהם ערקלערט, אז דאס קינד זיינס האט שוין ניט קיין טראפען בלוט אין זיך און קיין פונק חיות.

רבקה'לע, זיין 4־יאהריגע בת יחידה'לע, איז ערנסט קראנק זייט עטליכע וואכען. ער, דער פאטער, האט זיין לעבען אוועק־געלייגט — איהר צו רעטען, די גאנצע צייט האבען דאקטוירים ניט אפגעטראטען פון איהר בעטעל, עס האט אבער קיין זאך ניט געהאלפען — די קאנוואולסיען האבען איהר ניט אפגעלאזען אויף א מינוט.

די לעצטע צייט איז דאס קינד געלעגען רוהיג, ס'האט אויסגעזעהן, אז עס ווערט בעסער און טאטע־מאמע האבען זיך שוין געפרעהט. די דאקטוירים אבער האבען איהם ערקלערט די אורזאכע פון אזא בעסערקייט... און דער אומגליקליכער פאטער פיהלט, אז ער ווערט משוגע פון פארצווייפלונג! ...

ער קאן ניט מאכען ביי זיך קיין הסכם צו מיאש זיין זיך פונ'ם קינד, וועלכע איז איהם איצט נאך טייערער געווארען און בשום אופן קאן ער זיך ניט באשליסען צו פארבארייטען זיין ליבע פרוי צו דעם ביטערען „טאנץ"... אבוואהל ער פיהלט ביי זיך אז איהם וואלט דאס פראסט מחיה געוועזן... ער וואלט אזוי וועלען ארויפווארפען זיך דער פרוי אויפ'ן האלז, אויסברעכען אין א געוויין — צוכליפען זיך ווי א קינד — לאזען לויפען זיינע טרער־רען, פריי, אומגעשטערט! ...

דער זייגער האט געצייגט, אז עס איז שוין צייט צו געבען די מעדיצין.

דאָס קינד שלאָפט אָבער אזוי שטארק אז מען קען עס ניט אויפוועקען. מיט געוואלד האָט מען אויפגעריסען דאָס מיילכעל און אריינגעגאָסען די רפואה. ס'איז אָבער געבליבען שטעהן אין מיילכעל, ווי אין א חנוכה־לעמפעל... דאָס קינד איז געווען טויט!

דער דאָקטאָר, וועלכער איז דערביי געווען האָט מיט א זיפץ ערקלערט, אז אלעס איז צו ענדע! דער דופק הערט זיך נאָך אביסעל, אָבער דאָס איז א פראגע פון מינוטען...

דאָס קינד, וועלכע איז די גאנצע צייט פון איהר קראנקהייט געבליבען שעהן ווי א רובין — וואָס עלטערע פרויען האָבען אָנגענומען פאר א „שלעכטען סימן" — האָט מיט איין מאָל גע־קראָגען דעם אויסזעהן פון א שטיקעל וואקס. נאָר די הענט און פיס זיינען געווען געל־גרין אין גאנצען — קאלט, ווי אייז!

מר. ראָזשעצקין, ניט אכטענדיג דערויף וואָס ער האָט ער־ווארטעט אזא ענדע, איז געבליבען שטעהן ווי א פאראליזירטער; ווי אלעס וואָלט אין איהם פארגליווערט געווארען! ער האָט געפיהלט, ווי זיין מארך ברענט אין איהם, זיין הארץ ווארפט זיך, ווי ארויסצושפרינגען; די טרערען ווערגען — דערשיקט צו ווערען אלעס באוועגט זיך אומגעהייער, נאָר די צונג איז געווארען שטום און ער האָט געשוויגען...

די אומגליקליכע מוטער אָבער האָט געמאכט אזעלכע פאר־צווייפעלטע, הארצרייסענדע געוואלדען, אזא יללה, פונקט, ווי דאָס וואָלט געווען איהר „געוועהר" צו קעמפען אויף לעבען און טויט מיט'ן מלאך המות — צו רעטען דאָס לעבען פון איהר ציטע־ריגע בת־יחידק'קע, איהר ערשטע קינד!...

זי האָט געכאפט דאָס קינד, געקושט, געדריקט צום האר־צען און וויגענדיג אויף איהרע הענט, האָט זי שטיין־ריהרענד גע־טענה'ט: „מיין קינד, מיין לעבען, איך וועל דיך צו קיינעם ניט אָפּגעבען — איך וועל דיך ניט לאָזען שטארבען! — דאָקטאָר! איהר מוזט מיר ראטעווען מיין קינד! — האָט זי איהם אָנגע־כאפט ביים האנט — איך וועל אייך ניט אָפּלאָזען! ווי לאנג איין אָדער קלאפּט נאָך, טאָר מען די האָפענונג ניט פארלירען; איהר מוזט מיר רעטען מיין קינד!...

אין הויז איז געווארען פול מיט מענשען. מען האָט אָנגע־

צונדען ליכט. א פּאָר עלטערע פרויען האָבען געריסען דעם טויטען קערפּערעל פון דער פארצווייפעלטער מוטער צו טאָן איהר "אָם „רעכט"...

די מוטער האָט פארצווייפעלט געקעמפט קעגען די גרויס־העלפער פון מלאך המות און דער דאָקטאָר האָט איהר געהאָלפען צו פאַריאָגען זיי פון הויז און אום צו באפרייען אליין זיך פון דער אומגליקליכער מוטער האָט ער זיך באשלאָסען צו ארייג־שפריצען דעם טויטען קינד קאמפער אין הערצעל אום אויפצו־מינטערען אויף א ווייילע איהר טעטיגקייט.

דאָס קינד איז געווען אוועקגעלייגט אין בעט אריין און דער פאָטער האָט עס צוגעהאלטען פאר די הענטלעך, אין דער צייט ווען דער דאָקטאָר האָט געמאכט די אָפּעראציע.

— פּאפּא, וואָס טוסטו? — האָט רבקה'לע אויפגעעפענט און אָנגעשטעלט אויף ראָזשעצקינ'ען איהרע גרויסע, שעהנע, שווארצע אויגען פול מיט וואונדער און פארווירפע, נאָך דעם ער־שטען שמערצליכען שטאָך, וועלכען זי האָט געקראָגען פון דעם דאָקטאָר'ס אריינשפריצונגס־אפּאראט.

דאָס גאנצע בלוט האָט איהם א זעץ געטאָן אין קאָפּ אריין.

ער האָט איצט באשיינפערליך געפיהלט די אונמעגליכקייט פאר איהם צו שיידען זיך מיט זיין היים־געליבטער טאָכטער.

ווען די מוטער האָט זיך גליקליך געשעצט, דערהערענדיג א פּאָר ווערטער פון איהר קינד, און צופרידען גאָט געדאנקט פאר זיינע גרויסע חסדים, האָט דער פאָטער געשטיקט זיך מיט טרערען פון פארצווייפלונג; האָט זיך אָנגעשטרענגט צו ווייזען א פרעה־ליכע מינע, אום ניט צו שטערען די דערוויילינע, בלינדע שמחה און פאלשע האָפענונג פון זיין אומגליקליכער פרוי.

„זי וועט זיך נאָך אָנוויינען און אָנקלאָגען די ארימע מו־טער", האָט געבלוטעט זיין הארץ און ער האָט ניט געוויינט.

אָבער שפּעטער, ווען דער דאָקטאָר האָט ערשטווינט אויס־געשריען, אז דאָס קינד לעבט און וועט בלייבען לעבען, איז ראָ־זשעצקי ארויפגעפאלען דער פרוי אויפ'ן האלז און האָט זיך צעוויינט אויפ'ן קול...

דעם רבינ'ס שנור.

דער עלטערער זוהן פון א וועלט־באריהמטען חסידישען רבי'ן איז געווען א גרויסער למדן, א לאנד־חכם און א גרויסער פארשוין, מיט א ווייס־רונדען פנים, גרויסע טונקעל־ברוינע אויגען, דורך וועלכע עס האט געשפריצט מיט שכל און גוטהארציגקייט.

די גרעסטע גבירים פון דער גאנצער וועלט — האבען זיך צו איהם גע'שדכנ'ט פון זיין בר מצוה אן און זעהר פילע האבען מקנא געווען זיין גליקליכע צוקונפט.

דעם בחור אליין האט די האפנונג ארומגעטראגען אין צוי־בערהאפטע הימלען, זיין צוקונפט האט איהם פארשפראכען דאס שעהנסטע און דאס בעסטע אין דער וועלט און אלעם פון דער פולער האנט: כבוד, געלט און פארגעניגען. אפט פלעגט דער בחור, שאקלענדיג זיך איבער'ן גמרא, דורכלעבען אנגענעהמע מאמענטען פון זיין בליהענדער צוקונפט.

א בילד־שעהנע, גרויס־שטאדטישע אריסטאקראטקע, א מי־ליאנער'ס א טאכטער, באקליידעט מיט זייד, סאמעט און ברילאנ־טען, ווארפט זיך אין זיינע ארעמס דריקט זיך צו איהם — טוליעט זיך ווי א קינד, און באהאלט איהר קאפ איבער שולטער. די ברוסט הויבט זיך שנעל און דאס הארץ קלאפט אזוי שטארק, אזוי שטארק! ... „די ליבע פון גרויס שטאדטישע איז קאכענד און שטורעמדיג, ווי דאס לעבען אליין".

און א ווארעמקייט לויפט דורך זיין גאנצען קערפער, די קליין־שטעדטעלדיגע בושה פארשווינדט שנעל און ער דריקט זי צו זיך, קושט איהר ענטבלויזט ברוסט. ער פיהלט, ווי זיין קערפער ציטערט אויך, די הענט טרייסלען זיך — ער וואלט וועלען איהר אין הארצען אריינזעצען.

אָבער שפּעטער האָט זיך זיין גליקליכע צוקונפט מיט א פינסטערער כמארע פאַרצויגען, פאַרוואַנדעלט אין ליידען, אין יסורים, ווייל ער האָט זיך געפיהלט שוואך אין געזונט, און א גרויסער פּראָפעסאָר האָט איהם ערקלערט, אז ער דארף ניט הייראַטען, ווייל ער איז קראַנק.

דער בחור איז פאַרצווייפעלט געווען צוליב זיין קראַנקהייט און נאך מעהר, וואס אויסערליכע אומשטענדען האָבען איהם געצוואונגען צו הייראַטען קראַנקערהייט און האַלטען אין געהיים די יסורים פון זיין נשמה.

דער רבי און די רבי'צען האָבען אויך געהאַט גרויס עגמת נפש פון דער ביטערער לאגע און האָבען ניט געפונען קיין שום טרייסט פאַר זייער זוהן, אויסער עולם הבא.

די צייט פון הייראַטען איז געקומען.

דער קלוגער אויסגערעכענטער בחור האָט זיך פאַרגעשטעלט די רעזולטאַטען פון אזא הייראַט אין זעהר מיאוס'ע פאַרבען, און האָט בשום אופן ניט איינגעוויליגט צו פאַרבינדען זיך מיט א גרויס־שטאָדטיגע, לעבהאַפטע נשמה, מיט אומבאַגרעניצטע פאַרלאַנגען, און האָט זיך בעסער באַשלאָסען צו הייראַטען זיין קוזינע, אויך א רבי'ס א קינד, אן אָרעמע, קליין־שטעדטעלדיגע מיידעל.

שטערנטשקע — א שלאַנקע, גראַציעזע מיידעל, מיט א קליינע קאָפּ בלאָנדע געקרויזטע, אין קליינע פּעלדעלעך צולעגטע האָר; מיט א קלאָר־ווייסען, ליכטיגען אָוואַלנעם פּנים און גרויסע, טונקעל־בלויע אויגען — האָט איהר גאַנצע קינדהייט געפאַנטאַזירט פון א גרויס־שטאָדטיגען אריסטאָקראַטישען לעבען, מיט געבלויטע בריסט, נאַקעטע הענט און דורכזיכטיגע קליידלעך; איהר האָט געצויגען צו בעלער, טאַנץ־זאַלען, אָפּערא־הייזער און טעאַטערע, וועגען וועלכע זי האָט בלויז געהערט אָדער געלעזען; איהר האָט געצויגען צו א מעהר לעבעדיגע געזעלשאַפט, צו געניסען פון אַלעם, וואָס איהר פאַנטאַזיע האָט אזוי צויבערהאַפט געמאָהלען אין איהר איינגעשלאָסענעם, קליין־שטעדטעלדיגען לעבען און זי וואָלט בשום אופן ניט איינגעשטימט צו אריינוואַרפען זיך אין א „לעבענס־לענגליכע געפענגניש", ווי זי האָט גערופען דעם שטאַרק באַגרענעצטען לעבען אין א הויז פון א „גוטען

אידען", מיט דער שטרענגער דיסציפּלין, פון וועלכער זי האָט זיך געפיהלט, ווי אין אייזערנע קייטען! נאָר זעהענדיג פּאַקטיש, ווי רייכע, גרויס־שטאָדטישע, אַריסטאָקראַטישע מיידלעך זוכען צו קויפען די הארץ פון איהר קאָזין, מיט שווערע טויזענטער, און איבערהויפּט ווי איהר קאָזין אינטערעסירט זיך נאָר מיט איהר אליין — האָט זי איינגעשטימט אויפ'ן שידוך און זיי האָבען חתונה געהאט.

צו אַלעמענס וואונדער האָט זיך דער יונגער מאַן באַלד נאָך דער חתונה גענומען צו געשעפט און האָט אין גאַנצען פאַרנאַכלעסיגט די תורה.

די חסידישע וועלט האָט דערויף זעהר געטרויערט, אָבער שטערענטשקע איז דערמיט געווען זעהר צופרידען און האָט נאָך געהאָפט צו מאַכען איהם, מיט דער צייט, פאַר אַ גאַנצען אַריסטאָקראַט און צו פאַרווירקליכען איהרע קינדערשע אידעאַלען...

אָבער, דערווייל איז זי ניט צופרידען געווען מיט'ן סאָרט לעבען; די זעלבע איינגעשלאָסענקייט, ווי ביי איהר פאָטער אין הויז און נאָך מיט מעהר „פרישקייט", ווייל די אויגען פון שווער און שוויגער זיינען גרעסער פון טאַטע־מאַמע'ס...

איהר מאַן האָט איהר אפילו שטאַרק געליבט און צערטליך באהאנדעלט, אָבער זיינע באַנעמונגען זיינען געווען צו דעליקאַט, ניט ממשות'דיג אין אנקלאַנג מיט איהר דורשטיגער נשמה... קיין וואַרעמקייט פון זיין ליבע האָט ניט געקענט פיהלען איהר קאָכיגע הארץ, צוליב דער קאַלטקייט פון זיין טעמפּעראַמענט... זיין צערטליכקייט איז פאַר איהר געווען, ווי טראָפּענס קאַלטע וואַסער אויף אַ צוהיצטען קערפּער! ...

קיין קינד האָט זי ניט געהאַט, ווער ס'זאָל איהר פאַרטומלען, פאַרטויבען דעם פאַרלאַנג פון איהר יוגענד; קיין שטראַהל פון האָפנונג האָט איהר נשמה ניט געקענט באַלייכטען, ווייל זי האָט שוין געוואוסט, אַז איהר יוגענד איז באַגראָבען אויף אייביג און שטאַרק משרה־שחורה'דיג איז איהר געוואָרען דאָס גאַנצע לעבען...

די ליבע צו איהרע עלטערען און דער רעספּעקט צו זיך אליין האָבען שוין מעהר ניט געקענט קאָנטראָלירען די קראַפט פון דער

נאַטור... און זי האָט ענדליך פאַרלוירען דעם גערולד צו איהר „שקלאַפעריי".

אין איהר הארצען האָט זיך צוברויזט א פאַרלאַנג צו גע־ניסען פון דער וועלט, פון דער יוגענד, פון אומבאַגרענעצטער פרייהייט...

ארויסרייסען זיך, אַנטלויפען פון „געפענגניש" וואָלט געווען א צו גרויסער סקאַנדאַל אין די „הויכע פענסטער". האָט זי באַשלאָסען צו פאַרקניפּען געהיימע פריינדשאַפט מיט א מעהר פרייער געזעלשאַפט. אָבער, וואו נעהמט מען עס? אז ארום און ארום זיינען נאָר חסידים׳לעך? די גאַנצע אריסטאָקראַטיע פונ׳ם שטעדטעל איז באַשטאַנען פון א סטאַנאָוואָי פּריסטאַוו, א קריסטליכען דאָקטאָר און אַן אַפּטייקער, און די ערשטע מעג־ליכקייט איז פאַר איהר געווען צו שליסען א באַקאַנטשאַפט מיט׳ן דאָקטאָר, ווייל קיין אידישען דאָקטאָר האָט די שטעדטעל ניט פאַרמאָגט.

דער דאָקטאָר איז געווען א גאַנץ סימפּאַטישער פּריץ מיט שעהנע מאַניערען. דער פייער פון זיינע אויגען, די וואַרעמקייט פון זיין אָטהעם האָבען איהר באַלד איבערצייגט די זודיגקייט פון זיין בלוט, דעם ברען פון זיין נשמה.

זי האָט אימער אזוי נעביינקט נאָך דעם, און פלעגט דאָס זוכען „דורכצולעבען" אין איהר פאַנטאַזיע — זייענדיג נאָהענט צו איהר מאַן — צו לעשען דעם דורשט פון איהר נשמה, און זי האָט זיך באַלד דערפיהלט, ווי היפּנאָטיזירט פונ׳ם דאָקטאָר...

זי האָט נאָך געפּרובט קעמפען מיט זיך — ווייכען זיין געזעלשאַפט, בלייבען טריי איהר מאַן, אָבער דאָס לעכצען נאָך לעבען, נאָך פרייהייט, איז געווען שטאַרקער פון איהר ווילענס־קראַפט און דער קאַמף פאַר עהרע און גוטען נאָמען איז געווען פאַרשפּילט...

איהר ערשטע קינד איז געווען א ריכטיגע קאָפּיע פונ׳ם דאָקטאָר.

דער מאַן, אויך שווער און שוויגער האָבען גאָט געבעטען, דאָס קינד זאָל שטאַרבען און אַלעס זאָל בלייבען פאַר דער וועלט א געהיימניש. און אפשר האָבען זיי זיך געוואונשען שטילערהייט

נאָך עפּעס... . האָט גאָט פאַר זיי א נס געטאָן און דאָס צווייטע טעכטערל איז שוין געווען שטערנטשקע מיט אלע קליפּערלעך.

אינ׳ם רבי׳ס הויז איז געווען אַ שטילע איבערקעהרעניש, זייערע ליידען זיינען געווען אומערטרעגליך; ממזרים האָבען גע־דאַרפט טראָגען נעמען פון הייליגע נשמות און די אומגליקליכע האָבען געמוזט שטיקען אין זיך זייער פארצווייפלונג און נאָך קעמפען צו דערשטיקען פאָר דער וועלט יעדען פארדאכט...

שטערנעטשקע האָט אויך גייסטיג זעהר געליטען. דאָס ערגסטע איז פאַר איהר געווען די שטיקעניש און דער שווייגען. זי פלעגט אמאָל זעהן א טרער אין דעם מאַנ׳ס אויגען, אָבער קיין מאָל ניט געהערט פון איהם קיין פארווירפע.

„ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג — האָט זי ביי זיך געטראכט — צי ער וויל זיך מיט איהר ניט גט׳ן, צי ס׳פּאַסט איהם ניט פאַר דער וועלט? ... און אפשר ליבט ער איהר נאָך איצט אויך?”

אָבער אַלענפאַלס האָט זיין שווייגען איהר האַרץ ווי מיט צוואַנגען געריסען, און זי האָט מעהר ניט געקענט פארטראָגען דעם אַרט לעבען. זי האָט ניט געקענט קוקען די אומגליקליכע מענשען אין די אויגען און צוזעהן זייער פאַרצווייפלונג.

זי האָט שוין שטאַרק באַדויערט דעם ערלויבען זיך „צופיל פרייהייט”, עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט! און, אום צו מאַכען א סוף צו די אלגעמיינע נשמה־קוועלעניש, האָט זי געמוזט באַשליסען דורכצופיהרען דעם פּלאַן, וועלכער איז שוין געווען פאָרגעשלאָגען איהר פונ׳ם דאָקטאָר: „צו פאַרנעהמען די קינ־דער, דאָס ביסעל געלט, וועלכע זי האָט פארמאָגט אויף איהרע הענט, לויפען מיט איהם אין אַ וווייטער שטאָדט, שמד׳ן זיך און ווערען זיין געזעצליכע פרוי.

דעם רבי׳ס משרתים מיט די נאָהענטע חסידים האָבען געהאט נאָכגעשפּיאָנירט דעם רבי׳ס שנור א לאנגע צייט און האָבען גע־וואוסט כמעט אלעס, וואָס צווישען איהר מיט׳ן דאָקטאָר פלעגט פּאַרקומען. זיי האָבען דאָס אָבער געהאַלטען בסוד־סודות, אויס רחמנות צום רבי׳ן, צו פארהיטען דעם כבוד פון דער תורה און טאַקע אויך ציטערענדיג פאַר דער אייגענער פעל... דער צאָרן, און חס־וחלילה די קללה פונ׳ם רבי׳ן זאָל ניט פאלען אויף זייערע

קעפ!... אָבער זעהענדיג די גרויסע סכנה צו פארלעצען די תורה, דעם כבוד און גוטען נאָמען פון זייער רבי'ן — האָבען זיי שוין מעהר ניט געקענט שווייגען...

באַלד האָט גאַנץ שטעדטעל געברויזט — געגאַנגען אויף רעדלעך!... אוןביים רבי'ן אין הויז האָט שוין אויך מעהר קיין שטיקעניש ניט געקענט אָנגעהן, און אום ניט צו פארשפעטיגען די „רעטונג", האָט מען דער ווייבעל אויף גיך, כמעט מיט געוואלד, אריינגעזעצט אין א קארעטע און אָפּגעפיהרט צום באהן־סטאַנציע, אָפּצושיקען איהר צו איהר פאָטער.

איהר מאַן איז געזעסען הארט נעבען איהר; פיל חסידים זיינען געהאַנגען ארום קארעטע און נאָך מעהר זיינען נאָכגעלאָפען פון הינטען — אלעמען האָט זיך געוואלט העלפען צו דער מצוה צו ראַטעווען א אידישע נשמה פון שמד, און דעם רבי'ן פון דער גרויסער בושה...

זי, א טויט־בלאַסע, איז געזעסען פארטראַכט: מען פיהרט איהר צוריק אינ'ם פאָטער'ס הויז, פון וועלכער זי האָט זיך אמאָל געריסען, ווי פון א געפענגעניש. ווי אין פאַנאָראַמאַ־בילדער זעהט זי דאָס גאַנצע לעבען פון איהר קינדהייט, ביז איצט. די בילדער פליהען דורך שנעל, אויטאָמאַטיש, מישען זיך און פלאָנטערען זיך איינע אין די אנדערע... שטערנעטשקע לאָזט אבער ניט דורך קיין איין שטריך און שוידערט אויף מיט'ן גאַנצען קערפער. אין איהר האָט ערוואַכט די קינהייטס ערציהונג אין א פרומע הויז און זי האָט איינגעזעהן, אז זי האָט ביז איצט אין א שרעקליכען טעות געלעבט... איהר פאָטער'ס הויז איז פאַר איהר איצט א הייליגער טעמפעל, וועלכען זי האָט פארלאָזען אָהן חרטה, אָהן געוויסענס־ביסע, אָהן שאַנד, אָהן זינד, אָהן פאלשקייט און באַטרוג ווי א מלאך ווי א הייליגע טויב — איז זי דאַן געווען — און מיט וואָס קומט זי איצט צוריק?... אין די אויערען קלינגען איהר מו־טער'ס ברכה־ווערטער, אונטער איהר חופּה: „גאָט זאָל דיך בענשען מיט גוטע, כ ש ר ה קינדער".

פאַר אויפרעגונג האָט זי א ציטער געטאָן און אויפגעשפּרונ־גען, ברעכענדיג די הענט, און דערזעהענדיג די טויט־בלאַסע גע־זיכט פון איהר פארצווייפעלטען מאַן, וועלכער האָט אויף איהר

מיט רחמנות געקוקט, האָט זי זיך צוריק אַוועקגעזעצט און אויס־געבראָכען אין א געוויין. זי האָט דערפיהלט גרויס מיטלייד צו איהם און האָט זיך אויך געשעמט צו ווייזען פאר איהרע עלטערען, א זינדערין, א פארזונקענע אין שמוץ... „ווי קען זי איצט באַ־טרעטען דעם פאָטער׳ס שוועל?"...

אין וואַגאָן האָט שטערנעטשקע ניט געוואָלט אריינגעהן און די חסידים האָבען איהר מיט געוואַלד אריינגעשלעפּט.

דער דאָקטאָר איז באַלד אָנגעפלויגען אין זיין פאַיעטאָן, האָט שטערנעטשקען באפרייט פון די חסידים און ארויסגעפיהרט אויפ׳ן פּלאַטפאָרם. זי האָט איהם אָבער אפּגעשטויסען פון זיך און געפאַלען איהר מאַן אויפ׳ן האלז: „האָב רחמנות אויף א פאַרבלאָנדזשעטע שעפּס" — האָט זי געשלוכצעט — „טויט מיך, אָבער פארשטויס מיך ניט פון זיך!"

דער יונגער מאַן איז געשטאַנען באַוועגלאָז, נאָר פון די אויגען זיינען געפאלען טרערען. ער האָט געפיהלט, אז ער איז שולדיג אין אַלעם.

דער דאָקטאָר איז געשטאַנען עטוואָס פון דער וויטען און האָט פארצווייפעלט געבראָכען די הענט.

דער הימעל האָט זיך בייז פארכמארעט; א שווארצער וואָלקען איז זיך לאַנגזאם געשוואוּמען איבער׳ן סטאַנציע־האָריזאָנט, טרויעריג צוגעקוקט צו דער הארצרייסענדער בילד און פּלוצ־לונג צובייזערט. א געדיכטע פינסטערניש האָט ארומגענומען די גאַנצע ספערע און א רעגען האָט א שטראָם געטאָן, ווי פון א געפּלאַצטער פאַס!...

שטערנעטשקע האָט געציטערט מיט׳ן גאַנצען קערפּער און ווי א צושראָקענע, פארזינדיגטע קינד בעט איבער איהר פאָטער — האָט זי זיך געטוליעט צו איהר מאַן.

ביים דריטען קלאַנג, דעם לעצטען סיגנאַל פו׳ם צוג, האָבען די חסידים, ווי צוריצטע לייבען, באַפאַלען די אומגליקליכע פּרוי און אריינגעשלעפּט אין וואַגאָן.

א שטאַרקער פייף פונ׳ם לאָקאָמאָטיוו האָט אויפגעטרייסעלט די לופט.

סאָפּענדיג און קרעכצענדיג, ווי א פארוואונדעטע גיגאַנטישע

חיה האָט זיך דער צוג גענומען אזוי שווער ריהרען פון אָרט און ארויסלאָזענדיג גאנצע וואָלקענס הייסען רויך, האָט ער זיך, מיט רציחה, צוזאָגט און אזז פארשוואונדען.

דער שווארצער וואָלקען איז בלאָס געוואָרען פאר כעס, האָט זיך צעריסען אין שטיקער, יאָגענדיג זיך נאָכ'ן צוג און האָט זיך פון ווייטען געלאָזט הערען מיט אן אויפגערעגטען, צושאָטענעם „געלעכטער”...

דער אומגליקליכער יונגער מאן און, עטוואס ווייטער פון איהם, דער דאָקטאָר זיינען נאָך אלץ געשטאַנען, ווי צוגעשמידטע צום פלאַטפאָרמע, ווי זיי וואָלטען ניט געפיהלט דעם גוס־רעגען און געשפאַנט געקוקט אהין, וואו די שעהנע שטערנעטשקע איז פארשלונגען געווארען אין שווארצען רויך און בלאָהע ווייטקייט...

דעם הימעל'ס אויגען האָבען געבליצט מיט פייער און גע־וויינט מיט גרויסע טרעהרען...

BROOKLYN HEBREW HOME AND HOSPITAL FOR AGED
BROOKLYN
N. Y.

פאַרצווייפעלט.

היינטיגען פריהמאָרגען האָט ברוך דער אפּרייטאָר אַליין אויפגעקאָכט זיין טהיי.

זלאָטע, זיין פרוי, האָט זיך פאַרענטפערט, אז איהר איז עפּעס שווער אויפצושטעהן.

איהרע אימער בלאַסע באַקען זיינען געווען באַדעקט מיט פּורפּור־רויטע פלעקען; די אויגען האָבען מיט שרעק געקוקט אויף דער קאָלדרע, וועלכע פלעגט פון צייט צו צייט א ציטער טאָן פון א לעבעדיגען „צאַפּעל״...

ער האָט געוואָלט פרעגען: פיליכט זאָל ער אריבערגעהן נאָך דער הייבאַם?

די ווייזערס פון זייגער האָבען איהם אָבער פאַרשלאָסען דעם מויל. ער האָט זיך שוין אביסעל פאַרשפּעטיגט און געמוזט שנעל לויפען אין שאַפּ!

ער זיצט ביי דער מאשין. די דאַרע פיס זיינע וואַרפען זיך אויטאָמאטיש אום הין און צריק, מיטשלעפּענדיג די פּעטענט־סטענדס, וועלכע טרייבען די „קאַטערינקע״ מיט א טייפעלשער שנעלקייט.

ווי ווייסע גענז פון א וואַסער־פאַל, שווימען די אַרבעל איבער׳ן מאשין אַרונטער אין א גרויסען קאָרב...

ברוך איז פאַרצווייפעלט וועגען דער הײם; ער וואַרפט א בליק אַרום; ווערט אומרוהיג; זיינע פיס הויבען אָן וואַרפען זיך מיט דער שנעלקייט פון א בליץ.

נאָך עטליכע מיידלעך זיינען צוגעקומען היינט. אַלע נייהען יאַקעלעך און יאָגען זיך מיט אַלע כחות... און ער, דער איינציגער אַרבעטער־בעל־מלאכה, דאַרף דאָס אַלעמען פאַרזאָגען מיט אַרבעל.

ער איילט זיך היינט מעהר, ווי אַלע מאָל.

ער וואָלט וועלען אַריבעריאָגען אַלעמען מיט זיין שנעלקייט, אַריבעריאָגען מיט עטליכע דוצען פּאָר אַרבעל און אַרויסכאַפּען זיך אויף אַ ווײַלע, — בשתיקה פון אַלעמען, — פון דעם גיהנום־קעסעל", געוואַהר ווערען זיין פרוי.

איהם קלעמט דאָס האַרץ: גאָט ווייסט, וואָס מאַכט זלאַטע?

שוין צוויי בלאָנדע מיידעלעך, צוויי מלאכים׳לעך, האָט זי איהם „געגעבען".

עני׳לע און פּעני׳לע, אמת׳ע קוקלעס!... בלאָנדע, געגרייזעלטע הערעלעך; בלאָהע אויגעלעך; פּוכלינקע בעקעלעך, מיט מאַגנעטישע גריבעלעך...

זייער ליבליכער שמייכעלע שוועבט אימער פאַר זיינע אויגען.

„פּאַ, פּאַ!" — קלינגט שטענדיג אין זיינע אויערען און שרייט איבער דעם הודזשען פון די מאַשינען און דעם גאַנצען געטומעל פון שאָפּ...

זיין האַרץ צאַפּעלט זיך פון הייסע, צערטליכע פּאָטער־געפיהלען און גאַנץ אָפט רייסט זיך ביי איהם אַרוים מיט אַ זיפץ:

— מיינע טייערע פויגעלעך!

איצט, אָבער, טראַכט ברוך ניט וועגען זיינע „פויגעלעך". זיינע געדאַנקען זיינען אין גאַנצען פאַרנומען מיט זלאַטע׳ן און איהם קריינקט איצט זיין האַנדלונג געגען איהר.

זיין גאַנצע פרייע צייט פלעגט ער זיך אָפּגעבען מיט זיינע קינדער.

ער האָט איצט אָפּגעוואויגען און אָפּגעמאָסטען זיין באַנעהמען זיך צו זיין פרוי, זייט זיין עני׳לע איז געבוירען געוואָרען, און ער האָט אין האַרצען דערפיהלט זיך שטאַרק שולדיג געגען זלאַטע׳ן.

אָנשטאָט, וואָס די פרוי האָט באַדאַרפט ווערען טייערער מיט יעדעס קינד, וואָס זי ברייננגט אויף דער וועלט, ווערט זי עפּעס, אַזוי אומבאַמערקט, וואָכעדיגער און וואָכעדיגער...

די „בריליאַנטען", די „פייגעלעך" זיינען ביי איהם אַזוי טייער!...

וואָרום זשע שעצט ער ניט, ווי שווער, ביטער און פינסטער

זלאַטע׳ן איז עס אָנגעקומען דער האָבען און האָדעווען די קינ־דערלעך?

ברוך׳ן פאַרקלעמט דאָס הארץ פון פאַרדרוס און געוויסענס־ביסע...

אַט שטעלט זיך איהם פאַר בולט דאָס בילד פון זלאַטע׳ס ערשטען קינפּעט, וועלכען ער האָט בייגעוואוינט און עס פאַרכאַפּט איהם אַזש דער אָטעם פון אויפרעגונג.

ער זעהט, דאכט זיך, קלאָר פאַר זיינע אויגען, ווי זי וואַרפט זיך אין בעט, אין די גרעסטע שמערצליכע יסורים!

די באַקען ברענען, די אויגען פינקלען מיט טויט־שרעק, די ליפּען זיינען צובּרענט; שוואַרץ, ווי ערד!...

דער דאָקטאָר שטעהט ערנסט און קוקט מיט אומגעדולד אויף דער „ליידענדער" און דערזעהענדיג איהם לעבען זיך א צו־שראָקענעם, וויים ווי קאַלך, מיט קלאַפּענדע צייהן, האָט ער איהם א וואונק געטאָן, ער זאָל ארויסגעהן.

ברוך האָט געוואָלט בעטען דעם דאָקטאָר, אז ער זאָל זעהן ראַטעווען זיין זלאַטע׳ן, ער האָט אָבער דערפיהלט, ווי א שטראָם טרעהרען שפּאַרט פון זיינע אויגען און ער האָט זיך שנעל ארויס־געכאַפּט פון צימער און דער דאָקטאָר האָט נאָך איהם פאַרריגעלט די טיר.

ברוך הערט שנעלע באַוועגונגען פון דאָקטאָר; עס דוכט זיך איהם, אז ער זעהט, ווי דער דאָקטאָר פאַרקאַטשעט די ארבעל...

ער הערט, ווי זיין זלאַטע, זיין טייערע, ליבע זלאַטע, קריצט מיט די צייהן און וויינט מיט א פאַרשטיקטען קול.

ענדליך דערהערט ער אַן איינגעהאַלטענעם, פאַרשטיקטען געשריי:

— דאָקטאָר!... האָט רחמנות!... איך שטאַרב!

ברוך האָט דאַן מיט׳ן גאַנצען הארצען געוואונשען זיך ליידען פאַר זיין פרוי...

„אוי, מאַמע!" — איז געווען דער לעצטער אויסגעשריי און אַן איידעלער קול׳בעלע פון דעם „הייליגען גאַסט" האָט ערקוויקט זיין פאַרצווייפעלטע הארץ...

— מזל טוב, מיסטער האָראָפּאַשניק! — האָט דער דאָק־

טאָר, עפּענענדיג די טיר, אויסגעשריען — איהר האָט אַ געפונענע פרוי מיט אַ שעהן טעכטער'ל! ...

פריידען־טרעהרען האָבען געשטיקט דאָן ברוך'ן. איהם האָט זיך געוואָלט צופאַלען צו זלאַטע'ן און באַשיטען איהר מיט קושען; ער האָט זיך אָבער געשעהמט פאַר'ן דאָקטאָר...

ברוך האָט איצט, ביי דער מאַשין, דורכגעלעבט אַלע שרעק־ליכע מאָמענטען פון יענעם קינפּעט און זיין הארץ האָט זיך אָנגעפיהלט מיט ריינע ליבע, איידעלע געפיהלען.

זיין גאַנצע נשמה איז איצט פאַרנומען מיט זיין גוטער, אָרענטליכער פרוי.

איהם האָבען זיך ערשט איצט אויף ריכטיג געעפענט די אויגען: ער האָט איינגעזהן, ווי הייליג ס'דאַרף געשעצט ווערען אַ פרוי, וועלכע ליידעט אַזוי פיל צוליב דער מענשהייט! ...

ער האָט דערפיהלט גרויס ליבע און אַכטונג צום גאַנצען פרויען געשלעכט.

אפילו די אַלטע איטאַליענערקעס אין שאַפּ, וועלכע ער האָט געהאַסט פאַר זייער לייכט־אויפרעגענדען כאַראַקטער. אויף וועלכע ער האָט געקוקט ווי אויף מעגליכע מערדער, האָבען איצט אין זיינע אויגען אויסגעזעהן, ווי שטילע טויבען, ווי מלאכים, ווי הייליגע מאַרטירער פאַר דער אונדאַנקבאַרער מענשהייט!

ברוך האָט באַדויערט, וואָס ער איז צו שפּעט צום שכל געקומען און ער האָט פעסט באַשלאָסען פון היינט אָן אַרויסצוצייגען זיין דאַנקבאַרקייט צו זלאַטע'ן ביי יעדער געלעגענהייט און לאָזען איהר פיהלען זיין ליבע און אַכטונג אויף יעדען שריט און טריט! ...

„גאָט וויים, גאָט וויים, וואָס מאַכט דאָרטען זלאַטע?" — האָט איהם געצופּט און געפלינדערט דאָס האַרץ!

איהם האָט געהויבען אין דער לופטען. ער האָט שוין מעהר ניט געקענט איינזיצען ביי דער מאַשין.

ער האָט בייז אַ קוק געטאָן אויף דער קאָרדב, מיט די אָנגעשוואָומענע אַרבעל, און האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסען: „ברענען זאָלען די תכריכים מיט דעם שאַפּ"...

ער האָט שנעל אַרויפגעצויגען די שלייקעס אויף זיינע פּליי־

צעס, האָט ארויפגעכאפּט אויף זיך דעם רעקעל און איז מיט׳ן הוט אין האַנט ארויסגעלאָפן פון דעם פינסטערען גיהנום.

ווי נאָר ער איז אין הויז אריין זיינען איהם באפאלען זיינע „פויגעלעך״.

— פאַ! פאַ! — האָבען זיי זיך אָנגעטשעפּעט אָן זיינע הויזען און האָבען זיך מיט פאררויסענע פּנים׳לעך געבעטען אויף די הענט.

ער האָט זיך אָבער, ווי עס איז, באפרייט פון זיי און איז, ווי אַ פאַרליבטער חתן, צוגעלאָפען צו זיין „פארשמייעטער״ פרוי, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט ארום אויווען, צוגרייטענדיג די וועטשערע, און האָט איהר אָנגעפאַנגען באַשיטען מיט פלאַמענדיגע קושען. ער האָט פעסט צוגעדריקט איהר צו זיך און קושענדיג איהר האָט ער שטיל געמורמעלט:

— זלאַטע, טייערע זלאַטע! איך האָב היינט ניט געקאָנט איינזיצען אין שאַפּ!...

די פרוי האָט איהם מיט שרעק אָנגעקוקט און האָט זיך מיט אַלע קרעפטען געריסען פון זיינע ציטערענדיגע אָרעמס!...

— ברוך, איך האָב מורא פאַר דיר! — האָט זי זיך געטרייסעלט ווי אַ בלאַט — זאָג דעם אמת: ביזטו ניט שיכור? אָדער... גאָט זאָל היטען?...

—נאַרעלע, איך בין ניט משוגע! — האָט ברוך געזאָגט מיט אַן עטוואס באַליידיגטען טאָן — איך בין גראָדע היינט געקומען צום ריכטיגען פארשטאַנד און האָב זיך פארביינקט נאָך דיר... איך האָב געדענקט, אַז דו ביזט שוין אַ קינפּעטאָרין...

— ביזטו געזונט, ברוך׳קע? — האָט נאָך די פרוי אַלץ געצווייפעלט.

— זלאַטע! האָב רחמנות, מאַך מיך ניט משוגע! — איך בין היינט געקומען צום שכל... פון היינט מאָל אָן וועל איך שוין וויסען ווי טייער צו שעצען דיך...

ברוך האָט ווידער היים געקושט זיין צושראָקענע פרוי, האָט אויך איבערגעבעטען זיינע צו׳ברוגז׳טע „פייגעלעך״ און איז אַ צופרידענער, אַ גליקליכער אוועקגעלאָפען אין שאַפּ.

זלאַטע איז אָבער געבליבען א פארצווייפעלטע... און אומ־גליקליכע...

„גאָט ווייס, גאָט ווייס, וואָס ברוך מאכט!" — האָט איהר געענגבערט אין קאָפּ און א גאַנצען טאָג האָט זי זיך פאר־צווייפלונג קיין אָרט ניט געקענט געפינען...

מענשען אָהן נשמות.

ווען דזשעני איז אריין ארבייטען אלס פינישערין, אין ב. קלאָוקס־שאפּ, האָט זי אָנגעגעבען איהר עלטער אין 16 יאָהר. זי האָט אָבער אויסגעזעהן פיל אינגער. א בלאָנדע איז זי געווען, מיט טונקעל־בלאָנדע, געקנייטשטע האָר, פאַרפלאָכטען אין א דיקען צאָפּ מיט א העל־בלויען בענדעל אריבערגעווארפען איבער׳ן רעכטען שולטער; גרויסע, בלויע קינדערשע אויגען, דער גאנצער פּנים, מיט׳ן שעהנעם נעזעל, קליינעם מויל און גריבלעך אין די באקען איז געווען ווי פון מראמאָר אויסגעטאָקט; דער קערפּער שלאַנק און בייגיג, שעהן ווי גאָלד! ליב ווי א מלאָך!

אַלע ארבייטער אין שאפּ האָבען געזיפצט, קוקענדיג אויף איהר, וואס אזא שעהנע בלום וועט דארפען פארוועלקט ווערען אין דעם פארשקלאפטען שאפּ־לעבען.

מענער, יונג און אַלט האָבען זיך איינפאך פארליבט אין איהר און ווער ווייסט מיט וואָס פאר א געדאנקען פילע האָבען זיך ארומגעטראָגען, און יעדער איינער האָט אויף זיין שטייגער אַרויסגעצייגט צו איהר זיין ליבע און אכטונג. דער פּעדלער פון שאפּ האָט געלייזט פאר נאשערייי אפשר דריי מאָל אזוי פיל, ווייל יעדער איינער איז געווען געריען מכבד צו זיין די שעהנע דזשעני מיט א שטיקעל טשאָקאָלאַד, א גלאָז סאדא אדער אן אָראנדזש; אפילו אַלע מיידלעך אין שאפּ, אום צו באהאַלטען פון די מענער זייער קנאה און אייפערזוכט, זיינען געווען צו איהר זעהר פריינדליך, און אזוי איז אוועק דער גאנצער זומער סיזאָן.

אין ווינטער סיזאָן — האָט זיך דזשעני צוגעקיהלט, האָט געהאט די גריפּ און פון טאָג צו טאָג איז זי איינגעגאנגען, ווי א ליכט, און האָט אנגעהויבען אויסזעהן ווי א סקעלעט. ארבייטען האָט זי געמוזט, ווייל זי איז געווען אן עלענדע יתומה, האָט זי געאַרבייט און געהוסט, געהוסט און געארבייט...

דער באַס האָט ניט געגליכען א הוסטערקע אין שאַפּ, דזשעני איז אָבער געווען אַ שטילע מיידעל, ניט קיין סטרייקערקע און האָט געארבייט גוט און ביליג, האָט ער געהאט געדולד. אלע ארבייטער אין שאַפּ, דזשעני'ס פריהערדיגע פארעהרער, האָבען זיך אָבער ארגאניזירט קעגען איהר און אין א געוויסען פריה־מאָרגען, ווען זי איז נאָך ניט געווען אין שאַפּ, האָבען זיי דעם באַס ערקלעהרט, קורץ און שארף, אז אויב ער וועט ניט אוועק־שיקען דזשעני'ן, וועלען זיי אוועקגעהן, ווייל זיי ווילען ניט אר־בייטען צוזאַמען מיט אַ שווינדזיכטיגער.

מיט א ווייטע שפּעטער, ווען דזשעני איז אריינגעקומען אין שאַפּ און האָט זיך פארהוסט שטארק פון דער אָנשטרענגונג ארויפצוגעהן אויף די הויכע טרעפּ איז דער באַס צו איהר צוגע־גאנגען און האָט איהר ערקלערט, אז זי קען מעהר ניט ארבייטען, צוליב אַן אָרדער פון די באָארד אוו העלטה.

דזשעני האָט זיך צעוויינט און איז ארויס פון שאַפּ; אויף די טרעפּ איז זי געפאַלען אין אָהנמאַכט.

* * *

אין דעם קלאָוקס־שאַפּ פון ס. און פּ. האָט פארבלאָנדזשעט א יונגער הינטעל, זעהר אַ שעהנער און קלוגער און האָט גע־מאַכט אויף אלעמען דעם בעסטען איינדרוק, און אלע ארבייטען האָבען גענומען אויפקלערען די באָסעס, אז דער הינטעל וואלט געווען זעהר נוצליך פאר'ן שאַפּ, צו פאַריאָגען גנבים און עס איז באלד אויפ'ן אָרט באשלאָסען געווארען, אז מען זאָל דעם שעהנעם הינטעל ניט ארויסלאָזען פון שאַפּ.

דער הינטעל האָט באלד געקראָגען א גוטען מאָהלצייט, און דער עולם האָט אנגעקוואָלען פאר נחת. דער הינטעל האָט גע־קענט שעהן טאַנצען אויף די הינטערשטע פיסלעך, און אין דער זעלבער צייט מיט די פאָדערשטע לאַפּקעס מאכען פארשידענע קונצען, און אויסער דעם האָט ער יעדען געלעקט די הענט און געשפּרונגען אין דער הויך א לעק צו טאָן דאָס געזיכט. דער הינ־טעל איז געווארען דער ליבלינג פון שאַפּ. די באָסעס און די ארבייטער האָבען מיט איהם געטיילט דעם בעסטען ביסען. אָפט פלעגט מען ספּעציעל צוליב איהם קויפען „האר־סאלאמי", „פרענק־

פורטערס" און אמאָל א שטיקעל צונג (ער האָט זעהר געגליכען דעליקאַטעסען).

אוים גרוים אכטונג און פריינדשאפט האָבען איהם די אר־בייטער גערופען בראָדסקי" (א נאָמען פון א געוועזענעם יוניאָן דעלעגאַט) און דערביי האָט דער שאפ געקראכט פון געלעכטער. די ארבייטער האָבען זיך אמוזירט מיט'ן הינטעל און מר. „בראָד־סקי" האָט געלעבט א גוטען טאָג, אזוי איז אוועק עטליכע מאָ־נאַטען.

אין א געווויסען טאָג איז „בראָדסקי" געקומען פון גאס מיט עטליכע הינט, וועלכע האָבען איהם געלעקט, געשמעקט און גע־חנפ'עט זיך צו איהם, ביז די פרעמדע הינט האָבען זיך צו'הרג'עט צווישען זיך — צוביסען, צוריסען ביז בלוט. דאָ איז פאר אלע־מען קלאָר געוואָרען, אז דער הינטעל איז אין קיין פאל ניט קיין „דזשענטעלמאַן", נאָר א „מאדאם" און מען האָט איהר באלד מיט איהרע פארעהרער ארויסגעטריבען פון שאפ. די צייגעל פלעגט ארומלויפען גאנצע טעג אין גאס, און ווען זי פלעגט אריינ־קומען אין שאפ האָט איהר שוין קיינער קיין עסען ניט געגעבען, און זי האָט אָנגעוואָרען איהר שעהנקייט, יעדער איז גרייט געווען איהר אָנצושלאָגען און אריסטרייבען פון שאפ.

ביז איך האָב איהר אמאָל געפונען אין גאס א טויטע.

פאר מיינע אויגען איז דאָן אויסגעוואקסען די שעהנע דזשע־ני, ווען זי איז צום ערשטען מאָל אין שאפ אריין, און אויך דער שעהנער, קלוגער הינטעל אין זיין גליקליכער צייט און ביי מיר האָט זיך מיט א זיפץ ארויסגעריסען: זיינען מיר מענשען מיט נשמות, אָדער אָהן נשמות?..

אַ וועגעטאַריער'ס „רויטער בילעט".

שפּעט ביינאַכט. פון די מאַנוסקריפּטען און געדרוקטע אַר־טיקלען, אָנגעוואָרפענע אויפ'ן טיש, וואָרפט זיך אין די אויגען אַ רויטע קאַרד.

אַ פאַרצווייפעלטער, האַלב־טויטער וועגעטאַריער, וועלכער דאַרף מאָרגען פריה אַפּפאָהרען אין די קאַזאַרמעס, אָפּגעשיקט צו ווערען אויפ'ן שלאַכט־פעלד, שטעהט איבער'ן טיש און קוקט פּי־בעריש אויף דער רויטער קאַרד און אויף די בלייכע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור און ביי איהם רייסט זיך אַרויס מיט אַ זיפץ: „אָט דער רויטער בילעט וועט דאָס דערשטיקען אַלע מיינע הויכע אידעאַלען און שטרעבונגען!"

ער האָט זיין גאַנץ לעבען אַוועקגעגעבען אויף פּראָפּאַגאַנדע געגען בלוט־פאַרגיסונג און לעבענס־פאַרניכטונג און אויסער זיין טרייהייט צום וועגעטאַריען־פּרינציפּ איז ער בטבע געווען אַ שטי־לער מענש, וועלכער האָט אויף זיין לעבען מיט קיינעם אַ וואָרט אויף אַ וואָרט ניט פאַרביטען און האָט גאָר קיין באַגריף ניט גע־האַט וועגען הויבען אַ האַנט אויף יענעם. און פּלוצלונג הייסט מען איהם גאָר לויפען אין עק־וועלט און מאָרדען אומשולדיגע מענ־שען, וועלכע ער קען ניט און ווייסט ניט און פיהלט צו זיין קיין שום האס ניט.

„היתכן? איז דאָס מעגליך? אַז מען זאָל איהם פאַרוואַנד־לען אין אַ בלוט־דורשטיגע חיה? האָט ער געטראַכט — אַז דער אידעאַליסט, דער קעמפּפער פאַר'ן בלוט און לעבען פון אַלע באַ־שעפענישען, זאָל אַליין ווערען אַ ברוטאַלער מערדער, אַ וואַהנזי־ניגער גזלן? אַז ער אַליין זאָל שיסען, שטעכען און שניידען מענ־שען און צוזעהן, ווי בלוט שטראָמט און לעבענס ווערען פאַר־ניכטעט?"

ער האָט זעהר פיל געלעזען וועגען די אכזירות׳דיגע ווילדקייט פון מלחמות און ווערט זעהר פאַרצווייפעלט, דאָס האַרץ פאַרדריקט איהם און דער מאַרך אַרבייט אומגעלומפּערט, מיט פיבערישער שנעלקייט — ער ווערט אַפּגעגאָסען מיט אַ קאַלטען שוויים — די שלאַכט־פעלד מיט אַלע איהרע גרויזאַמע שוידערליכקייטען איז אויסגעוואַקסען פאַר זיינע אויגען און שרעקליכע סילועטען האָבען אָנגעהויבען אַרומקריכען איבער די ווענט פון זיין האַלב־טונקעלען צימער.

ער שוידערט אויף מיט׳ן גאַנצען קערפּער און דריקט צוזאַ־מען זיינע אויגען — ער קען ניט צוזעהן די שרעקליכע בילדער — און דערזעהט גרויסע בלוטיגע פראַגע־צייכענס פאַר זיין פּנים. און, וואָס שטאַרקער ער דריקט צוזאַמען זיינע אויגען, אַלץ נאָ־הענטער און גרעסער ווייזען זיך איהם אויס די בלוטיגע צייכענס — ער פיהלט זיי, ווי מיט׳ן האַנט אָנצונעהמען... דער מאַרך ברענט ביי איהם פאַר שרעק און ער הערט אַ ווייגענדיגע שטימע: „פאַרוואָס און צוליב וואָס?"

ער שפּרינגט אויף פון אויפרעגונג און זיפצט אָפּ: „פאַלג דאָס געזעץ שטום, ווי אַ פיש!" — אָבער, ניין, טראַכט ער זיך — פאַר מיר איז דאָס אונמעגליך! „דער רויטער בילעט קען אָוועקרויבען פון מיר מיין פרייהייט און אפילו מיין לעבען, אָבער אין קיין פאַל ניט, מיין פּרינציפּ און די איידעלקייט פון מיין נשמה!" איך זאָל בעסער שטאַרבען — שרייט ער אויס פאַרצווייפעלט און ענטשלאָסען — און אַזוי ווי צו באַוואָרענען זיך, ער זאָל ניט ענ־דערען זיין באַשלוס, צורייסט ער מיט כעס די קאַרד: „אויס רויטער בילעט, אויס סאָלדאַט!"

ער פיהלט נאָך אָבער אַ צווייפעל אין זיך, אויב ער וועט קענען ביישטעהן דעם נסיון: ניט אָפּצושרעקען זיך פאַר׳ן טויט, וועל־כער איז אומפאַרמיידליך פאַר איהם, אַלס „באַלוינונג" פאַר זיין הויכען אידעאַל. איהם שטעלט זיך פאָר, ווי ער איז אויפ׳ן שלאַכט פעלד אין אַ ווילדען קאַמף מיט באַיאָנעטען. ער מאַכט נאָר דעם אָנשטעל אַז ער שטעכט, היט זיך אָבער ניט אָנצוריהרען קיינעם. מענשען פאַלען רעכטס און לינקס, עס ווערען אויסגעקאָסעט גאַנ־

צע רייהען: אנדערע פיהלען אוים דעם פלאַץ פון די טויטע און פאלען באלד אליין...

א באַמבע פארבלאַנדזשעט פון ערגעץ און עקספלאָדירט. אין די רייהען ווערט אַ חורבן: צו'הרג'טע מענשען, מיט אפגע־ריסענע אברים, גוסס'ן אין שרעקליכע יסורים אויסהויכענדיג זייע־רע אויסגעמוטשעטע נשמות; צוקאליעטשעטע, מיט צובראכענע ביינער, קאָרטשען זיך אין א קנויל, אין שרעקליכע קאַנוואולסיעם; זייערע אגאָנישע ליידען דריקען זיך אוים זעהר שארף אויף זייע־רע צוקרימטע, ווילדע פנימ'ער... אייניגע בעטען הילף און מעהרערע בעטען דעם טויט; פילע הויבען אוים זייער לעצטען אָטהעם ניט ענדיגענדיג זייערע ווערטער און פילע גראבען איין, קראמפהאפט, זייערע פנים'ער אין דעם מארך און בלוט פון זייערע חברים און ווערען דערשטיקט...

איהם ווערט ניט גוט. ער קען דאָס ניט צוזעהן — פיהלט צום חלש'ען. און פלוצלונג שטעכט דורך זיין שפיז אן אומ־שולדיגע הארץ; הייסע, שוימיגע בלוט פארשפריצט זיינע הענט; זיין קרבן פאלט טויט, מיט גרויסע פארגלעזערטע אויגען, וועלכע קוקען אויף איהם מיט פארוואורפע, ווי זיי וואָלטען פרעגען: „איז דאָס דיין פרינציפ?"

דער וועגעטאריער גיט א ציטער, לאָזט ארוים א טיפען זיפץ מיט א קרעכץ און פאלט טויט פון א פּאָפּלעקסיע...

„ניט גוטע".

ס'איז געווען אן עכט היימישע ווינטער־נאכט; איך בין געזעסען ביי מיין פריינד, אברהם בער ראזרעצקין. דער ווינט האט געוואיעט, די שויבען האבען זיך געטרייסעלט און געציטערט, די פענסטער האבען געקלאפט; אין הויז איז געווען קאלט, דער־פרארען צו ווערען...

ס'האט זיך געפיהלט אזוי „קאלעמוטנע" אויפ'ן הארצען און די רעיונות האבען זיך געריסען ווייט־ווייט צו דער אלטער היים... קיין בעסערעס האט זיך ניט געוואלט, ווי ארויפזעצען זיך אויף א ווארעמער ליעזשאנקע, אדער צושפארען זיך מיט'ן רוקען צו א הייסער הרובע.

אך, דער היימישער לעבען איז א גאנץ אנדער זאך! — האט מיין פריינד, ווי דורך א נס געטראפען מיינע געדאנקען — ס'איז אזוי ליב דארטען די ווארעמקייט, די הרובע, די פאדוואינע פענסטער!... די קעלט קריכט ניט אזוי אין די ביינער...

— דערצעהלט עפעס פון דער היים! — איז מיר איינגע־פאלען איהם צו בעטען.

— ס'איז דא אזוי פיל זאכען און ערינערונגען — האט זיך מיין פריינד אפגעזיפצט — וועגען וועלכע עס וואלט זיך אזוי וועלען ריידען און ריידען...

— דערצעהלט עפעס־וואס! — האב איך ווידערהאלט מיין ביטע, פארשטעהענדיג, אז איהם ווילט זיך רעדען פון דער פאר־גאנגענהייט.

— טאן דיר א טובה? — האט ער צופרידען געשמייכעלט.

— טאקע! טאקע, א טובה! האב איך צוגעגעבען.

— איך בין דאן אלט געווען 17 אדער העכסטענס 18 יאהר — האט ראזשעצקין אנגעפאנגען, קנייטשענדיג דעם שטערען און קור־קענדיג אויפ'ן באלקען, ווי ער וואלט געזוכט אויסצוקלייבען די

אינטערעסאַנטסטע פּאַסירונג פון יענעם פּעריאָד, — מיין חבר, אָדער ריכטיגער געזאָגט, מיין טאָוואַרישטש יעהאָר אַלעקסיעיע־וויטש טאַטאַרסקי, איז געווען, גלויב איך, אויך אין׳ם זעלבען עלטער. מיר ביידע זיינען געווען שרייבער ביי א מיראָוואָי סודיא, העט־ווייט, אין א פאַרוואָרפענעם ווינקעל פון סמאָלענסקער גובערניע.

דאָס האָט פּאַסירט אין א גרויסען, שעהנעם הויף פון דעם אַלטען דייטש פאָן־ווייזליך, וועלכער עס איז געווען דער מיראָוואָי סודיא א 25 יאָהר כסדר.

דער הויף איז געווען דערטרונקען אין א סאָסנאָווען וואַלד, אויף צעהנדליגע וויאָרסטען ארום און ארום און דורכגעשניטען מיט א שנעל־לויפענדער, זילבער־קלאָרער טייך, אויף וועלכער עס איז געשטאַנען א טייערער „טרובין״־מיהל און האָט מיט דעם רוישען פון דאָס הויך־פאַלענד וואַסער צוגעגעבען א פּאָעטישען חן דעם ריין־נאַטירליכען דאָרפישען לעבען.

דער ארענדאַטאָר פון דעם מיהל איז געווען אַן אמת׳ער אַנטי־סעמיטישער גוי, בטבע א שלעכטער מענש און א באַטריגער אפילו פון זיין אייגענעם פאָלק. ער האָט געהאַט דריי ערוואַקסענע זיהן, פאַנאַטיש־פרומע, ווי ער אַליין.

צו מיר האָבען זיך די מענשעלאַך באַצויגען מיט׳ן גרעסטען דרך ארץ, אוים רעספּעקט צו דער שטעלע, וועלכע איך האָב פאַרנומען. אין יעדע צייטען האָבען פּראָווינציאָנעלע רוסען געפיהלט עהרפורכט צו א מענשען מיט א פען אין האַנט. א קליינִיגקייט, א „גראַמאָטנער!״

איך האָב נאָך דאַן געהאַט שכל ניט צו גלויבען אין זאַכען, וועלכע איך זעה ניט מיט מיינע אויגען און האָב ליב געהאַט אויפ־צוקלערען מיינע באַקאַנטע — אויף ווי ווייט מיר איז דאָס מעגליך געווען — צו פאַרטרייבען פון זיי דעם פאַנאַטיזם.

איינזעהענדיג, אַז דעם מיהלנער׳ס זיהן זיינען א צו־האַרטער נוס פאַר מיר, האָט זיך מיר פאַרגלוסט איבערצייגען זיי, אַז זייערע „מאָליטוועס״ וועלען זיי ניט העלפען צו פאַרטרייבען „ניט גוטע״, ווי זיי האָבען געגלויבט.

אין א געוויסער אָסיען־נאַכט, אויסגעפינענדיג, אַז איוואַן, מיכאַאיל און אַלעקסעי שלאָפען אויף היי אין דעם שייער, וואו

מען דרעשט די תבואה, וואו — נאָך די „אַלגעמיינע" מיינונג — געפינט זיך אַ ריכטיגער נעסט פון די „אונריינע" — דער שייער האָט זיך געפונען אין עק־וועלט פון הויף — האָב איך זיך צוזאַמענגערעדט מיט מיין טאָוואַרישטש, אַז מיר זאָלען די נאַכט שפּילען אַ ראָלע פון „ניט־גוטע", איבערצושרעקען די דריי בחורים, די העלדישע, אונערשראָקענע בנים פון וואסילי מאַרסקאַי, וועלכע זיינען געווען אין עלטער פון 20 ביז 25 יאָהר און פלעגען זאָגען, אַז זיי האָבען פאַר „ניט גוטע" קיין מורא ניט, ווייל זיי האָבען געגען זיי טייערע „מאַליטוועס" צום „זוהן" און „הייליגער מוטער", וועלכע פאַרטרייבען די „ניט־גוטע" שנעל ווי אַ בליץ.

מיר האָבען זיך באַהאַלטען אין היי נאָך איידער זיי זיינען געקומען שלאָפען, אָפּרעדענדיג צווישען זיך, אַז איך זאָל דערווייזען אַרויסנעמען אַ קישען פון צוקאָפּענס אַזוי פאָרזיכטיג, אַז מען זאָל זיך ניט אויפכאַפּען פון שלאָף, און מיין חבר האָט זיך אונטערגענומען אַרונטערנעמען די קאָלדרע פון די שלאָפענדיגע אויך אַזוי, אַז קיינער זאָל זיך ניט ערוואַכען.

אויסער דעם וואונש איבערצושרעקען די חברה", האָט זיך אונז אויף דיזען מאָל פאַרגלוסט פּרובירען די קונסט פון גנבה, און יעדען פון אונז האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען, ווייזען בריה'שקייט.

ווען „חברה" איז געקומען, האָבען זיי הויך, אויפ'ן קול, אָפּגעלייענט זייער „קריאת שמע" און זיינען באַלד איינגעשלאָפען.

די הכנות, מיט די התלהבות'דיגע „מאַליטוועס" פאַר'ן שלאָף האָבען מיר צוגעגעבען נאָך מעהר חשק דורכצופיהרען די „הויך אידעאַליסטישע" אונטערנעמונג.

נאָך פיל מיה האָט זיך מיר איינגעגעבען אַרויסצונעמען דעם קישען, ניט איבעררייסענדיג דעם געשמאַקען שלאָף פון די גלויביגע.

האָבענדיג פון מיר אַ סיגנאַל וועגען מיין גוטען רעזולטאַט, האָט זיך מיין פריינד צוגעאיילט ניט צו בלייבען הינטערשטעליג... נאָר אַנשטאַט אויסצוהאַלטען די נויטיגע פאָרזיכטיגקייט, האָט ער אַ שטאַרקען ריס געטאָן די קאָלדרע צוזאַמען מיט אַ גראָבען פוספינגער פון דעם 20־יאָהריגען מיזיניקעל, וועלכער איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ ווילדען געשריי פאַר שמערצען — מען האָט איהם אָפּגעריסען אַ פינגער — האָט ער געגוואַלדעוועט!

די אַנדערע צוויי ברידער האָבען זיך אויפגעכאַפּט און ער־פאַרענדיג, אַז דער קישען פעהלט זיי, האָבען באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שפּאַס פון „ניט גוטע". אויסגעפינענדיג אַז דער פינגער איז ביים ברודער גאַנץ, האָבען זיי איהם אויפגעפאָדערט ער זאָל אויפהערען שרייען און מען זאָל בעסער, אַלע צוזאַמען, נעמען זיך צו דער ארבייט — פאַרטרייבען די שדים.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ פאַרצווייפעלטער ניגון מיט האַר־ציגע ווערטער: דאַ וואַסקרעסניט באָג, דאַ סוויאַטיטסיאַ אימיאַ יעהאָ! (גאָט וועט צוריק לעבעדיג ווערען און זיין נאָמען וועט געהייליגט ווערען).

מיין חבר האָט פאַרשטיקט געלאַכט: אַזעלכע שדים לאָזען זיך ניט פאַרטרייבען מיט קיינע הייליגע סגולות און נאָך מעהר האָט איהם געשטיקט דער געלעכטער פון דעם צופאַל מיט'ן גראָ־בען פינגער.

דער פאַרשטיקטער געלעכטער האָט די צושראָקענע יונגע לייט נאָך מעהר איבערצייגט, אַז זיי געפינען זיך פנים אל פנים מיט אונריינע רוחות, און זיי האָבען זיך אַלע געלאָזט לויפען אַהיים שרייענדיג מיט ווילדע קולות: באָגאָראָדיצע, דיעוואַ ראַדויסיאַ, בלאַגאָדאַטנאַיאַ מאַריאַ! (גאָטגעבוירערין, מויד פריי זיך, גוטעס־געבענדע מאַריע).

אויף מאָרגען, שפּעט אין טאָג, זיינען אַלע דריי, מיט'ן פאָ־טער אין פאָראויס, געקומען זעהן דעם אָרט פון נעכטיגער „קאַ־טאַסטראָפע", אונטערזינגענדיג אין דער שטיל: „האָספּאָדי פאָ־מילוי" און זיינען ערשטוינט געוואָרען, געפינענדיג די קישען אויפ'ן ריכטיגען אָרט און די קאָלדרע באַלעבאַטיש אויסגעשפּרייט איבער'ן אויסגעקוועטשטען געלעגער.

אריינקומענדיג דעמזעלבען טאָג צום מילנער, דערצעהלען זיי מיר, אַלע מיט איין מאָל, פון דער נעכטיגער פּאַסירונג.

— וואָרום־זשע האָט איהר זיי, די „ניט גוטע", ניט פאַר־טריבען מיט די ריכטיגע מאָליטוועס? — האָב איך זיי געפרעגט.

זיי זיינען בייז געוואָרען פאַר דער פראַגע, זיי האָבען זיך אָבער אויך געשעמט און אוועקגענומען פון מיר די אויגען.

— גלויבט איהר שוין יעצט, אַז „מאָליטוועס" האָבען אַ קנאַ־

פּען ממשות נענען שדים? — האָב איך זיי אַ פרעג געטאָן, אַזוי מיט רחמנות, און זיי האָבען געשוויגען.

איך וועל זיך דיר ניט באַריהמען וועגען דעם אַלטען פּאַנאַטיקער, אָבער די דריי בנים מיט זייער 18 יאָהריגע שעהנער שוועסטער האָב איך, אין אַ קורצע צייט נאָך דער פּאַסירונג, פאַר האַלבע פריידענקער געמאַכט... און אַ לעבעדיגען פאַקט האָב איך געזעהן, אַז וואָס ווענינער פאַנאַטיזמוס, אַלץ וויינינער אַנטיסעמיטיזמוס.

איך בין אַזוי פיל באַליבט געוואָרען אין זייער הויז, און זייערע באַציהונגען צו אידען זיינען אויך אַזוי פיל פאַרבעסערט געוואָרען, אַז זייער שוועסטער, די געוועזענע פאַרביסענע אַנטיסעמיטקע, האָט זיך פאַר מיר איינינע מאָל אויסגעדריקט, אַז זי וואָלט זעהר גערן הייראַטען אַ אידען, ווען די רעגירונג וואָלט דאָס ניט פאַרבאָטען. און מיר איז דאַן אַזוי אַנגענעם געווען צו הערען דאָס, פאַרשטעהענדיג, אַז זי האָט דאָס געמיינט מיך...

— אָה, די יוגענד! — האָט זיך דער אַלטער ראַזשעצקין אָפּגעזיפצט — אַזוי ליב, אַזוי זיס זיינען די ערינערונגען!...

אַ פאַרדעכטיגעס פייערל האָט געבליטשטעט אין זיינע אויגען, אַן אַנגענעמער אומעט איז געווען אויסגעגאָסען אויף זיין געזיכט.

— גענוג שוין דיר צו דערצעהלען מעשיות — האָט הייזעריג אויסגעשריען זיין פרוי, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געדרעמעלט אין שאָקעל־שטול, — רייניג בעסער דורך דעם אויוועז! די קעלט האָט מיך דורכגענומען אין די ביינער אריין!...

דער אַלטער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ ביטער־איראָנישען שמייכעל, און איך האָב אויף זיין געזיכט געלעזען: „אַ פאַרהייראַטער, אַ פאַרקויפטער".

— אַך, דער היימישער לעבען, דער היימישער לעבען! — האָט דער אַלטער בייז געפּויקערט דעם אויוועז, — גאָר אַנאַנדער זאַך! גאָר אַנאַנדער זאַך!...

דער ווינט האָט אַכזריות'דיג געוואָיעט, די שויבען האָבען חוצפּה'דיג געקלונגען, די פענסטער האָבען געקלאַפּט מיט רוגזה, און איך האָב אַזוי געבענקט נאָך אַ וואַרעמע לעזשאַנקע און אַ הייסע הרובע!....

דעם ארבייטער'ס „ערשטער טאַנץ".

לאה'קע הענעך דעם מלמד'ס איז געווען אַ זעלטען שעהנע ברונעטין.

בחורים פון די שעהנסטע שטעטעלדיגע בעלי בתים זיינען אויסגעגאַנגען פאַר איהר, ווי ליבט, ארומגעגאַנגען אָהן קעפּ!...

גביר'ישע קינדער און אפילו קריסטען האָבען זיך צו איהר גע'שדכנ'ט!

לאה'קע האָט אָבער פון קיינעם ניט געוואָלט וויסען, זי איז שוין לאַנג פאַראינטערעסירט אין מענדעל דעם שניידער.

מענדעל סוויסטון איז געווען אַ זעהר שעהנער בלאָנדין, מיט שעהנע בלויע אויגען און העל־בלאָנדע געקרויזטע האָר.

אָנפאנגס האָט לאה'קען צוגעצויגען איבערהויפּט, זיין שעהנער זינגען. שטונדען לאַנג פלעגט זי אָפּשטעהן אונטער'ן פענסטער ביי דוד דעם שניידער, ביי וועמען מענדעל האָט געארבייט, און צוהערען זיך צו זיין זינגען.

ווען זי האָט אמאָל, פארשעמטערהייט, געזאָגט איהם, אַז זי איז פארליבט אין זיין זינגען, האָט ער געפּיהלט, אַז ער ווערט משוגע פאַר פרייד!

ער האָט באַלד פארשטאַנען, אַז זי ליבט זיך ניט אינ'ם זינגען, אַליין... און אָפּהיטענדיג איהר אמאָל אין אַ שעהנעם אָוועגט, אין קאָרן־פעלד, הינטער'ן שטעדטעל, איז ער געפאַלען פאַר איהר אויף די קני און האָט געכאַפּט קושען איהרע הענט, פּונקט אַזוי, ווי דער העלד פון'ם ראָמאַן, וועלכען ער האָט נאָר וואָס געלעזען דעם לעצטען שבת. ער האָט גוט איינגע'חזר'ט די אַלע „פּריאָמען" און האָט אויסגענוצט פאַר זיין אמת'ן ראָמאַן אַלע פייערדיגע פראַזען מיט די שעהנסטע מאַניערען, און לאה'קע האָט זיך גליקליך געשעצט.

זי האָט יעצט איינגעזעהען, אז די ריכטיגע בילדונג, די איי־דעלסטע ווערטער, די שעהנסטע מאַניערען און אמת׳ע ריינע ליבע קאָן נאָר געמאָלט זיין ביי א שניידער. וועמעס נשמה איז ריין, דער כאַראַקטער ניט פאַרדאָרבען — א כשר׳ע נשמה, אָהן האַנדעל־גנבות, אָהן גמרא־פּשט׳לאַך!....

אין דעם זעלבען אווענט האָט זיך „פאַרקאָכט" צווישען זיי אַן אמת־פייערדיגער ראָמאַן!...

מענדעל האָט פאַרשטאַנען, אז ער איז מיט לאה׳קען ניט קיין גלייכער שידוך אין דער היים, און ער איז, מיט איהר צושטימונג, אוועק קיין אמעריקא.

זיי האָבעןביידע געהערט, אז אין אמעריקא קאָן א גוטער־שניידער ווערען א באַנקיר, א מיליאָנער!...

מענדעל האָט ווירקליך, אין צוויי יאָהר צייט באַהויפּטעט אראָפּצובריענגען זיין לאה׳קען קיין אמעריקא; אויסקליידען איהר אויפ׳ן שעהנסטען אַרט, איינריכטען א גביר׳ישע וואוינונג, מיט פיינע מעבעל, א שעהנעם קאַוויאָר; „פּאָלנע כאַזיאַיסטוואָ" מיט אַע קליפּערלאַך, ווי ביי אַן „איינגעפונדעוועטען" בעל הבית.

ער האָט אויסגעגעבען ביז דעם לעצטען סענט, האָט אָבער אַזוי שעהן געמאַכט זיין וואוינונג, אז לאה׳קע זאָל זיך ווירקליך קאָנען פיהלען ווי א מיליאָנערשע!

צום באַדויערען זיינען די שניידער אַרויס אין א גענעראַל סטרייק און סווייסטון האָט שוין עטליכע וואָכען ניט געאַרבייט, און איז געווען „אויף גרויסע צרות!"

ער האָט זיך געהיט, אז לאה׳קע זאָל פון קיין זאַך ניט וויסען — זי טאָר ניט ליידען!

ער האָט געליהען, געבאָרגט ביי זיינע גוטע פריינד, וויפיעל ער האָט געקאָנט, ער האָט אָבער ניט געקאָנט דערוויי זען באַצאָהלען זיין רענט און האָט זיך בשום אופן ניט ערלויבט אז זיין פרוי זאָל וויסען די דריקונג פון זיין האַרצען און האָט אָנגעווענדעט אלע מיט־לען אז זיין פרוי זאָל אפילו דעם לענדלאָרד ניט זעהן!

געקראָגען דעם „מוף־צעטעל", שוין געווען אין קאָורט, אָפּ־געבעטען זיך אויף עטליכע טעג און זי וויים פון גאָרניט.

היינט איז שוין אָבער אלעס צו ענדע. ניין א זייגער וועט קומען דער לענדלאָרד א לעצטען מאָל פרעגען די רענט און, אויב

מ'וועט איהם ניט באַצאָהלען, וועט מען ביז צוועלף אַ זייגער אַלעס ארויסוואַרפען אויפ'ן גאַס.

ער פיהלט אַז היינט איז ביי איהם דער ערגסטער טאָג אין זיין לעבען, דער שרעקליכסטער יום הדין; דער ריכטיגער קריזיס; דער „ערשטער טאַנץ" פון דעם אמעריקאַנעם ארבייטער לעבען... היינט מוז ער איבערלעבען דעם גרעסטען בזיון, די גרעסטע שאַנדע!...

ער שעמט זיך פאַר לאַנדסלייט, פאַר באַקאַנטע, פאַר אַלעמען, נאָר מעהר פון אַלעס שעהמט ער זיך פאַר זיין אייגענער פרוי, פאַר זיין לאַה'קען.

ער איז היינט גאַנץ פריה אוועק פון דער היים; ער האָט שוין ניט געהאָפט צו קריגען געלד; האָט אָבער ניט געקאָנט צוזעהן דעם צער מיט דער שאַנדע פון זיין היים געליבטע פרוי. זאָלען זיינע אויגען ניט זעהן, ווי דאָס בלוט פון זיין שהנער לאה'קען וועט זיך גיסען, ווי וואַסער!...

ווען ער וויים פריהער, אַז אַזאַ חלף וועט ליגען אויף זיין האַלז, וואָלט ער אַזוי ניט „געפּופּעלט"... וואָלט זיך ניט איילען מיט דער חתונה. אַן אָרעמאַן טאָר קיין זאַך ניט וועלען!... אמוויינינגסטען, וואָלט ער געקויפט ביליגערע מעבעל און דעם קאָוויאָר וואָלט ער איינגאַנצען איינגעשפּאָרט.

די חרטה מיט דער תשובה איז שוין אָבער געוועזען צו שפּעט, און מענדעל געהט אַרום אין גאַס און די גאַנצע וועלט איז איהם פינסטער!...

איהם האָט שוין געקריינקט יעצט, וואָרום ער האָט ליבער ניט פאַרבאַרייטעט צו אַזאַ ביטערען טאַנץ זיין אונערפאַרענע פרוי, איהר וואָלט יעצט פיל גרינגער געוועזען איבערצוטראָגען אַזאַ פינסטערען קלאַפּ!...

מענדעל שטעלט זיך פאָר, ווי מען שלעפּט זיין גוטס פון הויז, זיין פרוי איז זעהר צושראָקען, פאַרצווייפעלט און וויינט הערצרייסענד, ווי אַן עלענדע קינד.

ער פיהלט, אַז זיין האַרץ ווערט צוריסען אויף ברעקלאַך!...

די „נעקסט-דאָריגע" מיט אַלע איבעריגע ווייבער פון הויז סוד'ען זיך אין דער שטיל, מע לאַכט אין הויפענס — מען האָט הנאה!

— אַזאַ גרינגע חיה דאַרף זיין מיט קאַרפּעטס ? אַזאַ פּאַס־קודנע שנאַרעקע !... נאָך אודאי אַן אַנאַרכיסטקע אַ היימישע... אַ ליובאַוויצע מסתמא, פרייע ליבע׳ניצע ! איהר זעהט ניט קרוינ׳עלאָך, ווי ער האָט זיך מיט איהר אָפּגעשפּילט און — שיט איהם זאַלץ אויפ׳ן עק !... „היידאַ־דראַלאַ״... אַ שעהנע, ריינע כפרה פאַר אונז און — אונזערע קינדערלאָך !... אויסגעפּאַרבטע פּופּע !... איהר האָט שוין געזעהען אַ אידיש קינד אַזאַ ? אַ דריי־פאַכינגער ממזר קוקט אויך ניט אויס אַזוי ! אַפילו די אויגען זיינען דאָך ביי איהר געפאַרבט און געפּולירט....

מענדלען קלינגען אין קאָפּ די אַלע ווערטער און שניידען זיין האַרץ ווי מיט מעסערס !

ער ווייסט פון ערפאַהרונג, אַז פרויען פון אידישען קוואַרטאַל האַסען אַ שעהנערע פון זיך און וואָלטען וועלען דערטרינקען איהר אין אַ לעפעל וואַסער...

זיין גאַנצע בלוט האָט געקאָכט פון אויפרעגונג ! ווען ער זעהט יעצט דעם לענדלאָרד וואָלט ער איהם אפשר אַ לעבעדיגען אויפגעגעסען... און מענדעל איז מיט קריצענדע צייהן און אַפּאַר־קלעמטע האַרץ געלאָפען צו זיך אַהיים !

די יונגע מיסעס האָט געגעסען איהר פריהשטיק, באַדויערענדיג זעהר וואָס איהר מאַן איז אַוועק ניט אַ געגעסענער און האָט גאַרניט גע׳חלומ׳ט פון דעם שוואַרצען וואָלקען, וואָס שוועבט איבער איהר קאָפּ.

פּלוצלונג — אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר, לאַה׳קע האָט אַ ציטער געטאָן. די טיר האָט זיך שנעל און ברייט געעפענט און אַ הויכער, פעסט־געבויטער, רייך־געקליידעטער מאַן איז חוצפה׳דיג אריין אין הויז.

— איז מיסטער סוויסטון דאָ ? — האָט ער שטרענג געפרעגט אָהן „אַ גוט מאָרגען״.

— איך האָב היינט ניט געהערט ווען ער איז אַוועק. וואָס דאַרפט איהר מיין מאַן ?

— ער האָט נאָך צייט יעצט צו באַצאָהלען זיין רענט און ניט קומען צו קיין שאַנדע.

— וואָס מיינט איהר — שאַנדע ? — האָט זי געפרעגט, פאַר־שטעהענדיג, ווער דאָס איז.

— איך מיין — מ'זאָל ניט אַרויסוואַרפען אייערע „בעבעכעס" אויפ'ן גאַס, — האָט ער געזאָגט

—אין אַ שטונדע שפּעטער וועט איהר שוין אַלעס וויסען און פאַרשטעהן! — האָט ער אויפגערעגט געשריען — די גאַנצע ביסעל שמאַטעס אייערע וועט אַרויסגעוואָרפען ווערען אויפ'ן גאַס, אויב איהר וועט מיר גלייך ניט באַצאָהלען די 15 דאָלאַר רענט!

— האָט רחמנות, מיסטער! — האָט זיך די יונגע ווייבעל ביי איהם געבעטען — דער מאַן וועט באַלד קומען און וועט באַצאָהלען

דער לענדלאָרד האָט געוואוסט איהר לאַגע בעסער פון איהר און האָט יעצט פאַרשטאַנען, אַז איהר מאַן באַהאַלט פון איהר זיינע צרות. ער האָט באַטראַכט די ווייבעל און האָט זיך שוין נאָרניט געוואונדערט, וואָס איהר מאַן היט זי אָפּ פון פאַרדרוס. אויסער דער זעלטענער שעהנהייט, איז אויף איהר געזיכט געלעגען איידעלקייט, גוטסקייט און אונשולד.

„וואָס פאַר אַן אכזריות'דיגער שפּאַס פון דעם טיראַנישען שיקזאַל! — האָט דער לענדלאָרד אין האַרצען געטראַכט — אַזאַ בריליאַנט, אַזאַ מלאך דאַרף דאָס אַריינפאַלען אין שניידערשע הענט און אָפּפינסטערען איהר גאַנצען לעבען, וועהרענד העסליכע בריאות, ארורות, שאַרלאַטאַנקעס, פעך־שוועבעלדיגע מיילער לעבען דאָס אַזאַ גליקליכען טאָג!"....

— איך קאָן ניט וואַרטען אויף אייער מאַן! — האָט ער עטוואָס ווייכער געזאָגט, קוקענדיג אויף זיין זייגער, — מאַכט זיך פאַרטיג אויף גיך, מ'וועט באַלד קומען שלעפּען אייערע זאַכען אויפ'ן גאַס. איהר'ט מוזען אכטונג געבען, מ'זאָל ניט צו'גנבענען, ביז אייער מאַן וועט קומען.

פאַרשטעהענדיג די ערנסטקייט פון איהר לאַגע, האָט זיך לאַהקע ביטער צעוויינט.

— האָט רחמנות, מיין הערר, וואַרפט מיך ניט אַרוים! איז די פאַרצווייפעלטע צוגעלאָפען צו איהם, ווי צו אַ רוסישען טשי־נאָווניק אין צייט פון אַ פּאָגראָם און האָט געכאַפּט קושען זיינע הענט — האָט גאָט אין האַרצען.... מיין מאַן וועט באַלד קומען, וועט באַצאָהלען!

דער לענדלאָרד איז געווען אַזוי געריהרט פון די אונשולדיגע

קושען, פון „אזא בריליאַנט", אַז ער האָט צערטליך געדריקט איהר האַנט און האָט שוין געוואָלט זאָגען איהר: „בּאַרוהיגט אייך ליבעס קינד! איך וועל דאָס ניט טאָן? מ'קאָן זיך ניט אַרומוואַרפען מיט אַזאַ פרוי!... ער איז אָבער באַלד „צו זיך געקומען" און האָט זיך אויף אַזוי פיעל פאַרשעמט מיט זיין „שוואכקייט", אַז ער האָט זיך שטילערהייט, ווי אַ גנב, אַרויסגעכאַפּט פון הויז.

און מענדעל איז אַהיים געקומען שוין נאָכ'ן „ערשטען טאַנץ"...

דבורה׳קע טעמע־לאָה׳ס.

ווי נאָר ישראל׳קע האָט זיך א הויב געטאָן אויף זיינע פיס, נאָך א חדר־אינקעל געוועזן, מען מעג זאָגען, האָט שוין דער נאָמען „דבורה׳קע" אזוי שעהן געקלונגען אין זיינע אויערען און אזוי געקיצעלט זיין הערצעל, אז ער פלעגט גאַנץ אָפט, אזוי גלאַט אין דער וועלט אריין, הויך אויסרופען דעם נאָמען, כדי זיין נשמה זאָל זיך קוויקען מיט דעם. אזא גרויסע הנאה האָט עס איהם פאר־שאפט... און יעצט קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען די גאנצע „רשימה" פון זיינע געפיהלען צו דער מיידעל אליין.

ס׳וואָלט געוועזן א טעות צו דענקען, אז די אויפרעגונג אין זיין קינדערשער הערצעל האָט געמאכט דער שעהן־קלינגענדער, היסטאָרישער נאָמען, ווייל די מיידעל אליין איז געוועזן טויזענד מאָל שעהנער פון דעם נאָמען. א זעלטענע שעהנהייט איז דאָס געוועזן!

מעגליך, אז זיי ביידע זיינען געייען אין׳ם זעלבען עלטער און אפשר איז ער נאָך געוועזן אביסעל עלטער; אָבער ער איז נאָך געוועזן א קליין אומבאמערקבארער אינגעל, אין צייט ווען זי האָט שוין פארנומען א גרויסען „אויבענאָן" אין דער „שמעטענע" פון דער געזעלשאפט. ניט נאָר אין דעם שטעדטעל אליין, נאָר גאנץ ווייט אויף א גרויסען שטח — א מהלך ארום און ארום!

דער שכל דערפון איז א פשוט׳ער: א 13—14 יאָהריגע מיי־דעל אין א קליין שטעדטעל, אויב זי איז נאָר זעהר א שעהנע, איז שוין ביי פילע אין די הערצער און כמעט ביי אלעמען אין די מיילער!... וועהרענד אויף צעהנדליגע אינגלאך אין דעם עלטער ווי שעהן זיי זאָלען ניט זיין, קוקט מען זיך אפילו ניט אום! א מזל זאך!....

און אפילו ישראל׳קע אליין, ביי זיך אין הארצען, האָט זיך

געפיהלט פאר א אינגעל געגען „איהר" און איז געווען צופרידען צו זיין די „געהיימע פּאַטשט" אין גאַנץ שטעדטעל — איבערצו־געבען דבורה'קען בריעף פון גרויסע בחורים און ברייגנגען זיי אַן ענטפער, אויב מען וועט געבען. נאָר דאָס גראַדע, געדענקט זיך איהם, האָט קיינער ניט געהאַט די עהרע „צו דערלעבען", ווייל זי איז געווען בטבע א שעמעוודיגע, א שרעקעדיגע — ס'האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז זי האָט גאָר מורא צו צוריהרען זיך צו די סעקרעטנע בריוולאך! און אפשר האָט זי זיך געהיט פון גרויסע אויגען, אָדער פון נאָך גרעסערע מיילער....

נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין האָט ער זיך גליקליך געשעצט צו האָבען א געלעגענהייט אריינטרעטען אין דבורה'קעס דלד אָמות, בגנבה אריינקוקען אין איהרע גרויסע, שעהנע, קאַרע אויגען, די קראַפט פון וועלכע האָט געמאָהלען, ווי אין גרויסע זשאַרנעס זיין צאַפּעלדיגע הערצעל, זיין פלאַטערדיגע, יונגינקע נשמה'לע..

ער איז זעהר אייפערזיכטיג געווען צו די אלע שרייבער און אין הארצען גאָט געבעטען, אַז זיי זאָלען אויסשטאַרבען, אָט די אלע גרויסע. אויסגעקאָסיעט זאָלען זיי ווערען אין איין צייט, מיט איין קלאַפּ, אַז ער זאָל בלייבען דער גרעסטער אין שטעדטעל! נאָר ער און ער אליין.... דעמאָלט וואָלט ער געקראָגען מוט צו עפענען פאר איהר זיין הארץ; זאָל זי זעהן, ווי היים ער ליבט זי!...

ער וואָלט זיך אוועקשטעלען הארט נעבען איהר — א פּלייצע צו א פּלייצע און זאָגען איהר: זעהסט, איך בין שוין גרעסער פון דיר — דארפסט זיך מיט מיר ניט שעהמען, דארפסט ניט לאַכען...

ניט האָבענדיג קיין געדולד צו וואַרטען, ביז גאָט וועט זיך איבער איהם מרחים זיין, האָט ער זיך אסמיעליעט אמאָל און אריינ־געשפּארט איהר אין האנט זיינעם אַן אייגען בריוועל און האָט זיך אזוי פארשעמט, אַז ער איז באַלד אנטלאָפען און האָט זיך א צייט ניט געוויזען פאר איהר!

ביי זיין זעהען זיך מיט איהר, אין א צייט ארום נאָך דער פּאַסירונג, האָט ער ניט באמערקט, אַז זי זאָל לאַכען פון איהם; נאָר פארקעהרט, זי האָט זיך אָנגעהויבען שעהמען פאר איהם און ניט רעדען אזוי פריינדליך, ווי ביז אהער, און ער האָט באשיינפּער־לאַך געזעהן, אַז זי קוקט אויף איהם ניט, ווי אויף א אינגעל.

ער האָט אָבער דאָך ניט געהאַט קיין מוט צו עפענען פאר איהר

זיין הארץ. איהם האָט זיך פּראָסט ניט געגלויבט, עס זאָל מעגליך זיין, אַז דבורה'קע, פאַר וועלכער פּיעל גרעסערע, רייכערע, אָנגע־זעהענערע בחורים פאַלען צו די פיס, זאָל זיך אינטערעסירען מיט איהם!

א לאַנגע צייט, יאָהרען גאַנצע, איז ער איהר נאָכגעגאַנגען, ווי א שאָטען, וואו זי זאָל ניט געהן און שטעהן; גערעדט מיט יעדען אין איהר אַנוועזענהייט, אָבער ניט מיט איהר; ער האָט געפיהלט אַז די נשמה געהט איהם אויס פון ליבע צו איהר!... ער האָט אָבער ניט געקאָנט אַרויסזאָגען דעם אמת — ער האָט זיך געשראָקען, אַז זי וועט אויסשיסען אין א געלעכטער; ער וועט ווערען באַליידיגט, פאַרשעהמט און די שוואַכע האָפנונג, וועלכע האַלט אויף זיין לעבען, וועט דער'הרג'עט ווערען מיט איין מאָל...

ער האָט זיך בעסער באַשלאָסען אַוועקצופאָרען ווייט, אין א גרויסער שטאָדט, ווערען א מענש מיט געלד און דאַן מיט מוט און ענערגיע ערדייכען זיין וואונש. דבורה'קע מוז זיין זיינע אונ־טער אַלע אומשטענדען!...

מיט א פּאָר יאָהר שפּעטער איז ער „געפלויגען" פון מאָסקווע אין זיין קליין שטעדטעל, צו זיין דבורה'קען, מיט אַן אויסגעאַרבײ־טער שפּראַך, אויסגעשטודירטע הויכע פראַזען, מיט עכט פייערדיגע ווערטער — באַשלאָסען: „מיט שטורם נעמען די פעסטונג!" אום יעדען פּרייז!....

ס'איז שוין אָבער געוועזען צו שפּעט: דבורה'קע איז שוין א כלה געוואָרען און גאָר צו א ווילד־פרעמדען, ניט צו איינעם פון יענע, אויף וועלכע ער האָט דעם טויט געבעטען!

אַלע זיינע גוטע חלומות מיט זיסע האָפנונגען זיינען צושמע־טערט! זיין שטרעבען און לעבען צוקלאַפּט!

ער האָט פאַר זיינע נאָהענטע פריינד אויסגעגאָסען זיין ביי־טער הארץ, געוויינט ווי א קינד און געבעטען זיי ערקלערען דבורה'קען דעם ריס אין זיין נשמה און פרעגען ביי איהר: פיליכט איז נאָך מעגליך גוטצומאַכען אַלעס?

איהר ענטפער איז געוועזען פאַר איהם ווי זאַלץ אויף א פרישען וואונד! דבורה'קע איז געוועזען פאַרליבט אין איהם מיט'ן גאַנצען פלאַם פון איהר יונגען הארץ, נאָך אפשר פריהער פון איהם; נאָר איהר שטאָלצע נשמה האָט איהר ניט דערלאָזט ערקלערען דאָס

איהם, זעהענדיג זיין גלייכגילטיגקייט. איהר ליבע צו איהם האָט איהר געצוואונגען צוריקצואווייזען די ליבע פון די גרעסטע, אָנגעזעהענסטע מענשען! נאָר יעצט איז שוין „נאָך אַלעמען!"... זי איז ניט פארליבט אין איהר חתן, רעספעקטירט איהם אָבער פאר זיין אָפענהערציגע ליבע און האָפט צו ליבען איהם פאר זיין אָפענע נשמה, ווייל ער איז ניט קיין „שוויינעדיגער אידיאָט"!...

זיין פארלאַנג צו זעהן זיך מיט איהר, האָט זי צוריקגעוויזען און שטרענג פארבאָטען צו זיין ביי איהר אויף חתונה.

ער האָט בגנבה, שטילערהייט, בייגעוואוינט איהר חופה, אויפ'ן שוהל־הויף, און האָט געפיהלט, אַז די לעצטע שטראהלען פון זיין זון פארגעהען און ס'קומט אָן די אייביגע פינסטערניש....

צופעליג האָט ער געכאַפּט איהר געמאַכטען שטאָלצען בליק, אין וועלכען ער האָט געלעזען: „אידיאָט, אוועק פון דאַנען!"

שוין צעהנדליגע יאָהרען זיינען פארלאָפען. אַלע וויכטיגע פּאַסירונגען זיינען אויסגעווישט געוואָרען פון זיין געדעכניס זייט דאַן. אָבער דער „אידיאָט", וועלכער האָט זיך ארויסגעריסען פון איהר הארצען מיט אַ שמערצליכען געפיהל פון נקמה, קלינגט נאָך אַלץ אין זיינע אויערען און נאָגעט אין זיין הארץ....

א בריוועלע דער מאמען.

אברהם רובעל איז די לעצטע טעג זעהר נערוועז און מעלאנ־כאליש. איהם פלאגט דער וואונש, וואס שנעלער ענדיגען דעם בריף צו דער מוטער! ער האט שוין צוויי נעכט ניט געשלאפען, ער שרייבט דעם בריף נאר דאן, ווען ער איז זיכער, אז אלע שלא־פען שטארק; קיינער טאר ניט וויסען פון זיין שרייבען; ער אליין שרעקט זיך פאר דעם פארלאנג צו שרייבען א בריוועלע דער מאמען וועלכע איז שוין איבער צעהן יאהר אויף דעם עולם האמת. ער האט שוין אייניגע מאל אליין עקזאמינירט זיין פארשטאנד: פילייכט איז ער טאקע משוגע?... אבער ניין! ער פיהלט, אז דאס איז נאר א נויטווענדיגקייט פאר די אנגעפרעסטע צרות... די הארץ איז שוין איבערפול... מ׳מוז דאס מאכען אביסעל שי־מערער... עפענען איהר און נאר פאר דער מאמען, ווייל קיינעמ׳ס הארץ פיהלט ניט אזוי ווי א מוטער׳ס.

דאס איז דאך א פאנטאזיע נאר פון צורייצטע נערוועז! א בריף אויף יענער וועלט?... יא, ער האט דאס גוט פארשטאנען, ער האט אבער געפיהלט, אז ער קאן אנדערש ניט בארוהיגען זיין פארקלעמטע הארץ! שוין צופיל זיינען די געפיהלען ערנידעריגט! ער ערלויבט א מאל פארבייגעהן דעם אמת פון זיין פרוי — צו פארהיטען זי פון פארדום, אדער זיך פון אומאנגענעמליכקייט — אבער ניט אונטער דעם דרוק פון אזעלכע געפיהלען. ווען די פרוי זאל זיך אויפכאפען פון שלאף און פרעגען איהם, וואס ער שרייבט, וואלט ער מוזען זאגען דעם אמת... און ווי שעהן ער וואלט אויס־געזעהן ביי דער פרוי און קינדער מיט זיין שרייבען?... זיי וואלטען זיך אלע צושראקען און איהם וואלטען זיי מיט געוואלד אפגעשיקט אין א האספיטאל!...

אלזא, שוין די דריטע נאכט, ווי ער וואכט איבער דעם שלאף

פון זיין פרוי און קינדער און מיט גרויס פארזיכטיגקייט לעזט ער יעצט דעם בריף:

„ליבע, טייערע מוטער! קיין זאך וואָלט מיך יעצט ניט צו־פרידענגעשטעלט אזוי, ווי דיין אָנוועזענהייט! ניט קושען און האַלזען דיך איז דער הויפּט פון מיין אומגעדולד, ניין! נאָר אויס־גיסען פאַר דיר די ביטערקייט פון מיין הארצען! דאָס וואָלט פארלייכטערט מיינע אינערליכע יסורים און אויך געהיילט מיינע שמערצליכע געוויסענסביסע! פון ערפאהרונג — אלס פאָטער פון עטליכע קינדער — פיהל איך יעצט די פילע גרויסע זינד געגען דיר און מיין זעליגען פאָטער... מיין גאנצע פארגאנגענהייט, פון דער קינדהייט ביז דער חתונה לעזט זיך פאַר מיר מיט גרויסע בוכשטאַבען"!...

איהרביידע פלעגט זיך אימער אינטערעסירען: וואו איך געה פארברייגגען מיין פרייע צייט? ווער זיינען מיינע פריינד? וואו פארברייגג איך? ווי לעהרען איך זיך? מיט איין וואָרט, איהר האָט געוואלט מיטפיהלען מיט מיר אלעס... אָנטייל נע־מען אין מיינע פריידען און מיינע ליידען! איהר האָט געפיהלט אין דעם אייער גרעסטען פארגעניגען! איהר האָט געפיהלט, אז איהר זייט בארעכטיגט דערצו!...

אַמאָל האָסטו מיר איבערגעגעבען א בריף מיט א מיידעלשער האנדשריפט, וועלכען דער פּאָטשטאַליאָן האָט געבראַכט פאַר מיר; דו האָסט ניט געוואגט צו פרעגען מיך וועגען דעם בריף... דו האָסט אָבער געברענט מיט נייגעריגקייט... דיין הארץ האָט גע־ציטערט וועגען דעם שיקזאל פון דיין ליב קינד... דיין נשמה האָט זיך געטרונקען אין צווייפעל און שרעק!... און איך, אַנשטאַט צו דריקען דיך צו מיין הארץ, קושען און דאנקען פון טיפען האר־צען פאַר מוטערליכער צערטליכקייט און הייליגען אָנטייל, האָב אָיך אויף דיר אַ בייזען בליק געוואָרפען און מיט אַ שמערצליכען זיפץ האָסטו אַרונטערגענומען דיינע אויגען פון מיר און דעם מיי־דעלשען בריף. אָה, יעצט פיהל איך, וואס אין דיין נשמה איז פאָרגעקומען דאָן!... ווען קען מען פארטרויען די געהיימניש פונ'ם הארצען מעהר פון די אייגענע עלטערען?... קיין קנאה, פניה, אייפערזוכט!.... די צרה איז, וואס מ'קומט צום שכל

צו שפּעט.... די עולות פון מיינע קינדער האָבען מיר אויפגעעפענט דעם „ספר הזכרונות״! ... איך שעהם זיך יעצט מיט מיין קינדערשען שכל, מיט דער געוועזענער לאָגיק... „וואָס דאַרפען עלטערען וויסען מיינע אָנגעלעגענהייטען״? „וואס פאר א מחותנים זיינען זיי מיט מיר״? „אַלטע לייט — וואָס ווייסען?״ „קאָנען זיי דען האָבען אַ באגריף אין די אינטערעסען פון יונגע מענשען״? גוטע מוטער! זיי מיר אַלעס מוחל! מיין געוויסען פּלאָגט מיך אזוי פיל... און איך פיהל, אז גאָט שטראָפט מיך מידה — כנגד — מידה! ... איך מיט מיין פרוי ליידען אומגעהויער פון דער קאַלטקייט און ניט אָפענהערציגקייט פון אונזערע קינדער. איך מוז פאר דיר עפענען מיין הארץ... שילדערען מיינע גייסטיגע יסורים... עפענען פאר דיר א פעלד פון הערצליכע וואונדען... ווי אין שפּיגעל וועסטו זעהן אלעס, וואס דו האסט איבערגעליטען... און וועסט אויך זעהן, ווי א נשמה צאַפּעלט זיך אין דער גרעסטער אַגאָניע פון שמערצליכע גייסטיגע ליידען...״

דער שלאָף האָט גובר געווען די פארצווייפלונג... טיפע זיפצען רייסען זיך פון זיין אָנגעווייטאָגטע הארץ, געמישט מיט אָפּגעריסענע ווערטער: פרעמדע... פרעמדע קינדער...

זיין פרוי האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף; אויף די שפּיצען פון די פינגער צוגעגאנגען צום טיש; מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטהעם דורכגעלעזען דעם בריף און האָט זיך צעוויינט, ווי א קינד... רובעל איז מיט שרעק אויפגעשפּרונגען און געבליבען שטעהן, ווי פאַרגליווערט.

— מיין ליבער, מיין טייערער אברהם! איז איהם די פרוי ארויפגעפאלען אויפ׳ן האלז — וואס זוכסטו טרייסט צווישען טויטע? — ווער קען נאָך פיהלען דיין הארץ אזוי, ווי איך? ...

מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען, אָהן ווערטער האָט ער זי געדריקט צו זיין ברוסט און ביידע האָבען שטיל געגאסען טרעהרען...

זייערע זיפצען האָבען זיך געטראָגען ווייט — ווייט און זיינען דערטרונקען געווארען אין דער שטילקייט פון דער נאכט! ...

פלוצלונגע צושטערונג.

(אַן אמת'ע פּאַסירונג).

אין א געוועהנליכען, וואכעדיגען מיטוואך צו מנחה האָט די אַלטע ליובאַוויטשער שוהל אויסגעזהן פּונקט ווי ערב יום כפּור בין השמשות: אַלע לאָמפּען און פילע ליכט האָבע געברענט, אויסער א גרויסע צאָהל ריינע נשמה־ליכט, וועלכע זיינען געווען ספּעציעל אנגעצונדען פאר דער הייליגער נשמה פון דעם שטאָדט רב, דעם גרויסען גאון, תלמיד חכם און גאר דעם גרויסען יראת שמים, רב בערטשיק כאָכלאָווקער, וועלכער איז צום גרעסטען באַ־דויערען, נפטר געוואָרען מיט א וואך צוריק.

די גאַנצע שטעדטעל איז געווען פאררופען צו א טרויער־פאַרזאַמלונג, נאָך דעם פאַרלוסט פון דעם גרויסען אידען, נאָך דעם אונטערגאַנג פון דעם לייכטענדען שטערען אינ'ם אידישען הימעל!

אין דערזעלבער צייט האָט מען באַראַטפּט מישב זיין זיך, ווי צו פאַרזאָרגען מיט חיונה די אַלמנה־רבי'צען און טאַקע אויך — ווּעמען מ'זאָל אויפנעהמען פאר א רב פון די עטליכע קאנדי־דאטען, וועלכע האָבען גערען געוואָלט לייסטען זייער דינסט צום קהל? דאָס איז געווען א ברענענדע פראגע, וועלכע האָט געמוזט דעם אָווענט געלייזט ווערען, ווייל פאר דער וואך צייט האָבען זיך, צוזאַמענגעקליבען שעהנע עטליכע שאלות נשים, וועלכע מוזען אם שנעלסטען פאַרענטפערט ווערען! ...

ביי אזא גרויסער באַלייכטונג האָט זיך אין שוהל דאָך גע־לאָזט אָנטאַפּען די מרה־שחורה'דיגע פינסטערניש וועלכע איז געווען צוגאָסען איבער אַלעם און אַלעמען! יעדער פייער'ל האָט געצאַנקט אין אַ געהיינע פינסטערניש... אַלעס האָט זיך געטרונ־קען אין א חשך'דיגען טרויער.

די פלוצלונגע קראַנקהייט פון דעם רב מיט זיין שנעלען טויט האָט געמאכט א חורבן, אַן איבערקעהרעניש אין גאַנץ שטאָדט!

און ווי געוועהנליך, נאָכ׳ן טויט ווערען גרויסע מענשען נאָך גרעס־סער, ווייל דאן ווערט ערשט אַ ריכטיגע זוכעניש נאָך די מעלות פון דעם טויטען. איז דאָ אין שוהל יעצט אויך אָנגעגאַנגען ארבייט אין דעם פּרט: יעדער האָט געזוכט עפּעס אַ זכות פאר׳ן נפטר און האָט געזעהן צו מגזם זיין זיינע מעלות! אין דער זעלבער צייט האָט מען פון טיפען הארצען באדויערט די שלעכטע צייטען וועלכע דער גרול האָט דורכגעמאכט אין זיין לעבען און מעהר פון אלעס האָט זיך שמערצליך אפּגערופען אין אַלעמענס הערצער דער טרויעריגער שיקזאל פונ׳ם גרויסען אידען אין באצוג צו קינדער, וואָס ער האָט ניט איבערגעלאָזען נאָך זיין קאָפּ קיין תלמיד חכם, וועלכער זאָל פארנעהמען זיין אָרט! ער האָט אפילו אַ זוהן אין אמעריקאַ, אָבער קיינער ווייסט ניט, וואס פאר אַ סארט איד דאָר־טען איז. דאָס איז געווען זיין איינציג קינד מיט דער ערשטער רבי׳צען. די צווייטע רבי׳צען איז אַ תמ׳עוואטע אידענע, ניט קיין פּרוכטבארע, וועלכע האָט גאָר אין גאנצען ניט געפּאסט פאָר אַ רבי׳צען. נאָר וואָס האָט ער נעבעך געזאָלט טאָן? אַ תלמיד חכם? ...

אין דער צייט פון אזעלכע ויכּוחים איז אָריינגעלאָפען די רבי׳צען מיט אַ בריף אין האנט, וועלכען זי האָט געפונען אין דעם רבי׳ס זופּיצע. זי קאָן דעם בריף ניט לעזען, אבער נאָך דער מארקע ווייס זי, אַז דאָס איז פון אמעריקא. האָט זי געבעטען דעם גבאי דורכלעזען דעם בריוועל און זעהן, אוואו האלט עס מיט׳ן קדיש? אפשר דארפען גאָר דינגען אַ קידש־זאָגער?

דער גבאי האָט זיך פארענטפערט מיט די שפּאקולען און האָט אויפגעפּאדערט דעם לעהרער מיט די גרויסע גאָלדענע ברי־לען דורכצולעזען פאר איהם דעם בריף. די אלמנה האָט אָבער פארלאַנגט, אַז מ׳זאָל לייענען הויך פאר אלעמען, ווייל זי וויל, אַז גלייך אויפ׳ן אָרט זאָל דער נפטור פארזאָרגט ווערען מיט אַ קדיש־זאגער, אויף קהל׳ס רעכענונג.

דער עולם האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערען און ס׳איז גע־וואָרען שטיל, ווי אויף אַ בית־עלמין. און דער לעהרער האָט געלעזען וואָרט ביי וואָרט:

„פאָטער! ס׳איז ענדליך געקומען דער מאָמענט, ווען איך

מוז אויפעפענען פאַר דיר מיין האַרץ און אויסגיסען מיין גאַנצע ביטערקייט, ווייל איך וויל ניט נעמען מיט זיך אין קבר קיין שמוציגע סודות... איך האָב דאַן פאַרלאָזען דיך, מיט מיין זעליגער מוטער, ווייל איך האָב זיך פאַרבלאָנדזשעט פון דרך הישר — ווי איהר האָט עס דעמאָלט פאַרשטאַנען — געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער און אלס „באַנק קוועטשער" בין איך באַלד אַריינגעפאַלען אין אַ „פאַסטקע" און ווען ניט מיין גמרא־קאָפּ וואָלט איך מיין גאַנצען לעבען אָפּגעפינסטערט אין סיביר! כאָטש, דעם אמת זאָגענדיג, וואָלט דאָס מיר יעצט פיל ליבער געווען, ווי מיין פרייהייט, וועלכע טרייבט מיך פרייוויליג אין קבר אַריין — ניט עפּעס פאַר אַ הייליגען אידעאַל, וועלכער מאַכט זיס און אָנגענעם דעם טויט! ניין!

איך וועל, אלזאַ, גלייך צוטרעטען צום פּונקט: ניט האָבענדיג אויף זיך קיין יאָך, קיין הייליגע פליכטען פון אַ קאַמף פאַר אַ בעסערער עקזיסטענץ פון דער מענשהייט, האָב איך זיך באַשלאָסען נעמען אויף זיך דעם יאָך כאָטש פון אַ פאַמיליען־לעבען, ווייל מיין אומרוהיגע נשמה האָט זיך געצאַפּעלט פאַר עפּעס אַ קאַמף. אין פאַבריק וואו איך האָב געאַרבייט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ שעהנער, קלוגער און אינטעליגענטער מיידעל און אויסגעפינענדיג, אַז זי איז אַן עלענדע יתומה, האָב איך זיך גליקליך געשעצט, וואָס איך האָב שוין פאַר וועמען צו זאָרגען, פאַר וועמען צו קעמפען פאַר אַ בעסערער עקזיסטענץ, כאָטש פאַר אַן אינדיווידיום, אויב ניט פאַר'ן גאַנצען כלל... און די מיידעל האָט באַלד פאַרנומען מיין גאַנצע האַרץ!

איהר ביאָגראַפיע איז קורץ, טרויעריג אָבער זעהר אינטערעסאַנט: איהר מוטער איז געווען אַ דינסט־מיידעל און איהר פאָטער אַ תלמיד חכם, אַ שטאָדט רב און אַ גרויסער יראה שמים.

עפּעס האָט מיר געקלונגען לעגענדאַריש דער קורצער סדר היחוס... איך האָב זיך אָבער ניט געאינטערעסירט צו וויסען די איינצעלהייטען פון אַזאַ „געמישעכץ", ווייל איך האָב געפיהלט, אַז איך בין פאַרליבט אין ענע'ן מיט מיין גאַנצער נשמה און מוז פאַרבינדען מיט איהר מיין לעבען, ווען זי זאָל אפילו זיין אַ קינד פון אַ גאַסען־פרוי! און האָב מיט איהר טאַקע באַלד גע־

הייראט. אונזער ביידענס גליק איז געווען אומאויסדריקליך! מיר האבען געשטימט אין אלעס, אונזערע נשמות זיינען געווען פונקט ווי פון איין פארם געגאסען!...

ערשט, קומענדיג אביסעל צו זיך, ווען דער „טשאד״ פון קאפ האט אנגעהויבען אביסעל אויסוועבען זיך, האב איך זיך מיט איהר צורעדט וועגען איהר פארגאנגענהייט, ביז ס'איז געקומען די פראגע פון איהרע עלטערען האט זי מיר געציינט צוויי אלטע פאטאגראפיעס, פון וועלכע איך האב דאך דייטליך געקענט זעהן זעהר א שעהנע יונגע פרוי און א שעהנעם יונגען מאן, דעם איצ־טיצען רב, רב בערטשיק באכלאוועקער פון שטאדט ב., טאקע דיך אליין טאטעניו!

— ווי קומען צו דיר די בילדער? — האב איך ווילד אויס־געשריען.

— דאס איז מיין פאטער און מוטער! — האט זי גלייכגיל־טיג געענטפערט, ניט באמערקענדיג מיינע התפעלות.

איך האב אנגעווענדעט אלע מיינע כוחות, אז מיין ליבע פרוי און טייערע שוועסטער זאל אן מיר קיין זאך ניט מערקען און באשלאסען צו באגעהן זעלבסטמארד, מיט מיין בלוט פארדעקען דעם שאנד־פלעק פון מיין פאלק און פאר מיין אומגליקליכער פרוי זאל בלייבען איהר אפשטאמונג א געהיימניש.

ווען דו וועסט לעזען דיזען בריף וועל איך שוין ניט זיין צווישען די זינדיגע, היפאקריטישע מענשען!... דיין פליכט, פאטער, איז יעצט צו זארגען פאר ענע'ן, פאר דיין איינציג קינד, וועלכע וועט זיין פילייכט אויך די מוטער פון מיין קינד. איך שיק דיר איהר אדרעס. מיר איז ליב צו פארלאזען די פארמאס־קירטע וועלט, אבער שווער, זעהר שווער און ביטער צו שיידען זיך מיט ענע'ן.״

דער לעהרער האט ארונטערגענומען זיינע שפאקולען, האט זיי אפגעווישט מיט א טיכעלע, ער האט אבער ניט געווישט די אויגען פון וועלכע ס'זיינען גלאפען טרעהרען.

דער גבאי האט שטום, אהן ווערטער צוריסען דעם בריף. די ריינע נשמה־ליכט האבען געשפייט, בייז געשפריצט מיט די לעצ־טע טראפענס און האבען זיך אויסגעלאשען איינע נאך די אנדערע,

איבערלאָזענדיג נאָך זיך אַ שווערען גערוך... די אַלע איבעריגע ליכט האָבען דערשלאָגענע, פאַרשעהמטע, ארונטערגעלאָזען זייערע קנייטלעך און האָבען זיך געלאָזען בעסער אויסשמעלצען, איידער באַלייכטען אַזאַ שרעקליכע פינסטערניש.

שטיל, אָהן ווערטער, איז זיך צוגאַנגען דער עולם פאַרשעמט און דערשלאָגען...

אויף צו להכעיס א איד.

ראוב'קע איז געווען א אינגעל א יאָהר 14—15. ער האָט זיך אָבער זעהר „גרויס" געוואָרפען־אַלעמען אין די אויגען, אין גאַנץ שטעדטעל. א צו־לעבעדיגער עזות פּנים'ל איז ער געווען.

זיין אַרויסגעהן, זיין קליידען זיך איז אויך געווען ניט גאָר „אידעשליך"... און דערפאר האָבען פרומע אידען געקוקט אויף איהם, ווי דורך שפּאָקולען.

א ווייסינקער, א ציכטיגער בחור'ל, מיט בלויע אויגען, האָט ער אויסגעזעהן מעהר ווי א שגץ, איידער א אידיש קינד.

ווי נאָר די באַראָנעסע איז פאַרפאָהרען אין דער אכסניא און האָט אָנגעהויבען נאָכפרעגען זיך אויף א גוטען דאָקטאָר, וועלכען זי וואָלט וועלען דינגען מאָנאַטליך, צו קורירען איהר; נאָך איידער ווער עם האָט צייט געהאט אָפּכאַפּען דעם אָטעם און ענטפּערען איהר, איז שוין דער בחור'ל געווען, ווי פון אונטער דר'ערד אויסגעוואַקסען און האָט שוין גערעדט צו דער פריצטע ווי אַן איינגענער מענש! אט אזא כוואַטסקער אינגעל איז דאָס געווען! און אויף צו להכעים דעם בעל־אכסניא און פילע פרעמדע אידען, וועלכע האָבען זיך אריינגעמישט צו פּאַרטרייבען דעם „עזות־פּנים" פון אזא בכבוד'יגער אורח'טע, האָט ער זיך אַרויפגערוקט דער פּריצטע „אויפ'ן רעכטען נאָז"!

— איך וועל אייך ברענגען דעם בעסטען דאָקטאָר! — האָט ער אויסגעשריען, אַרונטערכאַפּענדיג די היטעל, ווי אַן עכטער גוי, און נאָך איידער זי האָט איהם אָנגעקוקט, איז ער שוין אוועקגעלאָפען און געבראַכט א דאָקטאָר, וועלכען די פריצטע האָט טאַקע געדונגען פאר 75 רובל א מאָנאַט.

די פריצטע האָט א לאַנגע צייט פאַרבראַכט אין שטעדטעל צוליב דעם קורירען זיך, און דער בחור'ל איז צוליב זיין אריינמישען

זיך וועגן דאָקטאָר, געוואָרען ביי איהר אַ גאַנצער „בן בית".

ער פלעגט פאַרלעזען פאַר איהר אידישע ראָמאַנען, ברעכענדיג די צונג אויף אַזא שטייגער, אַז ס'זאָל זיך הערען ווי דייטש, כאָטש קיין דייטש האָט ער קיינמאָל ניט געהערט.

די דייטשקע האָט מעגליך גאַנץ ווייניג פארשטאַנען זיינע ראָמאַנען און נאָך ווענינער אינטערעסירט זיך מיט זיי. זי האָט זיך אָבער ניט געפיהלט אַזוי איינזאַם, און דערצו איז דער בחור'ל אַליין געווען פאַר איהר אַן אינטערעסאַנטע פערזענליכקייט: „אַ אינגעל מיט אַזוי פיל דרייסטקייט! אַזוי פיעל מוט און שטאָלץ!"

און די דייטשקע, די פריינעזאָגנע פּראָטעסטאַנטקע, די פרוי פון דעם רוסישען מיליאָנערסקען דייטש, האָט איינגעזעהן, אַז פון דעם קליינשטעטעלדיגען אינגעל קאָן מען מאַכען אַ „לייט"! זי האָט באַדויערט: גוטע פעהיגקייטען זאָלען פארלאָרען געהן! און זי האָט איהם איינגעלאַדען צו גאַסט צו איהר אהיים, אין איהר שלאָס, אַ 20 וויאָרסט פון'ם שטעדטעל.

איהר כונה איז געווען צו מישב זיין זיך מיט'ן מאַן, וואָס פאַר'ן קינד קאָן געטאָן ווערען? פיליכט זאָל מען איהם אוועקשיקען נאָך דייטשלאַנד שטודירען אויף זייערע הוצאות?

דער בחור'ל איז מטושט געוואָרען פון אַזא כבוד. איהם האָט זיך זעהר געוואָלט „דורכוויגען זיך" אין אַזא טייערע קארעטע, געשפאַנט מיט דריי פערד, וועלכע זיינען אפשר ווערט — ווער ווייס — אַ מיליאָן...

איהם האָט אָבער זעהר געקלאַפּט דאָס האַרץ: ווי קריכט מען גאָר אריין אין אַזא קארעטע, ווען די פריצטע איז דאָרטען? ווי פאָהרט מען אַ זייט נעבען אַ זייט מיט אַזא גוואלדאָוונע מיליאָנערקע? און דאָרטען טאַקע, אין שלאָס גופא — ווי געהט מען גאָר אריין אין אַזא פּאַלאַץ, מיט פארקעטען, אָדער אפשר גאָר שפּיגעלנע בריקען? מאַרמערנע אָדער גילדערנע ווענט? קריסטאָלענע פענסטער... טייערע טעפּיכער, פערזישע קאַוויאָרען...

אָבער אָפּזאָגען זיך פון אַזא גדולה וואָלט געהייסען איגנאָרירען זיך אַליין! מאַכען זיך פאַר אַ גאָרניט!...

און ער האָט מיט געמאַכטען קוראַזש אָנגענומען די איינלאַדונג, האָט העפליך געדאַנקט און אריסטאָקראַטיש געקושט די פריצטע'ס האַנט.

פאַר׳ן פּאַטער האָט ער, פון דרך שלום ווענען, א ליגען געזאָגט, אז איהם מאַכט זיך אַן אומזיסטע פּוהרל צו דערפאָהרען צום פּע־טער צו גַעסט, אין דער דערבייאיגער שטעדטעל.

טאַטע־מאַמע זיינען באַלד מרוצה געוואָרען: „וואָרום זאָל מען שטערען א קינד האָבען אַביסעל נחת?” און דער אינגעל האָט זיך אריינגעכאַפּט אין דער קאַרעטע און — הוידא!”

ער האָט זיך אָבער באַלד דערפיהלט ניט „אַם פּלאַץ”. צופיל אָרט פאַרנעמט ער, האָט זיך איהם געדוכט, און דער אדונית׳טע וועט שוין פאַרדריסען אויף איהר פריינדשאַפט צו איהם... ער האָט זיך געדריקט אַלץ אין א ווינקעל, אום זיין קערפּער זאָל ניט אָנריהרען די פּריצטע. און פּלוצלונג האָט זיך די קאַרעטע א שטאַרקען שליידער געטאָן און דער פאַרזיכטיגער בחור׳ל איז מיט זיין גאַנצען קערפּער ארויפגעפאַלען אויף דער אומגעפאַלענער פּריצטע.

ער איז אויף א ווײַלע געבליבען ליגען ווי א צוגעשמידטער. אויפהויבען זיך?—וואָלט געהייסען אָנשפּאַרען זיך מיט די הענט... זיין האַרץ האָט געהאַמערט... איין אויגענבליק־צייט האָט זיך איהם אויסגעצויגען פאַר לאַנגע שטונדען...

„א הינקעדיגע עטיקעטע” — האָט ער געטראַכט — וואָס פאַר אַן עצה וואָלט זיך געגעבען אויף זיין אָרט דער גרעסטער ראָמאַנען שרייבער?”

איהם האָט זעהר געקרענקט, וואָרום האָט ניט פּאַסירט דיזעלבע זאַך פאַרקערט? ער וואָלט דאַך נאָך געהאַט א געלעגענהייט צו צייגען זיך פאַר אַן אריסטאָקראַטישען קאַוואַליער...

ענדליך האָט ער זיך א וואָרף געטאָן מיט׳ן גאַנצען קערפּער אַן א זייט, האָט באַפרייט די פּריצ׳טע ניט באַגעהענדיג קיין עולה...

ער האָט באַלד אונטערגעהאָלפען איהר אוועקזעצען זיך און האָט זיך ענטשולדיגט פאַר איהר, פאַר׳ן צופאַל, פּונקט ווי עס וואָלט געווען זיין שולד אין דעם.

די אויסגעהאַלטענע טאַקטיק האָט איהם צופרידען געשטעלט און ער איז מיט מוט און קוראַזש געפאָהרען ווייטער.

די פּריצטע איז געווען זעהר פריינדליך צו איהם און פלעגט יעדע ווײַלע ציהען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף איהרע רייכ־

טימער. אָנצייגענדיג איהם די גרויסע וועלדער, פעלדער, לאַנ־קעס, וועלכע באַלאַנגען צו איהר.

ביים פאַראַדנעם גאַניק פונ׳ם גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ האָבען זיי בעגעגענט: דעם פּריץ, א גרויסער, א דיקער, שטאַרקער דייטש; זייער טאָכטער, א 14־יאָהריגע בלאָנדינקע; א גאַנצע מחנה באַדינער — שעהנע, ציכטיגע מיידלעך אין ווייסע פאַר־טוכער, און דריי הינט גרויס אזוי ווי פערד...

דער בחור׳ל האָט זיך פאַרשעהמט און דערשראָקען און האָט זיך זעהר געערגערט אויף זיין „שוואַכקייט" און איידער ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך שוין געפונען אין עס־צימער ביי א לאַנגען טיש, וועלכער האָט זיך „געבראָכען" פון אַל־דאָס־גוטס.

ניט זעהענדיג ארום זיך קיין הינט, האָט ער זיך אביסעל באַ־רוהיגט און אבוואָהל די רייכקייט פונ׳ם צימער מיט די פיל־אַר־טיגע אָנגעזעהענע מאכלים אויפ׳ן טיש האָבען אויף איהם געמאַכט א מאָדנעם איינדרוק און ער האָט זיך אין דער געזעלשאַפט גע־פיהלט ווי א נאָוואָטנע הוהן צווישען אינדיקעס, האָט ער דאָך זעהר פיל געגעסען. מיט דער כונה צו מאַכען דעם איינדרוק פון א וועלטליכען מענשען, ניט קיין קליינשטעדטעלדיגען אינגעל!...

נאָכ׳ן עסען האָט די פּריצטע געהייסען דער טאָכטער צייגען דעם גאַסט די בלומען און פרוכט־גערטנער און זאָל זעהן, אז דער אורח זאָל ניט פאַרלאַנגווייליגען.

דאָס מיידעל האָט גערעדט רוסיש און דער בחור׳ל האָט זיך דערפילט ווי א פיש אין וואסער: האָט געהאַקט אין קאָפּ מיט פּושקין׳ען, געשאָטען אין די אויגען מיט לערמאָנטאָוו׳ען, קריי־לאָוו׳ען און באַפּוצט מיט טורגעניעוו און טאָלסטאָיען.

די יונגינקע דייטשקעלע האָט געהאַט איהר ביסעל בילדונג געקראָגען ביי זיך אין דער היים, דורך א דייטשע „גובערנאַנטקע", א לעהרערין, וועלכע האָט זיך פאַרלויפיג אפּגעגעבען מיט דייטש און פראַנצויזיש און האָט נאָך אויסער קינדערשע פאַבלען אין מויל ניט געהאַט. און זי איז דעריבער ענטציקט געוואָרען, און מיט דעם ערשטען שפּאַציר האָט שוין דער בחור געמאַכט אויף דער מיידעל אַן איינדרוק.

אויף מאָרגען האָט שוין די מיידעל ניט געוואָרט, די מוטער זאָל איהר הייסען אמוזירען דעם גאַסט...

גאַנצע טעג פלעגען זיי פאַרברענגען אין דעם בלומען גאָרטען און דער בחור'ל, פיהלענדיג זיך „אויפ'ן פערד", האָט זיך ער־לויבט צו קושען איהרע הענטעלעך אַזוי פיל, ביז זי האָט איהם אָפּגעפּרעספּט א הייסען קוש אויף זיינע ליפּען.

צווישען די קינדער האָט זיך פאַרקאַכט אַן ערנסטע ליבע.

די מיידעל האָט אָנגעהויבען בעטען איהר מוטער, אַז זייער גאַסט זאָל ווערען איהר לעהרער, ווייל ער איז זעהר א געביל־דעטער אין רוסיש און זי וויל גוט אויסשטודירען די לאַנד־שפּראַך.

די שטימע האָט ביי איהר געציטערט, אין די אויגען זיינען געשטאַנען טרעהרען.

די מוטער האָט אינסטינקטיוו דערפיהלט די יונגע הערצעל פון איהר בת־יחידה'קעלע און, אום איבערצייגען זיך, האָט זי ערקלערט דער טאָכטער, אַז דאָס קען ניט פּאַסירען, ווייל דער בחור איז א איד און איז ניט געבילדעט אין אַנדערע שפּראַכען און נאָך היינט וועט זי איהם צוריקשיקען אהיים.

דאָס קינד איז בלאַס געוואָרען און טרעהרען האָבען ארויס־געזעצט פון איהרע אויגען.

דעם זעלבען אָוועגט האָט די באַראָנעסע פאַרגעשלאָגען דעם בחור צו שמד'ען זיך.

דער בחור האָט זיך אין פלוג באַליידיגט מיט אזא פּאַשלאָג. עפּעס מאָדנע קאַלעמוטנע אויפ'ן הארצען איז איהם געוואָרען...

„ס'טייטש שמד'ען זיך? דאָס איז דאָך גאָר ניט ליי־טיש! ..."

נאָר די שעהנקייט פון דעם בלאָנדען מלאך'ל אליין און די קאַרעטע מיט די שוואַרץ־סאַמעטענע פערד, מיט די פילע טויבען, מיט די שעהנע בלומען אין סאָד, מיט די געשמאַקע מאכלים, מיט די טייערע וויינען — איז פאַר איהם געווען א נסיון איבער די כוחות!

ס'איז אויפ'ן אָרט געווען באַשלאָסען אז ער זאָל צוערשט שטודירען. דערווייל זאָל ער זיין א ברודער צו בעלא'ן און זאָל פאַרבלייבען ביי זיי ווי א קינד.

אויף מאָרגען, ביים שפּאַצירען, האָבען זיך „ברודער און שוועסטער" היים געקושט, פון דער פולער האנד! און ניט ער־קלערענדיג זיך אין ליבע, האָבעןביידע קינדער יעצט גוט גע־פיהלט, אז שיידען זיך איז פאר זיי אונמעגליך.

ער האָט זיך צוזעגענט מיט בעלאַ'ן אויף איין טאָג צייט, אָנצוקוקען א לעצטען מאָל זיינע עלטערען, אויף וואָס איהרע על־טערען זיינען אויך מרוצה געוואָרען, אויס רעספּעקט צום צערט־ליכען קינדער־געפיהל.

אין דער היים האָט מען שוין ערפאַהרען, אז ער איז ניט צום פעטער געפאָהרען, נאָר אין דעם מיליאָנערסקען שלאָס און אין גאנץ שטעדטעל האָבען אלע אָפען גערעדט, אז דער צולאָזענער אינגעל האָט זיך גע'שמד'ט.

טאַטע־מאַמע האָבען איהם שוין אפּגעוויינט און אָפּגעקלאָגט, און — פון לייטענס וועגען אויך פארשאָלטען — מיאוס געווען זיך: „פארפאלען!..."

ביים אריינקומען אין הויז איז די מוטער איהם אויפ'ן האלז ארויפגעפאלען און האָט זיך צוואַוויינט אויפ'ן קול:

— זוהן מיינער, טייערער! ווי קומסטו אהער א גע'שמד'־טער?... אלע זאָגען דאָך אין שטעדטעל, אז דו האָסט זיך גע־שמד'ט!...

— דאָס איז ניט אמת, מאַמע! — האָט דער בחור'ל געענט־פערט — איך האָב זיך ניט גע'שמד'ט און וועל זיך ניט שמד'ען! און ער האָט זיך טאַקע גלייך אָויפ'ן אָרט באַשלאָסען: „ווי באַלד אלע זאָגען „יע", איז דוקא „ניט"! און האָט אפּגעשניטען אלע זיינע פאַרבינדונגען מיט'ן מיליאָנערסקען שלאָס.

א בילד פון בילדער.

אייבראַם זילבערמאַן האָט זיך איינגעזעסען מיט זיינע אויגען אין זיין בילד, וועלכע איז געהאנגען אויפ'ן וואנט, נאָהענט פון זיין פרוי'ס בילד, אויף וועלכער ער האָט זיך יעצט געהיט אַ קוק צו טאָן, ער האָט געצויגען מיט די אקסלען, טראַכטענדיג: — „וואָס צייט און אומשטענדען קענען מאַכען". אין גאַנצען פינף יאָהר איז ער אין דער גאָלדענער לאַנד און איהם איז שוין שווער צו דערקאָנען זיך! ... איהם ווילט זיך גאר ניט גלויבען, אז ער איז אַמאָל געווען עהנליך צו זיין בילד.

און ווי לאנג צוריק איז דאָס געווען? ...

ער קוקט זיך איין אין בילד און זעהט דייטליך: אַ שעהנע געזיכט מיט שווארצע, ברענענדיגע אויגען אונטער אַ הויכען שעהנעם שטערען, וועלכער איז ביז האלב באַהאַלטען אין שאָטען פון געדיכטע שווארצע האר, מיט אַ שעהנעם שמאָלען נאָז, אַ קליינעם מויל, מיט דינע ליפען, אויף וועלכע עס איז געלעגען אַ ליבליכער שמייכעל.

זילבערמאַן האָט אַ טיפען זיפץ ארויסגעלאָזען, צוזאַמע מיט אַ שטאַרקען קרעכץ, פון אַ טיפען שטאָך אין הארצען און האָט זיך שנעל אָפגעקעהרט פון בילד, אַזוי, ווי ער וואָלט זאָגען: מען טאָר ניט וויסען די פארגאַנגענהייט אונטער אַזעלכע אומשטענדע, דאָס רייסט אויף נאָך מעהר די וואונדען אין הארצען און פארגרעסערט די שמערצען. ער האָט זיך געלאָזען שנעל לויפען פון איין ווינקעל צום צווייטען, הין און צוריק, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען אנטלויפען פון די זיסע בילדער פון דער פארגאַנגענהייט, וועלכע האָבען זיך געוועבט אין זיין פאַנטאַזיע און האָבען יעצט, ווי ביטערער סם המות געווירקט אויף די שמערצליכע וואונדען

פון זיין קראַנקע האַרץ. די פאַנטאַזיע האָט אָבער עקשנות'דיג געשאָטען מיט בילדער, פּונקט ווי אויף צו להכעיס...

ער זעהט זיך יעצט ווי ער איז געוועהן אין דער היים: א בחור פון בעל־הבית'ישע עלטערן, מיט א דיפּלאָם פון גימנאַזיום, מיט א שעהנע אידישע ערציהונג; אין שטעדטעל האָט מען איהם געהאַלטען פאַר א למדן, און ניט קוקענדיג, וואָס מאַנכע עלטערע אידען פלעגען זאָגען, אז דאָס איז „גוטער ווייץ אין א שלעכטער פאַס", איז ער געוועהן דער ליבלינג פון גאַנץ שטעדטעל! ער האָט זיך דאַן פאַרליבט אין ביילקע דעם רב'ס טאָכטער וועלכע האָט אויף זיין „ערקלעהרען" זיך געענטפערט, אז זי איז אין איהם שוין לאַנג פאַרליבט. א זיסער שמייכעל האָט יעצט דורכגעשוועבט אויף זיין בלאַסען געזיכט, זיין האַרץ האָט זיך פיבעריש א צאַפּעל געטאָן פון דער זיסער ערינערונג...

דער שמייכעל איז אין א מאָמענט פאַרשוואונדען: זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעשטויסען אויף זיין פרוי'ס בילד.

א שמערצליכער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין קראַנקע ברוסט: „מיין טייערע ביילקע! — האָט ער געטראַכט — אזא שעהנע ליבע קניד איז דאָס געוועהן... מיט וואָס פאַר א פלאַם פייער זי האָט זיך אין איהם פאַרליבט... זי האָט געקעמפּפט גע־גען איהרע עלטערן, וועלכע האָבען איהר געשטערט אין איהר גליק, צו פאַרבינדען איהר לעבען מיט איהר אידעאַל, מיט איהר געליבטען אברהמקען, געגען וועלכען די עלטערן האָבען נאָר געהאַט אויסצוזעצען, וואָס ער איז א גימנאַזיסט! ער זעהט יעצט איהר פאַרצווייפלונג, איהרע לײדען... די באַליידיגונג... די קלעפּ מיט די מאיוס'ע ווערטער פון איהר פאָטער און צו ענדע, ווי זי איז געקומען צולויפען צו איהם מיט א געשוואָלענע באַק און צור־פּודעלטע האָאר און בליפענדיג ווי א קינד איז זי געפאַלען צו זיין ברוסט און האָט פאַרשטיקט געשעפּטשעט: „רעטע מיך, איך לויף מיט דיר איבער אַלע ים'ען!" דאָס איז געוועהן דער אָנפאַנג פון זייער פלאַגעניש. נאָך אין יענעם טאָג האָבען זיי פאַרלאָזען זייער געבורטס־שטעדטעל, וואו זיי האָבען איבערגעלאָזען אזוי פיל רוהע, באַקוועמליכקייטען און זאַכען מיט וועלכע זיי זיינען געוועהן אזוי איינגעלעבט...

זיי האָבען געמוזט לויפען אין אמעריקא; ער האָט זיך דאַן

באַשלאָסען — אַרבייטען שווער און פאַרזאָרגען זיין געליבטע, וועלכע האָט געאָפּפערט צוליב איהם מיט אַלעס, וואָס איהר איז געוועזען ליב און טייער.

עס האָבען זיך אָבער ניט פאַרווירקליכט זיינע האָפנונגען... ביילקע האָט געמוזט אַרבייטען אום צו ערנערען זיך, ווייל זיינע פאַרדינסטען זיינען געוועזען צו־קליין... ער קוקט יעצט אויף איהר בילד מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ... יעדעס שילדערען פון שעהנקייט איז ווירקליך ניט גענוג פאַרצושטעלען ביילקע'ס געזיכט מיט איהר גראַציע... און יעצט? אָה יעצט! ניט לאַנג וועט זיין דער „יעצט"! זי פאַכט נעבעך מיט דער נשמה אין דער לעצטער שטופע פון שווינדזיכט... וועמעס שולד איז דאָס, אויב ניט זיינע?

ער האָט זיך באַדאַרפט גוט איבערדענקען, צו עס פאַסט פאַר זיי אַמעריקאַ? זי איז נאָך געוועזען אַ קינד אָהן ערפאַהרונג, אָבער ער? אָ, ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלעס...

זילבערמאַן האָט געציטערט מיט זיין גאַנצען קערפּער. „און וואָס איז מיט מיר?" האָט ער זיך געזוכט צו פאַרענטפערען. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעל און האָט זיך שנעל אָפּגעקעהרט, אַי־בערטראַגענדיג זיינע בליקען אויף זיין בילד. יאָ, דער שעהנער נאָז איז צופלאַסקעט געוואָרען מיט דעם „קלאַב" פון אַ פּאָליסמאַן, אין צייט פון אַ סטרייק — האָט ער געטראַכט. עס איז שוין צוויי יאָהר אַריבערגעלאָפען, אָבער ביי איהם איז דאָס בילד זעהר ניי, אָט ווי ערשט איז דאָס געוועזען: ער האָט „געפּיקעט" זיין שאַפּ אין בראָדוויי, דאָס איז געוועזען אַ שטילער קלאָאַקס סטרייק, וועל־כען מען האָט גערעכענט צו געווינען אין עטליכע טעג און מ'האָט איהם טאַקע באַלד געוואונען, אָבער ניט פאַר איהם איז געוועזען דער סטרייק געוואונען: ער איז דעם גאַנצען סיזאָן אָפּגעלעגען אין האָספּיטאַל און איז געבליבען אַ קראַנקער אויף זיין גאַנצען לעבען, וועלכער וועט פיליכט זיין ניט צו לאַנג...

דער שטורך אין האַרצען פון דעם שטאַרקען באַם האָט גע־ריהרט פון אָרט זיין האַרץ און שפּעטער האָט איהם דער פּאָליס־מאַן מיט איין קלאַפּ געמאַכט אַ צופלאַסקעטען נאָז אויף זיין גאַנצען לעבען. ער געדענקט נאָר, ווי אַ שטראָם פייער האָט אַרויס־געפלאַמט פון זייע אויגען, אַזאַ סאָרט פייער, וואָס מאַכט דונקעל און פינסטער... ער האָט דערפילט היים אין קאָפּ און וואָרעם אין

גאַנצען קערפּער. ער האָט געזעהן, ווי אַלע געביידעס האָבען שנעל־שנעל געדרייט זיך אין אַ „קאַראָהאָד" און די פינף־שטאָקיגע גע־ביידע, לעבען וועלכער ער איז געשטאַנען, איז געפאַלען אויף איהם... ער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגען... אין קאָפּ האָט גע־קלונגען, געהוישט עפּעס אַזוי פּוסט, אין הארצען האָט זיך גע־פיהלט אַ מין קאַלטקייט... ער האָט איינגעשלאָפען... ער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שוידער אין גאַנצען לייב... נאַס, קאַלט, מיט קלאַפּענדע צייהן... איהם איז שווער געווען צו עפענען די אויגען: אויף זיין געזיכט איז געלעגען עפּעס אַ וואייכע מאַסע פרעמדע פלייש, אונטער וועלכע ער האָט געפיהלט שטאַרקע שמערצען. מיט אַנשטרענגונג האָט ער אויפגעעפענט זיינע אוי־גען: ער ליגט אין בעט אין האָספּיטאַל און לעבען איהם שטעהט אַ דאָקטאָר; ער האָט געפיהלט, אַז זיין האַלז איז אָנגעפּילט מיט אַ געזאַלצענע מאַסע, וועלכע האָט איהם געשטערט צו אָטעמען.

איך וויל ניט אַזעלכע עראינערונגען! האָט זילבערמאַן הויך אויסגעשריען, וועלענדיג פערטרייבען די געדאַנקען, פון וועלכע ער האָט געפיהלט צום חלש'ן.. — איך וועל שוין בעסער קוקען אויף מיין פרוי'ס בילד — האָט ער זיך באַשלאָסען —אויב שוין ליידען זאָל איך בעסער ליידען אַ פאַרדינטע שטראָף!

ער פלעגט אויסמיידען, די לעצטע צייטען, קוקען אויף זיין פרוי'ס בילד. ער האָט געזעהן, ווי דאָס בילד קוקט איצט אויף איהם מיט פאָרווירפע, מיט דאַס; ער האָט געהערט, ווי דאָס בילד רעדט צו איהם מיט אַ געוויין: גזלן, רוצח, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? נאָך וואָס האָסטו מיך פאַרשלעפּט אין דער פינסטערער אַמעריקאַ, וואו איך האָב געמוזט אַזוי פינסטער־שווער אַרבייטען אין די פאַרשטיקטע פאַבריקען, ביז... ביז ענדליך... דו זעהסט שוין אַליין דעם רעזולטאַט? זילבערמאַנ'ען האָבען געשניטען דאָס האַרץ דיזע שטומע ווערטער!... ער האָט זיך אָבער דיזען מאָל באַ־שלאָסען קוקען אויף דעם בילד, קוקען און ליידען די שטראָף, וועל־כע ער האָט אַזוי כשר פאַרדינט... ער האָט זיך אויפמערקזאַם מיט זיין גאַנצער נשמה צוגעהערט צו די שטומע ווערטער פון דעם בילד: איהם האָט זיך געוואָלט הערען וואָס מעהר פאָרווירפע... אָה, דאָס וואָלט פיל פאַרלייכטערט זיין שמערצליכע געוויסענביסע, ווען ער וואָלט דאָס געהערט ניט פון שטומע ווערטער!... זיין

ביילקע איז אָבער צו גוט געווען פאַר אַזאַ זאַך, און האָט איהם צו שטאַרק געליבט צו מאַכען איהם פאָרוואורפע!...

מיט דריי טעג צוריק, אַז מ'האָט איהר צוגענומען אין האָספי־טאַל, האָט זי מיט איהר שוואַכע שטימע, מיט טרערען אין די אויגען, איהם געזאָגט: מיין ליבער אַבראַמקע! גיב מיר דיין וואָרט אַז דו וועסט ניט בענקען נאָך מיר! ווי דאָס וועט זיך אויסלאָזען... עס וועט זיך אָבער דאָך אויסלאָזען... איך פיהל דאָס זעהר גוט... מיר ווילט זיך גלויבען, אַז מיר וועלען זיך באַ־געגענען אין דער „ריכטיגער וועלט"!... זיי ניט ברוגז אויף מיר אויב דו דיינקסט אַז מיינע האָפנונגען זיינען נאַרישע. מיר ווילט זיך „יעצט" האָפען אַזוי...

זילבערמאַן קוקט נאָך אַלץ אויף דעם בילד פון זיין פרוי. איהם האָט זיך געוואָלט נאָך פאָרווירפע „הערען" פון דעם טויטען בילד, דאָס בילד אָבער האָט מעהר ניט גערעדט; די גרויסע שעהנע בלאָהע אויגען האָבען יעצט געקוקט אָהן אַ ציל, אָהן אויסדרוק... „וויים גאָט, אויב עס לעבט נאָך ביילקע"? האָט זיך אַ צאַפּעל גע־טאָן זיין קראַנקע האַרץ.

„סאמאגאנקע"

בערע דער שדכן האט זיך אריינגעכאפט אין א גרויסען פאר־ברעכען און אום אויסצומיידען א שווערע שטראף, איז ער נעלם געווארען אין מיטען דער נאכט.

בערע גאלוב איז געווען אן אלמן שוין פון עטליכע יאהר און ראזע, זיין ציטעריגע בת יחידה'קע, וועלכע איז איהם איבערגע־בליבען פון 7 קינדער, איז געווען זיין איינציגער טרייסט און איינ־ציגע פרייד; מיט איהר האט ער געטיילט זיינע פריידען און ליידען, און ס'האט אן ערשטען מאל פאסירט אז ער זאל האבען עפעס אין געהיים פון איהר; און דערפאר טאקע איז ראזע געווען זעהר פארצווייפעלט פון דיזען פאל.

מיט א קורצער צייט איידער ער איז נעלם געווארען האט ער, ניט ווילענדיג פארשאפען איהר עגמת נפש, אויסזאגענדיג דעם גאנצען אמת, זייטיג געגעבען איהר אן אנצוהערעניש, אז אפשר וועט ער האבען אויף זיך א קלאגע פאר דעם שטילען פאבריצירען דעם ביטערען טראפען.

גאלוב איז געווען א גרויסער קינצלער צו מאכען אן עמעריל 90־ער גראדאווע ספיריט, ביי זיך אין הויז. ער פלעגט דאס קא־כען אין א גרויסען „סאמאוואר" וועלכער איז געווען ספעציעל גע־מאכט פאר אזא צוועק. איהם איז דאס פיל גרינגער געווען, ווי אויסצופיהרען א שידוך און ס'האט איהם טאקע אריינגעבראכט מעהר הכנסה אויך.

נור ווי זאגט מען דאס: סוף גנב לתליה... „גוטע אידען" האבען ניט געקאנט פארליידען די עולה. און אפשר גאר מקנה געווען די גרינגע פרנסה, און מ'האט איהם אונטערגע'מסור'ט, אזוי כדבעי, מיט פאקטען, מיט באווייזע, מיט אלע אותות ומופתים...

ס'האט געהאלטען אזוי „שמאל" אז ער האט געמוזט אנטלוי־פען אין מיטען דער נאכט.

מעגליך, אַז ער איז בכיון געלאָפען בשתיקה פון זיין טאָכטער, כדי איהר נשמה זאָל זיין ריין און זי זאָל קאָנען שווערען, אַז זי ווייסט ניט וואו ער איז.

ביים ערשטען פאַרהער אין געריכט האָט ראָזעווירקליך גע־שווארען, אַז זי ווייסט ניט פון וואָס צו גאָזען. ביים צווייטען פאַרהער האָט מען איהר געפרעגט, אויב זי האָט געוואוסט פון פאָטער׳ס ברוויז׳ל? געוועהנליך האָט זי פאַרבויגען מיט׳ן אמת און האָט געזאָגט, אַז זי האָט ניט געוואוסט, ווייל פאַר וויסען און „שווייגען" אַזאַ זאַך וואָלט זי דארפען אָפזיצען ביי אַ יאָהר אין טורמע.

איהר אונשולד האָט, נאַטירליך, באַדאַרפט באַשטעטיגט ווער־רען מיט עדות. האָט זיך דער משפט אָפגעלייגט, ביז מען וועט זיי ארויסרופען; האָט זי אויסגענוצט די געלעגענהייט און אָהן אַ לאַנגען ישוב הדעת געכאַפּט לייב און לעבען און אַנטלאָפען קיין אַמעריקאַ.

שפּעטער אפשר האָט דער פאָטער געשריבען איהר וואו ער געפינט זיך, ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. און פאָטער און טאָכטער האָבען געגצליך פאַרלאָרען איינס ס׳אַנדערע אָהן אירגענד וועלכע האָפנונגען זיך אַמאָל צו זעהן!

די ערשטע צייטען איז ראָזע געווען זעהר פאַרצווייפעלט און האָט פיל טרערען פאַרגאָסען אויף איהר פאַרלוסט. נאָר שפּעטער, אין דעם נייען לעבען פון דער „האָריאָפּ"־וועלטעלע, אונטער דעם שווערען דרוק פונ׳ם קאַמפּף פאַר׳ן עקזיסטענץ האָט זי זיך ביס־לעכווייז באַרוהיגט און כמעט אינגאַנצען פאַרגעסען אָן איהר פאָ־טער, אויב ס׳איז מעגליך אַזוי צו דיינקען.

ראָזע גאָלוב איז געווען וואונדער־שעהן: אַ מיטעלוואוקסיגע ברונעטין מיט זעהר אַ שעהנעם, ווי פון מראַמאָר אויסגעטאָקטען קערפּער; מיט אַ פּאָאַר פולע שוואַרצע, מאַגנעטישע אויגען; אַ קליינעם מויל, מיט עטוואָס אויפגעבלאָזענע ליפען און געפּערעלטע שעהנע צייהן; מיט אַ גלייכען שמאָלען נעזעל, וועלכער האָט זעהר געפּאַסט צו איהר אָוואַלנעם, בלאַסען געזיכט.

נאָך אַ היבשען אָנפּלאָגען זיך איז פאַר ראָזע׳ן אַמעריקאַ גע־וואָרען אַ גאָלדענע מדינה. זי האָט זיך אויסגעלערענט ארבייטען ביי ווייסטען און האָט שוין געמאַכט אַ לעבען.

דער פּאַרמאַן אין שאַפּ, אַן עלטערער בחור, האָט גלייך אויף איהר אַן אויג געוואָרפען. ער האָט אָבער ניט געוואגט די ערשטע צייט צו זוכען שליסען מיט איהר פריינדשאַפט, ווייל ער האָט גע־פיהלט עפּעס אַ דרך ערץ... „אַ צו איידעלע זאַך" און צו דעם איז ער געווען אַ קאַלעקע אין אידיש... האָט ער זיך „אָנגעגורטען" מיט געדולד און געהאַפּט אויף שפּעטער...

ער דאַרף צוערשט פאַרדינען איהר אויפמערקזאַמקייט, דאַנק־באַרקייט, און שפּעטער, דערלעבענדיג זעהן אַ פריינדליכע מינע, וועט ער שוין במילא ווערען דרייסטער, קריגען מעהר קוראַזש און דאַן וועט ער שוין זעהען, אַז זי זאָל וויסען, וואָס פאַר אַ שטורם זי האָט אָנגעמאַכט אין זיין הארצען! און איז זיכער געווען, אַז ער וועט זיין דער איינענטימער פון אַזאַ זעלטענע שעהנהייט.

ער האָט איהר געגעבען דעם בעסטען אָרט צו אַרבייטען, נעבען אַ פענסטער, ווייט פון די פּרעסערס, זי זאָל ניט הערען זייערע „תורהה ווערטער" און פלעגט איהר געבען די בעסטע, גוט באַצאָהלענדע אַרבייט און גאַנץ אָפט פלעגט ער איהר צייגען, ווי „אַריינצוקריכען" אין אַ שווערע שטיקעל אַרבייט.

באַלד האָבען זיך געגעבען אַ הויב אויף אַלע אַרבייטער מיט איין מאָל, זיינען אַריין אין אָפּיס צום באָס און האָבען פאַרלאַנגט, אַז מ'זאָל די גרינע „באַרישניע" אַרויסוואַרפען פון שאַפּ, אָדער מען זאָל אַרונטערוואַרפען דעם פּאַרמאַן, וועלכער האַנדעלט געגען דעם פּרינציפּ פון דער יוניאָן און אויב ניט געהען זיי אַלע אַרויס אין אַ סטרייק!

דער באָס, זעהענדיג די ערנסטקייט פון די אַרבייטער, האָט זיי גלייך פאַרשפּראָכען צו טאָן זייער פאַרלאַנג און זיי זיינען זיגרייך געגאַנגען צוריק צו דער אַרבייט.

מיסטער קאָהען, דער באָס פון שאַפּ, האָט באַלד אויפגעפאָ־דערט דעם פּאַרמאַן ער זאָל איהם אַריינשיקען אין אָפּיס די גרינע מיידעל.

דער פּאַרמאַן איז געווען זעהר פאַרצווייפעלט פון דער אונ־ערוואַרטעטער קאַטאַסטראָפע... ער האָט שוין בעשיינפּערליך גע־זעהען, אַז אַט, אַט געהען אַלע זיינע האָפענונגען צו גרונדע... האָט ער געפּרואווט ערקלעהרען דעם באָס, אַז ער און די נייע מיידעל האָבען קיין עוולות געגען די אַרבייטער ניט באַגאַנגען. אַז דאָס

איז נאָר אַ נאַרישע אײַפערזוכט, ווייל די מיידעל איז אַ טייערע אַרבייטערין — אַ קינצלערין...

— וואָס איז דאָ אַזוי פיל צו רעדען? — האָט דער באָס שטרייננג געזאָגט — איך וועל ניט דערלאָזען צו קיינע סטרייקס צוליב אַ גרינע חיה, ווען זי זאָל אפילו האָבען גילדערנע הענד!

— מיס גאָלוב, איהר זאָלט אַזוי גוט זיין אַריינגעהן אין אָפיס — דער באָס וויל אייך זעהען! האָט דער פאָרמאַן מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ, מיט טרעהרען אין די אויגען געזאָגט צו ראָזען.

דער באָס גאָר, וואָס עפּעס אַזוי? האָט זיך ראָזע געוואונ־דערט, קיין זאַך ניט וויסענדיג, וואָס אַרום איהר קומט פאָר — זאָל זיין אַזוי, מען דאַרף אַמאָל קאָנען דעם באָס אויך... אין האַרצען איז זי געווען אונרוהיג, וואָס אין מיטען דער וואָך...

— איהר זענט דאָס מיס גאָלוב? האָט זי דער באָס זעהר פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. דעם ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער דערזעהן אַזאַ שעהנע מיידעל און האָט זיך פון התפּעלות אַזוי פאַרלאָרען, אַז ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ווייטער צו רעדען מיט איהר.

— ענטשולדיגט מיר!... האָט ער געשטאַמעלט — איך האָב אייך געוואָלט עפּעס פרעגען... ווי לאַנג אַרבייט איהר דאָ?

דריי טאָג! האָט ראָזע פאַרשעהמט געענטפערט, פיהלענדיג זיך אונטער אַ מאָדנעם דרוק...

קאָהען איז נאָך געווען אַ יונגער און אַ נייער באָס; דאָס ערשטע מאָנאַט, ווי ער האָט איבערגענומען די באַלעבאַטישקייט, וועלכע זיין פאָטער האָט איהם איבערגעלאָזען פאַר זיין טויט.

זיין פאָטער איז שוין געשטאָרבען איבער אַ יאָהר צייט, דעם געשעפט אָבער האָט געפיהרט אַ פאַרוואַלטער, ווייל דער יונגער קאָהען האָט באַדאַרפט ענדיגען זיין שטודירען אַלס דאָקטאָר, און אויך יעצט פיהלט ער זיך אַלס „דערוויילינגער" באָס ווייל ער דענקט אויפגעבען זיין געשעפט און עפענען אַן אָפיס.

קאָהען איז אינגאַנצען אַלט געווען 25 יאָהר און האָט נאָך גאָר ניט געדענקט וועגען הייראַטען, נאָר די גרינע מיידעל האָט איהם פון ערשטען בליק אַזוי ווי משוגע געמאַכט... ער שעהמט זיך פאַר זיך אַליין — אַזאַ קינדערשער איינפאַל! און האָט דאָך מורא אַרויסלאָזען די מיידעל פון אָפיס, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשראָקען,

אז אָט כאַפּט מען איהר אונטער! און ער וועט זי שוין ניט זעהען! ער פיהלט, אז דאָס איז אונמעגליך פאַר איהם, אז ער וועט משוגע ווערען בענקענדיג!... ער מוז זיך מיט איהר גוט באַקענען, רעדען פיל, פיליכט וועט ער געפינען אין איהר אַזעלכע פעהלערען, וואָס זאָלען אָפּקיהלען אין איהם דעם פּלוצלונג אויפגעפלאַמטען פייער; און איהם איז איינגעפאַלען א גליקליכער געדאַנק.

— מיט גאָלוב, איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען! — האָט ער אָנגעפאַנגען זעהר פריינדליך — איהר קענט דאָ מעהר ניט ארביי־טען. איהר זאָלט זיך אָבער גאָר ניט זאָרגען, איך וועל אייך צו־שיקען צו מיין מוטער און זי וועט שוין אייך פארזאָרגען מיט א גוטען פּלאַץ, וואו איהר זאָלט קאָנען פאַרדינען מעהר געלד און ניט געפינען זיך צווישען גראָבע יונגען, וועלכע פארגינען ניט דעם לעבען אן איידעלען מענשען.

ראָזע האָט אינסטינקטיוו געגלויבט, אז זי הערט אמת'ע ווערטער פונ'ם ריינעם הארצען און האָט ליבליך, מיט דאַנקבאַר־קייט, געקוקט דעם באָס אין די אויגען אריין.

— זענט איהר צופרידען צו זעהען זיך מיט מיין מוטער? זי איז זעהר א גוטע!...

— איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר! האָט ראָזע שטיל גע־זאָגט, מיט טרעהרען אין די אויגען — איך האָף, אז איהר זענט א גוטער מענש...

איהרע לעצטע ווערטער האָבען דעם דאָקטאָר זעהר געריהרט און ער האָט געשריבען צו זיין מוטער, אז זי זאָל זעהען איינרע־דען די מיידעל פאַרברייננגען ביי זיי א פּאָאר טעג, ביז זי, די מו־טער, וועט אויסזוכען פאַר איהר עפּעס באַשעפטיגונג, וועלכע ער האָט איהר פאַרשפּראָכען און האָט געגעבען אָנצוהערעניש דער מוטער, אז ער איז מיט דער מיידעל זעהר פאַראינטערעסירט. ער האָט איהר נעבעטען באַהאַנדלען די מיידעל זעהר צערטליך און אין דער זעלבער צייט דערגעהן וואָס פאַר א סאָרט מענש זי איז און וועגען איהר אָפּשטאַמונג.

ער האָט ראָזען געגעבען דעם בריף אין א פאַרמאַכטען קאָנ־ווערט און פאַרשפּראָכען איהר צו באַצאָהלען דאָפּעלט וויפיל איהר קומט ווען ער וועט קומען אהיים, און האָט איהר אָנגעזאָגט, אז זי זאָל אין שאַפּ פאַר קיינעם ניט דערצעהלען וואוהין זי געהט און

האָט פון זיכערהייט וועגען, באַגלייט איהר ביז הינטער'ן טיהר.

די אַלטע מרס. קאָהען, דורכלעזענדיג דעם זוהן'ס בריף, האָט זעהר פריינדליך אויפגענומען ראָזען און האָט איהר פאַרשפּראָכען צו טאָן אַלעס מעגליכעס און האָט דערביי גע'פּועל'ט ביי איהר צו פאַרברייגגען ביי זיי אַ פּאָאר טעג, ביז זי וועט אויסגעפינען פאַר איהר עפּעס אַ גרינגע, אַנשטענדיגע באַשעפטיגונג.

ראָזע האָט זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערען פון די גוטהער־ציגקייט פון די אַמעריקאַנער, וועגען וועלכע זי האָט ביז יעצט גע־האַט גאָר אַן אַנדער מיינונג.

ניט אַלע פרויען זיינען בעלי סודות און האַלטען פון קיין רייד ניט און ביז דער דאָקטאָר איז פון שאַפּ געקומען, האָט שוין די מיסעס קאָהען געוואוסט ראָזע'ס ביאָגראַפיע און די מיידעל איז איינגעבאַקען געוואָרען ביי איהר אין הארצען ווי אַן אייגען קינד.

. .

די מיסעס קאָהען איז אַליין געווען אַ געשטראָפטע פרוי; „אַלטער", דער יעצטיגער דאָקטאָר, איז ביי איהר איבערגעבליבען „איין אויג אין קאָפּ" פון איהרע פילע קינדער פונקט אזוי ווי ראָזע גאָלוב ביי איהר פאָטער. ראָזע'ס ביאָגראַפיע האָט אויפגעעפענט די צעוואונדעטע הארץ פון דער אונגליקליכער פרוי און זי האָט זיך גוט אויסגעוויינט, הערענדיג ראָזעס ערצעהלונג.

ראָזע, מיינענדיג אַז די גוטע פרוי פאַרגיסט טרעהרען אויף איהר עלענדקייט האָט זיך אויך צוואויינט, איז צוגעפאַלען איהר צום הארצען, ראָט זיך צו איהר געטוליעט און געכליפּעט, ווי אַ קינד: „מאַמע! מאַמע!"

די אונגליקליכע מוטער איז געווען אַזוי געריהרט פון די לעצטע ווערטער, אַז זי האָט באַשאָטען ראָזען מיט הייסע, מוטער־ליכע קושען.

— קינד מיינס! האָט די אַלטע געוויינט — איך וועל דיך ניט לאָזען פון זיך!...

דו מוזט זיין מיט מיר! גאָט האָט דיך צו מיר געשיקט פאַר אַ טרויסט, צו היילען מיינע וואונדען...

דער דאָקטאָר, אהיים קומענדיג, האָט דערזעהן אַ בילד, וועל־כֶע האָט ארויסגערוּפען טרעהרען אויף זיינֶע אויגען: זיין מוטֶער

איז געזעסען מיט ראָזען אויף אַ קושעטקע געאָרעמט, האָבען זיך געקושט און ערנסט געוויינט.

— זוהן מיינער! האָט די אַלטע געזאָגט מיט טרעהרען — דאָס האָט גאָט צוגעשיקט מיר אַ קינד! אַ ליבעם קינד! איך ליב עס אַזוי גוט, ווי דיך, מיין קינד. דריקט איינאַנדערע די הענט — אידר זענט ביידע מיינע קינדער!...

דער דאָקטאָר האָט געדריקט ראָזע׳ס האַנט און די מוטער היים געקושט, אַזוי היים, ווי נאָך קיינמאָל אין זיין לעבען ניט!

מיט אַ קורצע צייט שפּעטער האָט דער דאָקטאָר געפייערט זיין חתונה מיט ראָזע גאָלוב, און איז געוועזן אַזוי שטאָלץ מיט זיין „גרינע״ כלה אַז ער האָט איינגעלאַדען אַלע זיינע פריינד און האָט צו ענדע אויפגעפאָדערט אַלעמען, אַז אויף דער חתונה זאָלען זיך אַלע באַנוצען אויסשליסליך מיט דער אידישער שפּראַך!

צוויי שולדיגע נשמות.

פיליפ קאָהען׳ס גרעסטער וואונש איז געווען צו הייראַטען א מיידעל, וואָס האָט ניט געפיהרט קיין ליבעס מיט קיינעם און איבערהויפט ניט געלעזען קיין ליבע־בריוועלאך.

פון א מיידעל א „קאָרעספּאָנדענטקע" קאָן ניט זיין קיין „רעכטע" פרוי — איז געווען קאָהען׳ס מיינונג — ווייל א געשריבענע זאך בלייבט ביים לעזער איינגעקריצט אין הארצען אויף זיין גאַנצען לעבען.

נאָך מעהר ווען דער שרייבען פון אזעלכע בריוועלאך איז א ריכטיגער נשמה קיצלער, בלייבט די מיידעל׳ס הארץ א צובראָכענער שאַרבען!...

פיליפ האָט שוין עטליכע גאָלדענע שידוכים פון האנט ארויסגעלאָזען איבער דעם פעהלער.

מיט מיימי׳ן האָט זיך פיליפ בעקאַנט אויף א באָל. און ווי נאָר זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט איינער פאַר דעם צווייטען האָט קאָהען אָנגעפאַנגען זיין געשפּרעך:

— וואָס עפּעס גאָר אליין, מיס לעווין?

— איך בין א „געשטראָפטע"! — האָט מיימי געלאַכט — איך האָב קיין באָי ניט...

— גאָר אזוי? — האָט ער פאַרוואונדערט, מיט א צופריעדענער מינע איהר טיף אין די אויגען אריינגעקוקט — אָבער בריוועלעך פון א שעהנעם בחור האָט איהר דאָך מסתמא?

— ווי אזוי, פון וואַנען? האָט זי איהם געענטפערט מיט א פראַגע.

מיימי האָט שוין געהערט פון אידרע חבר׳טעס וועגען פיליפ׳ס אידעע און האָט פון אלסדינג־וועגען פאַרלייקענט דעם אמת...

פיליפ האָט זיך גוט צוגעקוקט צו מיימין און אָבוואָהל ער

איז ניט געווען ענטציקט פון איהר, האָט ער זיך באַשלאָסען ניט דורכלאָזען אַ געלעגענהייט, וועלכע ער זוכט מיט ליכט...

דעם גאַנצען אָבענד איז ער ניט אָפּגעטראָטען פון איהר און האָט זייטיג דורכגעטאַפּט גוט דעם דופק... און איבערצייגענדיג זיך, אַז זי איז נאָך אַ ריינע, אונבעפלעקטע נשמה, האָט ער זיך פעסט באַשלאָסען הייראַטען מיט איהר.

נאָך דעם זעלבען אָבענד, אָפּפיהרענדיג איהר אַהיים, האָט ער ארויסגעזאָגט זיין ענטשלאָסענעם וואונש...

מיימי האָט זיך ניט פאַרליבט אין פיליפּ'ן, זי האָט זיך אָבער פאַראינטערעסירט מיט איהם, אויך צוליב אַ „וויכטיגע" אידעע: צו האָבען אַ מאַן אַן אייפּערזיכטיגען, וועלכער זאָל זיך טרייסלען, ציטערען און „היטען" איהר נשמה...

זעהענדיג, אַז פיליפּ'ס הארץ איז שוין באַזיגט, האָט זי איהם אריינגעשטעלט אַ קאַפּריזנעם „חנ'דעל" אַז זי קאָן ניט ליבען אַ מאַן אַ רויכערער, ווייל אַ גרויסען טייל פון זיין פרייע צייט פאַרברויכט ער אויף שלינגען רויך... און האָט דערפון אַזוי פיל פאַרגעניגען, אַז ער זוכט גאָר ניט צו אַמוזירען זיך מיט זיין פרוי.

פיליפּ'ן איז זעהר געפעלען דער שכל מיט די אויסרעכענונג פון מיימין און ער האָט באַשלאָסען צו פאַרלייקענען פון איהר זיין שטאַרקע געוואָהנהייט צום רויכערען און האָט אין הארצען געטראַכט אָפּגעוואָהנען זיך פון די נאַרישקייט צוליב מיימין, וועלכע איז איהם יעצט מעהר געפעלען געוואָרען צוליעב איהר אָפּענהערציגקייט.

נאָך דער חתונה האָבען ביידע געטראָגען אַ שווערע לאַסט אין זייערע הערצער.

פיליפּ, ביי זיין גאַנצען אויפריכטיגען ווילען, האָט זיך ניט געקענט אָפּגעוואָהנען פון דעם רויכערען!

אין דער אַנוועזענהייט פון זיין פרוי האָט ער קיינמאָל ניט גערויכערט. אָבער ווי נאָר ער איז געבליבען אַליין האָט ער געשלונגען אין זיך גאַנצע וואָלקענס.

אַ יום טוב'דיגען טאָג, און די גאַנצע פרייע צייט וועלכע ער האָט געמוזט פאַרברייננגען אין דער היים, האָט זיך איהם געצויגען אַזוי ווי פון פעך... ס'איז איהם ניט איינגעגאַנגען דאָס לעבען אָהן דעם רויכערען.

ער האָט זיך אָפּט געפיהלט אזוי נערוועז, אז ער פלעגט בייז ווערען אויף דער פרוי, וואָס צוליב איהרע א נארישע פאנטאזיע דארף ער זיך שטערען זיין בעסטען פארגעניגען...

א סיגארעט'ל נאָכ'ן עסען, אָדער מיט א ציגאר אין מויל פלאפלען עפעס מיט דער פרוי, וואָלט געווען ביי איהם דער גרעס־טער פארגעניגען. ער פיהלט, אז ער וואָלט גאָר מעהר געליבט זיין פרוי און פיליפ וואָלט זיך יעצט גליקליך געשעצט, אז זיין פרוי זאָל בעסער געהאט געוואוסט פון ליבע־בריוועלעך און ער זאָל קאָנען אָפען בפרהסיא רויכערען...

מיימי ווידער פון איהר זייט ליידעט אויך און ווערט געפלאָגט פון געוויסענביסע. צו וואָס דארף זי זיין פאלש צו איהר מאן, וועלכען זי ליבט מיט'ן גאנצען הארצען?

אוןביידע ליידען...

צוויי שולדיגע נשמות... ..

קאָמישעס.

אוים שותפות!

קומענדיג קיין אמעריקא, א היימישער קלויזניק מיט א גאונ־שער קאפ אויף זיך, האט חיים רובין באלד אויסגעפונען די צוויי בעסטע פונקטען פון דעם גאר פרייען געדאנק: „פרייע ליבע און גלייכבארעכטיגונג צו די רייכטימער פון דער וועלט.“ און, לויט ווי אויף זיין שכל האט זיך געלעגט, וועט עס ניט לאנג נעמען ער זאל ווערען א גלייכער שותף מיט די ראטשילד׳ס, מיט דעם היגען ראקאפעלער, מיט אלע איבעריגע מיליאנערען און טאקע מיט זיין „באס“ גופא, מיט׳ן קלאוקס מאנופעקטשורער, ביי וועמען ער ארבייט אלס פרעסער.

דערווייל, ביז ווען־וואס, האט חיים געזוכט צו ווערען א שותף מיט׳ן „באס“ צו דער ווייב; פערפירען א ליבע, הייסט עס, מיט זיין קוזינע, מיט וועלכער ער איז געווען גוט בעפריינדעט נאך אין דער היים. און עס איז איהם טאקע ניט שווער אנגעקומען צו ווערען ביי איהר א גאנצער בן בית בשתיקה פון איהר מאן.

דער מאנופעקטשורער איז געווען א גרויסער הארעפאסניק און פלעגט אוועקגעהן אין שאפ פון 6 ביז 7 דעם זייגער אין דער פריה, וועהרענד חיים פלעגט דארפען אריינקומען צו דער ארבייט 8 אוהר, פלעגט ער די „זיבערע“ שטונדע פארברייגנען זיך גאנץ געמיטהליך מיט זיין קוזינע און פאבררייטען איהר צו א ריין „קאמוניסטישען“ לעבען, ווי די נייע „תורה“ האט געבאטען.

דער מאנופעקטשורער איז אבער געווען א גרויסער גנב, האט באלד דערשמעקט פון חיים׳ס וויזיטען מיט זייער בעדייטונג, און איז געפאלען אויף א גוטען פלאן, ווי צו דערשטיקען די אנארכיס־טישע באוועגונג אין זיין הויז, נאך איידער זי פאנגט זיך אן צו פארשפרייטען.

ווען זיי זיינען זיך געזעסען אמאָל ביי'ם טיש און געשמועסט פון פאַרגאַנגענע צייטען, פון זייער אַמאָליגער פריינדשאַפט, און אויפ'ן טיש איז געווען פון כל טוב, איז אָבער קיין זאַך אין מויל ניט געקראָכען... זייערע אויגען האָבען זיך אָפט געביטען מיט פייער־שפּריצענדע בליקען! אויפ'ן האַרצען איז זיי געווען אַזוי אַנגענעהם! און זייערע נשמות האָבען זיך געפיהלט אין אַן עכט־יום־טוב'דיגער שטימונג... האָבען זיי פּלוצלונג דערהערט, ווי די טהיר שליסט זיך אויף, עפענט זיך און האָבען באַלד דערזעהען דעם הויכען, פעסט־געבויטען מאַנופעקטשורער.

איידער חיים האָט זיך אַרומגעזעהן איז שוין זיין קוזינע נעלם געוואָרען און ער איז געבליבען פנים אל פנים מיט זיין דעספּאָטי־שען „באָס".

— גאָר איינער אַליין, וואו איז עפּעס די בעל־הבית'טע? האָט קאָהען פערביסען געשמייכעלט — און ווארום עסטו גאָר ניט? נעהם עפּעס אין מויל אַריין! ס'איז דאָ אויפ'ן טיש, גאָט צו דאַנקען, פון אַלדאָס גוטס!...

קאָהען האָט אַרויפגענומען אויפ'ן שפּיץ פונ'ם גרויסען קיך־מעסער, וועלכער איז צופעליג געלעגען אויפ'ן טיש, אַ שטיקעל קעז און האָט דאָס אונטערגערוקט חיים'ען אונטער'ן סאַמע שפּיץ נאָז.

— עפען שוין דאָס מיילכעלע, שעהמעדיגער איינגעלע! האָט ער שטרענג געפאָדערט.

חיים האָט אויפגעציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער, איז געוואָ־רען ווייס־בלאַה, ווי ביי אַ געפּוידערטע מיידעל דער נאָז אין אַ קאַלטען וועטער און האָט ניט געקענט אַ ריהר טהאָן מיט'ן צונג פאַר שרעק!...

— פון מיין ווייב'ס הענד, גלויב איך, האָסטו גאָר קיין מורא ניט צו עסען, האָט קאָהען טריאומפירענד געלאַכט, ווי אַ קאַלטער גזלן, האַלטענדיג דעם שרעקליכען מעסער ביי חיים'ס מויל.

— האָט רחמנות אויף מיין ווייב און קינדער. האָט חיים ענדליך אויסגעבראָכען אין אַ געוויין — שענקט מיר דאָס לעבען!...

— וויפיל האָסטו אַזוינע? האָט זיך קאָהען צולאַכט — מיין ווייב איז ביי מיר טהייערער! זי וועט האָבען צער, עגמת נפש,

אויב דו זאָלסט אוועקגעהן אַ הונגעריגער !... עפּען שוין דאָס מויל! אָדער...

— איך שווער אייך ביי גאָט! האָט זיך חיים געבעטען, אז איך בין אונשולדיג קעגען אייך; אז איך וועל מעהר ניט אריבער־טרעטען דעם שוועל פון אייער הויז! אז איך וועל באלד פארלאָזען אין גאַנצען די שטאָדט; אז...

— ניט אַ וואָרט מעהר! האָט איהם קאָהען איבערגעשלאָגען — איך גלויב קיין אַנארכיסט, וועלכער שווערט מיט גאָט. שוין זאָל זיין דיין מויל אָפען!

חיים האָט שוין גוט פארשטאַנען, אז זיין לעצטע שטונדע האָט געשלאָגען און האָט שוין מעהר ניט געוואָלט קעמפּפען פאר זיין לעבען. דער שרעק פאַר'ן טויט איז געווען אַזוי גרויס, אז איהם האָט זיך שוין געוואָלט, וואָס גיכער איבערקומען!...

ער האָט שטאַרק פערקוועטשט די אויגען און ברייט אויפ־געעפענט דאָס מויל און האָט שוין „געפיהלט", ווי דאָס גרויסע מעסער קריכט דורכ'ן מויל, טיעף אין האַלז אריין!...

מיט אַ טיפען זיפץ האָט חיים שוין געוואָלט אויסהויכען די זינדיגע נשמה, ווי ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט זיך פליהענדיג אין דער לופטען. ער האָט ניט געוואַגט צו עפענען די אויגען, האַלטענדיג זיך שוין פאַר טויט.

„אין גהנום אָדער אין גן עדן"? האָט דורכגעבליצט אין זיין געדאַנק.

דער אָנשטויסען זיך אָן אַ האַרטע זאַך האָט איהם צו זיך געבראַכט. אויפעפענענדיג די אויגען, האָט ער זיך דערזעהן ליי־גענדיג אין גאָרטען און האָט שוין פערשטאַנען אז דער קאָנסער־וואַטיווער „באָס" האָט איהם אָהן צערעמאָניעס ארויסגעוואָרפען דורכ'ן פענסטער.

„וואָס פאַר אַ גוטען גאָט מיר האָבען! איז געווען ביי'ם „אַנאַרכיסט" דער ערשטער געדאַנק — ער דולדעט אָבער ניט אַזעלכע עולות"!...

נאָך דעם זעלבען טאָג האָט חיים פערלאָזען די שטאָדט, אי־בערלאָזענדיג דאָ אַלע זיס־קלינגענדע אידעען פון זיין נייען גלויבען.

א „באַבסקע״ סגולה.

צאַלקע סאַכראַניק איז אין דער היים געווען אַ גרויסער האָראָ־פּאַסניק. האָט געהאַקט שטיינער, געברוקירט גאַסען און געבויעט הייזער. דאָ איז ער אַ „בילדער״, אַן „אַלרייטניק״ און גיט ניט אַ קלאַפּ אַ פינגער אָן אַ פינגער, און איז געוואָרען גרויס און גראָב ווי אַ מויער, און געזונד ווי אַ שטיין.

ברײנע גיטעל, די ווייב זיינע, אויך ניט קיין „איבערגעפּאַ־לענע״ אידענע, זעהר אַ שעהנע מיט אַ גוטע נשמה, אָבער ניט קיין איבעריג פּאַרשפּיצטע, האָט געקוקט אויף איהם מיט גרויס רחמנות, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז ער איז נעבעך זעהר קראַנק אויף צוויי ביטערע חלאת׳ן.

ערשטענס איז ער אַ נערוועזער און אַ מפונק אַ גרויסער אין עסען. אַלעס איז פאַר איהם ניט ציכטיג און ניט ריין צוגעריכט; שלעכט געקאָכט און שלעכט געבאַקט; זיין גאַנצע פרייע צייט פינסטערט ער אָפּ נעבעך אין קיך און לעהרענט די הויז־מיידעל ווי צו קאָכען און ווי צו באַקען, לויט זיין געשמאַק און קאַפּריז...

זי, די בעל־הבית׳טע אַליין, טאָר אין קיך אַן אויג ניט ווייזען! אַ ניט ווערט ער נערוועז, אויפגערעגט און לויפט באַלד אַוועק פון הויז און יענעם טאָג עסט ער שוין אין אַ רעסטאָראַנט.

מילא, אַזאַ באַליידיגונג קריינקט איהר טאַקע זעהר, אָבער אַ ווייב איז זי דאָך... טוט איהר וועה דאָס הארץ אויף איהם, ער זאָל ניט קאַליע מאַכען דעם מאָגען. היט זיך זיך שוין אָפּ ניט אריינצוגעהן אין קיך, ווען ער איז דאָרט.

צווייטענס איז ער אַ „נאַכט־וואַנדלער״, שטעהט אויף אין מיטען דער נאַכט און געהט אַוועק, מיט אָפענע אויגען, אַזוי ווי אויפ׳ן וואָהר!...

זי האָט איהם „געטשיקעוועט״, נאָכגעשפּיאָנירט הייסט עס,

נאָכגעגאַנגען אויף די ציפּקעס און האָט אויסגעפונען, אַז ער געהט בעוואוסטלאָז, אָהן אַ ציל, אָהן שכל... אַמאָל בלאָנדזשעט ער אַרום איבער'ן שלאָף צימער, אַמאָל געהט ער אַריין אין קיך און פאַרשליסט נאָך זיך די טיהר. שפּעטער קומט ער צו געהן, לייגט זיך אַוועק שטילינקערהייט און ווערט איינגעשלאָפען, ווי אַ געזונטער מענש!...

זי פיהלט, אַז זי שטאַרבט פון שרעק און מוז זיך נאָך באַהערשען, מאַכען זיך שלאָפענדיג, ניט ריהרען מיט קיין אבר, מורא האָבענדיג איבערצושרעקען איהם, ווייל דאָס איז פאַר איהם אַ גרויסע סכנה!

אין קיך פלעגט ער פאַרזאַמען זיך לייגער, איידער אין די איבעריגע חדרים. איהר האָט דאָס אָבער ניט געוואונדערט, ווייל אויפ'ן וואָהר איז ער שטענדיג פאַראינטערעסירט מיט'ן קאָכען און באַקען.

האָט זי געמאַכט סמנים אין קיך, זעהען, וואָס בעל־הבית'עוועט ער דאָרטען? און פלעגט, צום גרעסטען וואונדער, געפינען יעדען טעפּעל אויף זיין אָרט — אַלעס אין בעסטען אָרדענונג...

זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי דער הויז־מיידעל, וועלכע שלאָפט אין אַ צימער מיט אַ טיר צום קיך, אויב זי הערט אַמאָל, שפּעט ביינאַכט, אימיצען ארומגעהן אין קיך? און האָט בעשיינפּערליך געזעהן, נאָך דער מיידעל'ס אויסגעשטאַרצטע אויגען און אויפגעהויבענע אַקסלען, אַז יענע ווייס ניט פון וואָס צו זאָגען!

די אונגליקליכע פרוי וואָלט אפשר משוגע ווערען פון פּערצווייפלונג, אויב ס'וואָלט ניט געשעהן אַ נס, אַז די מיידעל זאָל פלוצלונג ניט אַוועקגעהן און די נייע מיידעל זאָל ניט געווען אַריינרוימען איהר אַ סוד, אַז דער מיסטער איז אַ גרויסער דבר אחר.

ביי דער בעל־הבית'טע האָט זיך דער מח אַ הויב געטאָן פון אַזאַ בשורה'לע. זי האָט אָבער איהר אויפרעגונג מוטיג דערשטיקט אין איהר האַרצען, ווי אַ העלד ארונטערגשלונגען די ביטערע פּיל...

דעם זעלבען אָבענד האָט זי אַוועקגעשיקט די מיידעל פון הויז, בשתיקה פון איהר מאַן און אַליין איז זי כלומר'שט אַוועק אין טעאַטער.

דעם מאַן האָט באַלד אָנגעכאַפּט זיין ביטערע חלאת און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזען „וואַנדלען" אין קיך און פון דאָרטען אינ'ם

פינסטערען חדר'ל און, נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט צו „מעל־
דען זיך", האָט אָפּגעקראַכט אַ קלינגענדער פּראַסק אויף זיין פּנים!
איהם איז אַזש ליכטיג געוואָרען אין די אויגען!... ער האָט
אָבער דאָך ניט געזעהן די טיר, אום שנעלער ארויסצוכאַפּען זיך
און די צוקאָכטע פרוי האָט איהם געדראָשען מיטביידע הענט, וואו
זי האָט געטראָפען!...
און פון יענעם אָבענד זיינען ביידע חלאת'ן ווי מיט דער האַנט
צוגענומען...

BROOKLYN HEBREW HOME AND HOSPITAL FOR AGED
BROOKLYN
N. Y.

א דורכפאַל נאָך אַ דורכפאַל.

הענוך דער וואוכערניק, אָדער הענוך דער „בעל־רחמים" איז געווען זיין נאָמען אין האָלאָדנאיא, א קליין שטעטעל אין דער ליטא. דאָ אָבער, אַלס קליידער מאַנופעקטשורער איז ער געווען באַוואוסט צו אַלעמען ביים נאָמען הענרי גודמאַן.

דער נאָמען האָט אָבער ניט אויסגעבעסערט זיין נשמה, און יעדע עטליכע וואָכען האָבען ביי איהם געאַרבייט נייע „הענד"...

אַן אויסנאַהם איז נאָר געווען מיט דער לעצטער בוכהאַל־טערקע, צו וועלכער ער איז געווען עטוואָס מילדער, פאַר די לעצטע עטליכע מאָנאַטען, זייט ער האָט צו זיין פרוי דעם גט אָפּגעשיקט.

פלאָרענס איז געווען אַ ברונעטקע, אַ 17־18 יאָהר אַלט, בלוט און מילך — אַ זעלטענע שעהנהייט!

דער 45־יעהריגער, בויכיגער מאַנופעקטשורער, מיט זיינע אונ־טערגעפּאַרבטע גרויע וואָנצען, וועלכע האָבען דורך דעם פּעך־שוואַרצען פיקסטאַר אַרויסגעקוקט געל־גרין; מיט זיינע וואַסער־דיגע, אָהן אַ באַשטימטען קאָליר, קעצענע אויגען, האָט גאָר קיין צווייפעל ניט געהאַט צו געווינען די ליבע און איבערגעבענהייט פון דער אָרימער פלאָרענס. ער דאַרף איהר נאָר זאָגען, אַז ער וויל איהר האָבען פאַר זיין ווייב!

ער האָט אָבער ניט געקאָנט שנעל באַשליסען זיך אויף אַזאַ „לייכטזיניגקייט"... וואָרום זאָל ער ניט נעמען בעסער עטליכע טויזענדער נדן?

ביז ער האָט געזוכט צו באַקעמפּפען זיין געשעפטס־מעסיגע נשמה, איז פלאָרענס אַ כלה געוואָרען צו זיין דעזיינער, מאַיק קאָהען, אַ מאַן פון אַ יאָהר 25, אַ שעהנער יונג, מיט אַ יאָהריגען קאָנטראַקט אויף 75 דאָלאַר אַ וואָך, וועלכער האָט זיך געשעצט גליקליך מיט דעם געווינס פון דער אָרעמער מיידעל'ס ליבע.

„ס'איז אַ געלעבטער — האָט גודמאַן געטראַכט, ערפּאָרענדיג

פון דאָס געשעהענע — איין וואָרט מיינער וועט צושמעטערען די קינדערשע ליבע!... ס'האָט ביי מיר א פּנים, ווי א רוסישע פּעס־טונג פאַר די דייטשע הארמאָטען...

באַשלאָסען און געטאָהן! נאָך דעם זעלבען טאָג, בלייבענ־דיג מיט איהר אין אָפיס, אונטער פיר אויגען, האָט ער ערקלערט איהר זיין פּאַרלאַנג.

— פלאָרענס! איהר זיינט א גאַנץ שעהנע מיידעל און פאַר אייך פּאַסט פיל בעסער צו זיין אַן אייגענטימערין פון דעם געשעפט, איידער צו אַרבייטען פאַר 18 דאָלאַר א וואָך... איך מוז פאַרלירען דערביי געוויס 5 טויזענדער גדן, אויסער דעם פּראָצענט פון אַזעלכע געלדער! אָבער גאָר ניט — פאַרפאַלען — איך וויל אייך האָבען פאַר מיין פרוי!

זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, ווי ביי א קאַץ, וועלכע שפּילט זיך מיט איהר באַזיגטען קרבן!

די מיידעל האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין אויסזעהן און, א צוטומעלטע פון אַזא אונגעריכטען פאַרשלאַג, האָט זי זיך אַרויס־געכאַפּט פון אָפיס, און האָט וועגען דעם דערצעהלט פאַר איהר חתן.

קאָהען איז געוואָרען שטאַרק אויפגערעגט פון אַזא חוצפּה און האָט דעם מאַנופאַקטשורער אויסגערעדט ניט גאָר דעליקאַט...

גודמאַנ'ס אַמביציע איז שוין געווען צופיל אָנגעגריפען און ער האָט פון כעס מיט באַליידיגונג געהייסען דעם דעזיינער זאָפאָרט פאַרלאָזען דעם פּלאַץ.

— מיין קאָנטראַקט נעם איך אָבער מיט! האָט קאָהען בייז געלאַכט — קום פלאָרענס! האָט ער אָנגענומען זיין כלה ביים האַנד און ביידע האָבען פאַרלאָזען דעם שאָפּ.

— פלאָרענס, איהר האָט ניט קיין קאָנטראַקט — האָט דער מאַנופאַקטשורער געפּרובירט איהר צוריקהאַלטען — באַטראַכט מיין פאַרשלאַג!...

— דעם מלאך המות'ס טאָכטער איז פאַר אייך א מעהר פּאַסענדע זאַך! האָט פלאָרענס אויסגעשאָסען אין א געלעכטער, אַרונטערלויפענדיג פון די טרעפּ.

גודמאַן האָט ניט געקאָנט גלייכגילטיג איבערטראָגען אַזא

מיאוס'ן „אָפּשניט" און איז אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַרריקטער! אין זיין מח האָבען זיך געשייערט פאַרשידענע רעיונות, ווי צו נעהמען נקמה פאַר אַזאַ באַליידיגונג. און דערהער־רענדיג, אַז קאָהען האָט שוין אָפּגעדונגען פאַר זיך אַ קליינע פריי־וועט הויז, וועלכע ער האָט זעהר גרויסאַרטיג איינגעריכטעט מיט די טייערסטע מעבעל און אַז באַלד געהט ער הייראַטען, האָט ער געפּיהלט ווי צו „קראַפּירען" פון פאַרדרוס און האָט זיך באַשלאָ־סען: „צושמעטערען זייער גליק אויפ'ן סאַמע שוועל פון „גןעדן"!

פאַר איינע הונדערט דאָלאַר האָט ער באַדונגען אַ „גענגסטער" אונטערצושלייגען אַ באָמבע אין פאָרהויז פון קאָהענ'ס וואָהנונג, פּונקט אין דער צייט ווען די פאַרליבטע וועלען קומען פון דער חופּה.

גודמאַן איז געווען זעהר צופרידען מיט'ן מסחר. ער האָט איינגעהאַנדעלט אַ גרויסע מציאה: מיט די הונדערט דאָלאַר וועט ער זיך איינשפּאָרען באַלד אַ פּאָר טויזענד, ווייל „צוטרייבע־רענדיג" קאָהענע'ן וועט שוין אויך אַוועקגעהן אין גיוועץ זיין קאָנטראַקט...

מיט אַ קנאַפּע שטונדע פריהער, איידער דאָס יונגע פּאָאַר'ל האָט באַדאַרפט קומען פון דער חופּה האָט דער באַשטעלטער באָמ־בע־וואַרפער געבראַכט דעם פאַרפאַקטען „מלאך המות" צו גוד־מאַנ'ען אין הויז אַריין, ערקלערענדיג אַז זיין צייט איז זעהר באַ־שרענקט, איבער זעהר אַ וויכטיגען ענין, און דאַרום זאָל דער מאַנופעקטשורער אַליין מוחל זיין אַוועקלייגען די באָמבע.

גודמאַן איז געשפּרונגען פון הויט פאַר אַזאַ עולה: „ווי פאַרלאַנגט מען יענעמ'ס ריזיקע, קריגענדיג באַצאָהלט דעם פולען פרייז — ס'איז דאָך עפּעס ניט קיין שפּילכעל אַוועקצולייגען אַזאַ „מחבל"!

ס'האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפען, ער האָט געמוזט אַליין "אָפּמאַכען דעם קונץ", ווייל דער איטאַליענער איז געווען האַרט אַזוי ווי שטאָל און די צייט איז זעהר באַשרענקט... און אויסער דער „היילינגער" נקמה האָט איהם טאַקע שטאַרק געקיצעלט זיין קאָנטראַקט מיט קאָהען — די גענויע פּאָאַר טויזענד דאָלאַר מיט דעם פּראָצענט פון אַזאַ „מאַטניאַ"...

אין פאַר הויז פון קאַהענ׳ס וואָהנונג האָט זיך אַרומגעדרעהט עפּעס אַן אַלטע אידענע, אפשר די דינסט פון דער פּאָאר־פאָלק, און גודמאַן האָט זיך דערוויייל אַריינגעכאַפּט אין קעלער, אונטער׳ן הויז, ביז די בעלי שמחה וועלען קומען — מ׳קאָן דאָך מיט אַזא „קוילעטש" ניט אַרומטראָגען זיך בפרהסיא!...

ווי נור ער וועט דערהערען אָנקומען דעם אַטאָמאָביל, וועט ער אויף גיך אַרויסכאַפּען זיך, וועט אַוועקלעגען דעם „ברוך הבא" גלייך ביים שוועל און וועט זיך אַפּטראָגען אויף גיך אַביסעל אָן א זייט און וועט זיך שוין פון דער ווייטענס וואַרעמען און פרעג־לען פון פאַרגעניגען.

ס׳האָט זיך אָבער אויסגעלאָזען א בוידים מיט א פּאָליצע...

דער שלאָס פון טיר האָט זיך פאַרהאַקט און ער איז, מיט דער באָמבע אין האַנד, געבליבען זיצען, ווי אין געהאַקטע וואונ־דען!

זיין שכל האָט ניט אַנדערש געוואָלט האָבען, אַז דאָס זאָל זיין א „שפּיצעל" פון דעם „גענגסטער". ער האָט איהם געמוזט נאָכ־שפּיאָנירען און צוגעשלאָסען נאָך איהם די טיר און באַלד וועלען איהם באַפאַלען פּאָליציי מיט דעטעקטיווס און ער איז שוין פאַר־לאָרען מיט די ביינער!...

ער האָט זיך יעצט אַרומגעזעהן, ווי נאַריש און פאַרדאָרבען ער האָט געפיהרט זיין וועלטעל, אַז ער האָט כשר פאַרדינט די גרעסטע שטראָף...

אין זיינע געדאַנקען האָבען זיך דורכגעטראָגען אייניגע פון די פילע אכזריות׳דיגע בילדער נאָך פון זיין היימישען לעבען, אַלס פּראָצענטניק

וויפיל אַלטע ווייבער האָבען דאָס פאַרגאָסען זודיגע טרעהרען, באַנעצענדיג די שבת־ליכט אָנגעקלעפּטע אויף א ציגעל ווייל די לייכטער האָט ער אַוועקגערויבט פון זיי פאַר פּראָצענט? און מענדעל סוכאָטניק, ווייסען דאָך אַלע, האָט זיך צוגעקיהלט און געשטאָרבען, אין מיטען ווינטער, איבערלאָזענדיג א פולע שטוב מיט פּיצעלעך, איבער דעם, וואָס ער האָט ביי איהם פאַר פּראָ־צענט אָפּגענומען זיין פּיזמענעם פוטער, מיט׳ן באָבראָווען קאָלנער.

פאַר זיינע אויגען איז אויסגעוואַקסען דער דאַרער מענדעל מיט זיין איינגעפאַלענע ברוסט, לאַנגער, דינער האַלז מיט׳ן גרוי־

סען קנאָפּ, ווי ער ציטערט פאַר קעלט און קוקט אויף איהם מיט פלאַם־פייערדיגע אויגען פול מיט האַס און שנאה.

אויבען איבער הערט ער כלי־זמר שפּילען, מען טאַנצט — מען לעבט „אַ טאָג"... קאָהענקע מיט פלאָרענס'ן שמעלצען זיך פאַר נחת" האָט דורכגעבליצט אין זיינע געדאַנקען. ער פאַרגינט זיי אָבער יעצט מיט'ן גאַנצען האַרצען.

„אונשולדיגע קינדער, וואָס האָט ער צו זיי"?...

ווען גאָט העלפט איהם יעצט אַרויסכאַפּען זיך פון דאַנען וואָלט ער ווערען גאָר אַן אַנדער מענש. ער וואָלט שוין מעהר ניט געיאָגט די נשמות פון זיינע אָרעמע אַרבייטער. ער וואָלט נאָך פאַרהעכערט זייערע שכירות. זיי איז דאָך אויך נעבאָך טייער זייער לעבען!... און די אָפּגע'גט'ע ווייב וואָלט ער באַלד אַראָפּ־ברייגנען צו זיך.

זיין מאַרך האָט שנעל געאַרבייט אויף אַלע כלים ווי גוט צו מאַכען אַלע פעהלערען אין זיין לעבען.

שפּעט אין דער נאַכט האָבען גרויסע מייז אין גאַנצע מחנות אַרומגעטאַנצט אַרום איהם. פאַר שרעק האָט זיך איהם אָפּגע־דוכט, אַז זייער צאָהל איז אפשר אין שווערע טויזענדער!

„ווער ווייס — האָט ער געטראַכט — אפשר זיינען דאָס גאָר קיין מייז ניט? אפשר זיינען דאָס גאָר נע־ונד'ניקעס פון יענער וועלט, גלגולים, פאַרשאָלטענע נשמות פון פּראָצענטניקעס און מאַנופעקטשורערס, וועלכע האָבען „דאָרטען" קיין תקומה ניט?...

פלוצלונג האָט גודמאַן דערזעהן פון דער זייט אַ שוואַכע שיין. ער האָט זיך שטאַרקער צוגעקוקט און דערזעהן אַ לאָך פון אַ קליינעם פענסטער'ל.

„ווי גרויס איז גאָט'ס רחמנות", און ער איז שנעל צוגעלאָפען און אויסגעפינענדיג, אַז דאָס איז עטוואָס צו הויך האָט ער צוזאַ־מענגעשלעפּט אַלטע שטיקלעך מעבעל, וועלכע ער האָט דאָרט גע־פונען. האָט צוגעמאַשטשעט אַ בריק'ל, האָט זיך שנעל אַרויפגע־כאַפּט אויף איהם און מיט זיין גאַנצען כח אַ שפּאַר געטון זיך דורכ'ן לאָך פונ'ם פענסטער'ל.

ער איז שוין זיכער געווען מיט זיין פרייהייט. צום אונגליק האָט איהם זיין צו־פעטער קערפּער פאַרראַטען אין סאַמע מיטען!

ער איז געבליבען וויגען זיך, ווי א קאראַמיסעל פון א וואָג.

מורא האָבענדיג מען זאָל איהם ניט דערזעהן, האָט ער זיך צוריק א שפּאר געטאָן. ער האָט אָבער א פארצווייפעלטען געשריי אַרויסגעלאָזען און איז געבליבען הענגען, שטאַרק קרעכצענדיג פאר שמערצען, ווייל א גרויסער טשוואָק אין פענסטער, וועלכער איז געווען משופּע'דיג צום גאַס, האָט איהם ניט געשטערט אַרוים צו שפּארען זיך, אָבער ווי נור ער האָט זיך א שטאַרקען ציה געטון צוריק, איז ער איהם אריינגעקראָכען אין בויך אריין און האָט איהם ניט געלאָזען מעהר ריהרען זיך — „ניט אהער און ניט אהין"!

באַלד איז די גאַס געוואָרען שוואַרץ פון מענשען. פּאָליציי האָט אויך ניט געפעהלט.

פיהלענדיג זיך אין דער שטימונג פון א בעל תשובה, האָט ער פאר אלעמען דעם אמת דערצעהלט, נור ניט וועלענדיג אַרויסגעבען דעם „גענגסטער" האָט ער די קונסט פון א באָמבע מאַכען צוגעשטוקעוועט צו זיינע פעהיגקייטען.

צוויי שטאַרקע פּאָליסלייט האָבען שווער געאַרבייט ביז מען האָט איהם אַרויסגעשלעפּט א האַלב-נאַקעטען, אזוי קליין איז געווען די פענסטער-לאָך!

גודמען האָט אויסגעדריקט זיין גרעסטע צופרידענהייט, וואָס איהם האָט זיך ניט איינגעגעבען אויפצורייסען די הויז.

„די ביטערע נאַכט, פארברייננענדיג מיט גייסטער און גלגולים האָט איידעל אויסגעלייטערט זיין נשמה — ער וועט שוין מעהר קיין עולות ניט באַגעהן אין זיין לעבען! ער וועט נאָך היינט אויך פארבעסערען די לאַגע פון זיינע ארבייטער און וועט אַרויסשיקען א שיפסקאַרטע צו זיין גע'גט'ער ווייב" זיינען געווען זיינע טענות.

די באָמבע האָט מען געפונען אָנגעפיהלט דורכאויס מיט טרוקענע זעמעלעך.

עס איז ביי קיינעם קיין שום צווייפעל ניט געווען, אז דער מאַן איז נעבעך משוגע און מען האָט איהם גלייך אָפּגעשיקט אין א משוגעים הויז.

אַי דער באָרשטש! אוי די שנאָרערס!

אויסגעפינענדיג, אַז אַלע היגע רייכע געשעפטס־לייט זיינען פון אָנפאַנג געווען פּעדלערס, האָט זיך דער אַלטער זלמן עפּשטיין מיט לייב און לעבען צוגעכאַפּט צום געשעפט, און געפּעדעלט האָט ער נאָך זיין מיינונג מיט די נוצליכסטע זאכען, וועלכע ער פלעגט פאַר זיינע קונדען אויסרעכענען יעדע ביים נאָמען: שיך־שנירלאַך, נאָז־טיכעלעך, קאָלנער־קנעפּעלאַך, האָאר־שפּילקעלעך, זובאַטשיסטקעלעך (טוטה־פּיקס). דער געשעפט איז געווען ניט אַזוי גלענצענד, עפּשטיין האָט אָבער זיין מוט ניט פאַרלאָרען און זיין האָפנונג ניט אויפגעגעבען ביז אַ קורצע צייט פאַר פּסח, ווען זיין פרוי איז נאָך אַ לאַנגע קראַנקהייט, געקומען פון האָספּיטאַל, נאָך זעהר שוואַך אין געזונד און האָט געמוזט האָבען ווייטאָג און אין הויז האָט אויסגעפעהלט ברויט.

די צרות, צוזאַמען מיט דעם גרויסען יאָך פון פּסח, האָבען איהם אַזוי צוגעדריקט צום וואַנט, אַז ער האָט געפיהלט משוגע צו ווערען און האָט פערטרויט זיין לאַגע זיינעם אַ חבר, אַ קאָלעגע אין געשעפט, אָבער שוין אַן אויסגעגרינטער, אַ פּראַקטישער מענש, אַ זעלכער וואָס איז דורכגעגאַנגען „שבעה מדורי גיהנם"...

— איך וועל דיך מיטנעמען אין אַלע ערטער, וואו מען קען קריגען עפּעס אויף פּסח, האָט איהם דער פּעדלער געטרייסט, — דו זאָלסט אָבער ניט זיין קיין „גרינער"... דו מוזט שרייען אין איין קול, אַז דו האָסט ניט קיין „אָנהייב" אויף פּסח! אפילו ווען דו וועסט שוין עפּעס קריגען, זאָלסטו אַלץ ניט בייטען די טעמא... אַריינגעקראָגענע באַהאַלט אין חדרי־חדרים, אין דער ערד!... אַז אַ „קאָמיטע" פון אַ „סאָסייעטי" קומט אַמאָל אונטערזוכען די זאַך, אויסגעפינען צו עס איז נויטיג צו פאַרהעלפען מיט עפּעס, דאַרף זיין אין הויז ווי אין אַ פּוסטע מיהל... אויב

מען זאָל געפינען חס וחלילה אַ פּעקעלע מצות אין הויז, ביזטו אין דר'ערד מיט די ביינער!... וועסט שוין האָבען אויף יום טוב אַ קדחת מיט רויטע פּאַדים... אַלס אַ סגולה צו אריכות ימים, וועט מען דיר צולעגען אַ נאָמען אַ צווייגאַרענדיגען: „פּראָפּעס־יאָנעלער שנאָרער" און דו ביזט באַגראָבען און פאַרשאָטען „לעולם ועד"!...

עפּשטיינ'ען איז געווען זעהר ביטער צו באַשליסען זיך אויף אַזאַ זאַך! דאָס מיינט אָנטאָהן אַ „טויבע היטעל" און ווערען אַ פּשוט'ער בעטלער!... ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט העלפען!...

„די פרוי איז נעבעך אַזוי שוואַך און קראַנק, זאָל זיין כאָטש יום טוב מיט וואָס די נשמה מחיה צו זיין"...

די לעצטע וואָך פאַר יום טוב האָט עפּשטיין אויפגעגעבען זיין געשעפט און האָט זיך אַוועקגעלאָזען, מיט זיין חבר צו די צדקה־אַנשטאַלטען.

דעם „געלען" פּעדלער האָט מען כמעט איבעראַל אָפּגע'פּטר'ט מיט שהי־פּהי, מיט אַביסעל גאָרניט. עפּעס האָט ער דאָך „אויס־געוויינט". אָבער עפּשטיין האָט אומעטום געקראָגען איין ענט־פער: „אייער קיים איז אַ נייע, זי מוז זיין אונטערזוכט."

די וואָך איז דורכגעפלויגען. ס'איז שוין ערב יום טוב און אין הויז איז מעהר ניטאָ ווי אַן עמער פאַרזויערטע בוריקעס.

זיין חבר האָט איהם אויס רחמנות איינגעטיילט אַ פּעקעל מצות און איז געלאָפען צו דער פּרעזידענטען פון אַ סאָסייעטי מיט געוואַלד־געשרייען, אַז ביי עפּשטיינען איז נישטאָ קיין אָנ־פאַנג אויף פּסח! און פּסח איז דאָך ניט וואָס עפּעס אַנדערש...

דער פּעדלער האָט זיך דאָרטען אַזוי צוטענה'ט אַז ער האָט דערוועקט גרויס רחמנות ביי דער פּרעזידענטין און זי איז אַליין געלאָפען מיט'ן פּעדלער צו עפּשטיינען אין הויז זעהן, אויב דאָס איז אמת.

עפּשטיין איז געזעסען מיט אַ פאַרקלעמטע האַרץ, זעהר פאַר־צווייפעלט. זיין מח האָט שוין מעהר ניט געקענט פאַרנעמען די גרויסע צרות.

פּלוצלונג דערהערט ער שווערע טריט אויף די טרעפּ.

„אפשר אַ קאָמיטע?" האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָהן זיין האַרץ.

ער האָט אויף גיך אוועקגעלייגט די מצות אויף די בוריקעס און האָט דאָס פאַרדעקט מיט א שאַלקע.

דער פעדלער האָט ניט אָנקלאַפענדיג אויפגעעפענט די טיר און א הויכע, דיקע פרוי איז אריינגעקומען, א פאַרהאַנגענע מיט גאָלד און פערעל, מיט א גרויסע קאַרב טייערע פעדערען אויפ'ן קאָפּ.

זי איז געווען זעהר מיד און שווער אַטעמענדיג האָט זי, קוים זאָגענדיג „גוט מאָרגען", שווער אוועקגעזעצט זיך אויף די פאַר־דעקטע מצות.

דער פעקעל האָט עקספּלאָדירט מיט א גוואַלדיגען קראַך! א צושראָקענע אויף טויט, איז מיסעס בלינטשיק אומגעפאַלען, אי־בערקעהרענדיג די בוריקעס, און איז געבליבען שווימען אין זויערס...

דער פעדלער מיט עפּשטיין'ען האָבען מיט גרויס שוועריגקייט אויפגעהויבען איהר און אוועקגעזעצט אויף א שטוהל. זי איז אָבער געווען אין גאַנצען נאַס, צום אויסדרייען!

— פאַרדאַמטע שנאָרערס, וואָס איהר זענט! — האָט זי זיך געבייזערט — אָט, דאָס הייסט ביי אייך „נישטאָ קיין אָנ־הויב אויף פסח?"

עפּשטיין איז ווייס געוואָרען ווי לייוונט — „אַלע האָפנונגען צו גרונד!"

— לויף שנעל צו מיר אהיים, — האָט זי געקאָמאַנדעוועט צום פעדלער — מען זאָל שיקען נאָך מיר דעם אויטאָמאָביל!

— אָט, איך לויף טאַקע באַלד. אָבער... אבער... גיט־זשע מיסטער עפּשטיינ'ען אויף פסח! איהר האָט איהם אזא חזק אָנגעטאָן — סעאָ'קליינינקייט, פסח אָהן א ביסעל באָרשטש!...

— רעד ניט קיין וואָרט, לויף שנעל! — האָט זי געשריען.

— ניין, ליבע פרעזידענטין! איך וועל זיך ניט ריהרען פון אָרט ביז איכ'ל ניט זעהן מיט מיינע אויגען וואָס פאַר א פסח מיסטער עפּשטיין וועט האָבען! און מאַכט דאָס טאַקע אביסעל שנעלער, מיסעס פרעזידענטין! היינט איז ניט אנ'אַנדער טאָג!...

מיסעס בלינטשיק האָט איינגעזעהן, אז זי איז צוגעדריקט צום וואַנד, האָט זי ארויסגענומען פון פאַרטמאָנע צוויי דאָלאַר און האָט דאָס געגעבען צו מיסטער עפּשטיינ'ען.

— פאַוואָלע מיסעס! — האָט דער פּעדלער נצחונ'דיג גע־שמייכעלט — מיט צוויי טולער מאַכט מען ניט קיין פּסח!...

— אָבער, וואָס איז דיין געשעפט צו מישען זיך? — איז זי שטאַרק אין כעס געוואָרען — לויף שנעל נאָכ'ן אויטאָמאָביל!

— איך וויל זיך זעהן נאָך מיט 8 טולער! און איך ריהר זיך ניט פון אָרט!

אויפגעפלאַמט פון אויפרעגונג האָט זי דערלייגט עפּשטיינ'ען נאָך דריי דאָלאַר.

— לויף שוין אָבער, אָמאָל, לויף נאָכ'ן אָטאָמאָביל!

— לאָ מיט אַ ספּאָדעק, מיסעס פּרעזידענטין! מיינער געהט ניט!.. איך וויל זעהן ביי מיסטער עפּשטיינ'ען נאָך פינף טו־לער! פינף טולער נאָך וויל איך זעהן!

מיסעס בלינטשיק האָט פאַרביסען די ליפּ און אָפּגעשטעקט דעם פינפערל.

— אָט אַזוי! — האָט דער פּעדלער טריאומפירט — דאָס פארשטעה איך!... זאָל אייך גאָט געבען געזונט! טאַקע זעהר אַ פיינע פרוי!... אַ כשר'ן פּסח! אַ כשר'ען פּסח!...

— באַנדיט, וואו לויפסטו? — האָט זי געצוואונגען גע־שמייכעלט — איך וועל דיר באַצאָהלען פאַר דיין גאַנג, לויף נאָכ'ן אָטאָמאָביל!

— עט... ס'איז ערב יום טוב. גיט מיר פינף סענט וועל איך טעלעפאָנירען. וואָס איז דער נומער פון אייער טעלעפאָן?

דער פּעדלער האָט טעלעפאָנירט:

„שנעל אַן אַמבולאַנס צו מיסטער עפּשטיינען אין הויז — האָט אָנגעוויזען דעם אדרעס — מיסעס בלינטשיק געהט צו קינד!"

אַזוי ווי מיסעס בלינטשיק איז געווען אין ניינטען מאָנאַט און פלעגט אימער פּראָווען איהרע קינדפּעטען אין אַ געוויסען האָספּיטאָל, האָט איהר מאַן גלייך טעלעפאָנירט נאָך אַן אַמבו־לאַנס.

זי איז געוואָרען זעהר נערוועז ווען דער אַמבולאַנס־דאָקטאָר איז אריינגעלאָפען מיט אַ פּאָליסמאַן און האָט זיך נאָכ־

געפרעגט אויף איהר. זי האָט פּראָטעסטירט און פּראָבירט געזידעלט זיך, ניט געלאָזען זיך נעמען אין אמבולאַנס.

דער דאָקטאָר איז אָבער אויך זעהר נערוועז געוואָרען פון דעם בוריקעס ראָסעל און האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו פּאַר־ליסמאַן מיט דעם אָטאָמאָביל־דרייווער, מען זאָל זי נעמען מיט געוואַלד און וואָס שנעלער!

— אַי, דער באָרשטש! אוי די שנאָרעערס! — האָט די פאַרצווייפעלטע פּרעזידענטין געקרעכצעט פארלאָזענדיג עפּ־שטיינ׳ס וואוינונג.

פאַרלאָרען דעם „אַפּעטיט".

ער איז געווען א הויכער פעסט־געבויטער בלאָנדין, מיט א פּאָר שעהנע, פולע, בלאָהע אויגען, מיט א הויכען שעהנעם שטער־רען, פולע ראזעווע באקען און אויך אזעלכע ליפּען, איינגעראַמטע אין גערדיכטע, בלאָנדע לאנגע וואָנצען פון וועלכע די פּאַרדרעהטע שפּיצען זיינען געלעגען עטוואס נידעריגער פון דער אונטערשטער ליפּ. דאָס האָט געמאכט אויסזעהן זיין מויל פיל קלענער און האָט צוגעגעבען איהם א באזונדער חן.

אַלע מיידלעך אין שטעדטעל האָבען איהם געשלונגען מיט די אויגען. אָבער אפילו איינע פון זיי האָט ניט געהאַפּט איהם צו באהערשען, ווייל אַלע האָבען געוואוסט, אז דער מוזיק־לעהרער גריגאָרי סאַמאָילאָוויטש זובאקאָוו איז איינגע'עקשנט געגען היי־ראטען...

פילע שדכנים האָבען שוין זייערע צייהן צובראָכען מיט איהם קנעלענדיג...

וואָס פאר א שבחים, שירות ותשבחות זיי האָבען ניט ארויס־געגעבען אויף זייער סחורה, האָט ניט געהאָלפען.

„איך האַלט ניט דערביי", איז געווען דער געוועהנליכער ענט־פער פון דעם דרייסיג־יאָהריגען בחור.

קיינער האָט ניט געקאָנט טרעפען וואָס ס'האַלט אָפּ דעם שעה־נעם, אינטעליגענטען יונגען מאַן פון חתונה האָבען.

ס'האָט זיך גערדוכט, אז דער מאַן האָט עפּעס אזא סאָרט חלאת, אזא מאניע — צו פיינט האָבען פרויען; אַן „אָפּגעטאָ־נענע זאך" — א כשוף!....

איינער פון די שדכנים, א קלוגער חברה־מאַן האָט זיך בא־שלאָסען — איינמאָל פאר אַלע מאָל — פּאַרדרעהען איהם דעם קאָפּ!

און ער האָט ענדליך „דערטאפּט" דעם סוד, אז זובאקאָוו

ליידעט פון אזא סאָרט „משוגעת" צו וועלען הייראַטען דוקא א הויכע, פעסט־געבויטע און זעהר שעהנע דערצו. אזוי ווי ער וואָלט זאָגען, אז ער זוכט — „א גלייכע פּאָר", זאָל זיין.

— איך האָב פאר אייך א כלה, פּונקט ווי געוואונשען! — האָט ער איהם געזאָגט, — כמעט דיזעלבע הויך מיט אייך און וועט אויסטראָגען די וואָג אויך.... א מיידעל, וואָס די וועלט פאר־מאָגט ניט איהר גלייכען! א פּאָר גרויסע שווארצע פלאַם־פייער־דיגע אויגען, וועלכע קאָכען אויף דאָס גאַנצע בלוט ביים ערשטען בליק!... מיט איין וואָרט — א בילד! א פּאָרטרעט! ווי איהר זעהט מיט א אידען!

— אנו, ווייזט אהער, לאָמיר זעהן! — האָט זיך אָנגערופען זובאקאָוו און א תאוה'דיגער פייערל האָט א בלישטשע געטאָן אין זיינע אויגען.

דער שדכן האָט דאָס באַמערקט און א גרויסע האָפנונג האָט אויפגעלעבט אין זיין נשמה...

— איך וועל אייך דאָס באַלד צייגען, איך דאַרף ניט פאר זיך... איך וויל נאָר, ראשית, זאָגען אייך, אז צו די פילע מעלות, וואָס דאָס מיידעל פארמאָגט, איז פאראַן א קליין חסרונ'דעל, וועלכען איך בין ניט מחויב פון אייך צו פאַרלייקענען: זי וויל ניט אנדערש אזא חתן וועלכער זאָל זיין מרוצה צו פאָהרען קיין אמעריקא.

— דאָס? דאָס איז ווי געוואונשען! האָט זובאקאָוו גע־זאָגט מיט אומגעדולד.

איהם האָט, ווי א מאַגנעט, געצויגען וואָס שנעלער זעהן די מיידעל, מיט וועלכער ער איז געווען שטאַרק פאראינטערעסירט, לויט דעם שדכנ'ס שילדערונג. דערצו האָט איהם שוין איבער־גענעסען די גאַל די שדכנים־סדרה... זיי מאַכען איהם קראַנק טאָג־טעגליך מיט זייערע „גאָלדענע בערג"... ער קאָן אויך ניט צוזעהן דעם רחמנות פון פילע מיידלאַך, וועלכע לאָזען די נשמה פאר איהם. ער האָט קענען זיין גאָר נישט וואָס אויסצוזעצען: זעהר פיינע מיידלאַך! ער קאָן אָבער ניט האַנדלען געגען זיין נשמה... ער פיהלט, אז דער לעבען וועט איהם ניט איינגעהן מיט אַן איידעלינקער, קליינינקער ווייבעלע, ווי שעהן, קלוג, און גע־

ראָטען דאָס זאָל ניט זיין... ביי איהם קוקט אוים אזא לעבען, ווי א קינדער־שפיל... א פרוי דאַרף האָבען א „ממשות"! עס זאָל זיין מיט וועמען צו ווייזען זיך פאר לייטען!...

כמעט פון ערשטען בליק זיינען זיי געפעלען געוואָרען איינ־אנדער.

דאָס מיידעל איז אביסעל צו פעט געווען, צו קיילעכדיג און „שווערלאַך" אויפ'ן פּוס. נאָר זובאַקאָוו האָט קיין בייזעס ניט געטראַכט, גאָרנישט פאַרדעכטיגט און האָט באַלד ביי זיך א רעכט געמאַכט: „זאָל זיין א ביסעל אויף איינפאַל"...

דער שדכן האָט דערביי געאַרבייט ווי א טייפעל, האָט ניט דערלאָזען קיין לאַנגע ישוב־הדעת'ן, און אזוי ווי חתן־כלה האָבען ניט געפונען קיין פגימה איינער אויפ'ן אנדערען, איז מען באַלד דורכגעקומען אין אלע פרטים און טאַקע אין דעם זעלבען אבענט איז געשלאָסען געוואָרען דער שידוך.

זובאַקאָוו האָט זיך גלייך מיט לייב־און־לעבען פאַרליבט אין זיין כלה, וועלכע איז ווירקליך געווען א וואונדערליכע שעהנהייט.

דאָס איינציגע וואָס איהם האָט גענאָגט ביים האַרצען איז וועגען איהר צו־שטילען באַוועגען זיך און שווערליכען אָטעמען...

ער האָט אָבער געהאָפט מיט אן אָפטערען שפּאַציר־גאַנג דאָס אויסצובעסערען, און אזוי ווי ער האָט זיך עפּעס מאָדנע גע־פיהלט ארויסגעהן אין גאַס מיט אזא גרויסע, פעטע כלה צווישען די שטעדטעל'דיגע „קאָראָפּאַטקעס", ווי ער האָט גערופען די אלע קליין־געוואַקסענע מיידלעך, האָט ער זיך באַשלאָסען גלייך אָפּ־פאָהרען נאָך אמעריקא

די גאַנצע צייט אויפ'ן שיף האָט זיך בערטא, אזוי האָט מען גערופען זובאַקאָוו'ס כלה, געפיהלט זעהר ניט גוט, איבערהויפּט די לעצטע טעג איז זי געווען גאָר בוכשטעבליך קראַנק, האָט גע־זיפצט און געקרעכצט, און אויף אלע זיינע פראַגען: וואָס איז מיט איהר, — האָט זי גאָר נישט געענטפערט איהר איינציגער ענטפערען איז געווען: „ווי דערלעבט מען שוין קומען?"

אויף איהר געזיכט איז געווען אויסגעדריקט שרעק און פאַר־צווייפלונג... אין איהרע אויגען האָט געברענט א פייערעל, וועל־כער ציהט אייך ניט, וואַרעמט ניט אייער נשמה, נאָר שרעקט

אייך, טרייבט פון זיך. א פייער פון שרעק, פארצווייפלונג, און פאראכטונג...

זובאַקאָוו איז געווען אויסער זיך פון פארדרוס, וואָס ער האָט ניט געקאָנט לעזען די געהיימניש פון איהר הארצען, ניט געקאָנט פיהלען איהרע ריכטיגע ליידען...

אין קעסעל־גארדען האָט מען איהר אריינגענומען אין האָס־פיטאַל.

זובאַקאָוו האָט קוים דערלעבט, אויף דעם צווייטען טאָג די ערלויבניש צו זעהן בערטאַ'ן און ווי ערשטוינט איז ער געוואָרען געפינענדיג זי אין בעט מיט א קליין, צאַפּעלדיגען נפש'ל! ...

— גריגאָרי, פראַסטי! ווינאָווגא! זיינען געווען איהרע ווערטער, באגלייט מיט א שטראָם טרעהרען פון איהרע שעהנע אויגען...

זובאַקאָוו האָט דערפיהלט גרויס מיטלייד צו דער אומגליק־ליכער און האָט זי אוים רחמנות א קוש געטאָן אין שטערען און איז געבליבען אין פארלעגענהייט... מיט וואָס פאר א רעכט קושט ער א זינדיגע, אָדער א פרעמדע פרוי?

אין הארצען האָט ער אפילו געפיהלט עפּעס אנדערש.... ער ליבט בערטאַ'ן! און ניט נאָר דעם נאָמען, זאָנדערען איהר גע־זיכט, איהר קערפּער... א פראגע איז יעצט נאָר וועגען איהר נשמה...

און איידער ער איז געקומען צום שלום, וואָס ס'איז זינדיג אין איהר, האָט איהם א בעאַמטער פלוצלונג געפרעגט, אויב בערטאַ איז זיין פרוי?

זובאַקאָוו איז געוואָרען אין א נאָך א גרעסערע פארנעלענ־הייט, ער האָט ניט געקענט ענטפערען אויף דער פראגע.

זאָגען דעם אמת, האָט ער זיך געשעמט „יעצט"; זאָגען א ליגען, איז איהם שווער געווען... איהם איז אפילו שווער געווען צו דענקען, אז די זינדערין זאָל אמאָל זיין פרוי זיין, ניט ווילענדיג וויסען פון דעם אינערליכען קאמף! ...

דער בעאַמטער האָט שטרענג געפאָדערט אן ענטפער אויף זיין פראגע און א דערשראָקענער האָט זובאַקאָוו געזאָגט דעם אמת, אז זי איז זיין כלה נאָר זייט איינינע וואכען.

אויב ער איז צופרידען צו הייראטען מיט איהר? האָט איהם דער בעאַמטער געפרעגט. זובאקאָוו איז שטום געבליבען; איהם איז שווער געווען צו זאָגען אז ער וויל מיט איהר ניט הייראטען, ווייל ניט יעצט איז געווען דער גינסטיגער מאָמענט צו געבען אזא שטאַרקען פּלאַפּ א קראַנקער, אומגליקליכער פרוי!...
און מרוצה ווערען הייראטען „אזא מיידעל", האָט ער זיך געשעהמט אפילו פאַר דעם אומבאַקאַנטען, אמעריקאַנער באַאמטען.

דער באַאמטער האָט אָבער שטרענג געפאָדערט אַן ענטפער און האָט דערביי באַמערקט, אז הייראַטען וועלען זיי מוזען דאָ אויפ'ן אינזעל, פאַר זיינע אויגען און אָהן דעם קענען זיי ניט לאַנדען אין דער גאָלדענער מדינה!

ביי איהם האָט אריינגעבליצט א גליקליכער געדאַנק: צו הייראַטען „אויף א ווילע", אבי צו בלייבען א היגער... ס'האָט שוין אָבער ניט געהאָלפען, ווייל בערטא האָט זיך אָנגעגעבען אלס א פאַרהייראטע. זי האָט דען געקענט אנדערש זאָגען?...

די באַאמטע האָבען איהר מעהר געגלויבט, ווייל אזוי האָט זיך בעסער געלייגט אויפ'ן שכל...

אָבער אזוי, ווי איינער פון זיי האָט ליגען געזאָגט, און מעגליך, אזביידע האָבען „פאַרביינגט" דעם אמת און יעדענפאַלס זיינען זיי ביידע פאַרדעכטיגע סוביעקטען, איז באַשלאָסען געוואָרען זיי צוריקצושיקען. איהם — מיט'ן זעלבען שיף און זי — מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער, ווען זי וועט זיך ערהאָלען פונ'ם קינפּעט.

זובאקאָוו האָט זיך על פּי הרחק צופרידען געפיהלט דערמיט, וואָס ער ווערט פּטור פון א שווערען „פּעקעל"...

אין רוסלאַנד האָט ער זיך געטראָפען מיט בערטא'ס פאָטער, וועלכען ער האָט אָנפאַנגס ניט געוואָלט דערצעהלען דעם גאַנצען אמת וועגען זיין טאָכטער און אפילו וואו זי געפינט זיך.

האָט מען איהם ארעסטירט, צו צווינגען זאָגען דעם אמת.

שפּעטער, ווען ער האָט ערקלעהרט די גאַנצע געשיכטע, האָט מען איהם ניט געגלויבט. ס'איז געוואָרען א פאַרדאַכט אויף מאָרד און מ'האָט איהם אָהן איבעריגען דרך ארץ פאַרשפּאַרט אין טורמע!...

עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען טאָג־טעגליכע אויספאָרשונגען. מ'האָט איהם מיט אלע מיני פורעניות, מעשים תעתועים געצוואונגען מודה זיין זיך אין דעם שרעקליכען פארברעכען. מאָנאַטען האָט ער געלעבט מיט זעהר וועניג ברויט און א קאַרגע ביסעל וואסער! ער האָט געפיהלט, אז ער ווערט משוגע פון צרות... ס'האָט גענומען א גאַנציער האלב יאָהר, ביז ער האָט דערוויזען זיין אומשולד, ווייל בערטא, איז קומענדיג קיין רוסלאנד גלייך אַפּגעפאָהרען אין ענגלאנד צו באַהאַלטען איהר „בושה", וואו זי האָט געהאט אנגעגעבען זיך פאר אן אלמנה און אויסברייננגען זיך „אויפ'ן לויט"...

און דער באפרייטער זובאקאָוו האָט יעצט געציטערט פאר א דיקער מיידעל! געוויינט ווי פון א מגפה, ווי פון פייער! ...

זיי בלייבען ביים „קערן".

דעם גאנצען יאָהר, פון די תנאים ביז דער חתונה, האָט דר. ברונאָוו געהאַלטען פאר זיין הייליגען „מוז" צו ערפילען דעם מינדעסטען פארלאנג פון זיין הייס־געליבטער כלה. פיל מאָל האָט ער געשיקט אָנשטאָט זיך אַן אנדער דאָקטאָר צו אַן ענט־בינדונג פון א קינפּעטאָרין, זיינע א שטענדיגע פּאציענטין, ווייל בערטא האָט דעמאָלט געוואָלט געהן אין טעאטער, ער האָט פיל פּראַקטיקע פארלאָרען צוליב איהר'ן עפּעס א קאַפּריז...

נאָך דער חתונה האָט ער געזוכט אויסצובעסערען די פעה־לערען, וועלכע ער האָט געמאכט אין זיין פּראפעסיאָן און אויף דער פרוי'ס פארלאנגען — צו געהן אמוזירען זיך, פלעגט ער גאנץ געמיטליך ענטפערען: „איך קאָן ניט, האָב קיין צייט ניט".

די פּלוצלונגע „איבערקעהרעניש" האָט בערטע'ן ענטוישט ביז פארצווייפלונג! זי איז געווען מעהר ווי זיכער, אז דער מאַן ליבט איהר שוין ניט מעהר. די אורזאכע צו אזא געשעהעניש, האָט זי באַלד אויסגעפונען און האָט טעלעפאָנירט צו איהר ברו־דער — ער זאָל קומען אם שנעלסטען.

ביי זיין אריינקומען האָט זי צוגעשלאָסען די טיר און פּי־בערהאפט דערצעהלט איהם, אז זי האָט שוין איצט לעבעדיגע פאַקטען, ווארום איהר מאַן איז געווארען אזוי קאַלט צו איהר; אז זי האָט שוין איינינגע מאָל געזעהן, שפּעט ביי נאכט אריינ־קומען צו איהם א שעהנע יונגע ווייב'ל, מיט וועלכער דער דאָק־טאָר פארשליסט זיך אין זיין צימער אויף א לאנגע צייט.

אויפגערעגט און פארצווייפעלט איז זי ארויסגעפאַלען איהר ברודער אויפ'ן האלז און האָט שטיל געשטיקט זיך מיט איהרע טרעהרען.

דעם שעהנעם סטודענט האָט איהר פאַרצווייפלונג זעהר געריהרט און ער האָט איהר געדריקט צו זיך און געקושט.

— דו דאַרפסט רעדען מיט איהם „אָפען” פרעגען אן ערקלערונג אויף אַלעם — האָט ער איהר געראַטען שטיל, אויפ׳ן אויער.

— מיין האַרץ איז מיר אַזוי פאַרשטיינערט, אַז איך קאָן ניט עפענען אַ מויל — האָט זי איהם ערקלערט — שוין פון עטליכע וואָכען בין איך צו איהם קאַלט ווי אייז! ער זעהט פון פון מיר קיין פריילעכע מינע ניט... איך האָב געהאָפט, אַז ער וועט מיך פרעגען וועגען דעם, וואָלט איך שוין דעמאָלט פרעגען איהם צוריק דיזעלבע זאַך און וואָלט טאַקע מיט איין גאַנג פאַרלאַנגט פון איהם אַן ערקלערונג אויף אַלעס... איהם אינטערעסירט דאָס איצט גאַנץ ווייניג — שווייגט ער!

— איך וועל זיך מישב זיין, וואָס צו טאָן — האָט ער געזאָגט — און דו באַרוהיג זיך דערווייל און היט דיין געזונט. מעגליך, אַז דאָ איז, צווישען אייך ביידען, אַ מיספאַרשטענדניש, אומזיסטער צער...

אויף זיין וועג צוריק אהיים, אויפ׳ן קאַרנער פונ׳ם זעלבען בלאָק, איז פאַר איהם אויסגעוואַקסען אַ הויכע פרויען פיגור, איינגעהילט אין שוואַרצען און האָט געגען זיין געזיכט געהאַלטען אַ קליינע פאָטאָגראַפישע קאַמערא.

ביים שיין פונ׳ם עלעקטרישען לאָמפּ האָט ער דייטליך געזעהן, אַז מ׳פאָטאָגראַפירט איהם.

ער האָט זיך אביסעל צומישט, האַלב דערשראָקען און איידער ער האָט צייט געהאַט עפעס צו זאָגען, איז זי פאַרשוואונדען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

* * *

דר. ברונאָוו, ניט באַגרייפענדיג די אורזאַכע פון די אייזקאַלטע בענעהמונגען פון זיין פרוי, האָט פאַרדעכטיגט, אַז זי ליבט איהם ניט. האָט ער אָנגעשטעלט אַ פרוי־דעטעקטיוו — אויסצוגעפינען דעם אמת און איז באַלד געווען, ווי מיט אַ דונער דערשלאָגען פון אַ פינסטערער בשורה, אַז מ׳האָט דורכ׳ן שליסעל לאָך געזעהן אַזעלכעס, וואָס בעשעטיגט דייטליך, אַז זיין פרוי

באלאנגט שוין צו א צווייטען, וועלכען זי ליבט מיט לייב און לעבען ! ...

ער האט זעהר באדויערט, וואס דער סקאנדאל וועט מוזען באלד ארוים אין דער עפענטליכקייט. ער האט זיך אבער ניט נעקאנט העלפען, ווייל זיין דעטעקטיוו איז א פרוי...

דאס גלייכסטע איז פאר איהם יעצט געווען צו פארקלא־גען זיין פרוי אויף א גט, ניט אפלייגענדיג דאס אויפ'ן „לאנגען באנק", צוליב פילע טעמים.

ערשטענס, האבען די מעגליכקייט צו פארנעהמען איהר פלאץ, אין זיין הארצען, מיט אן ארענטליכע, איבערגעגעבענע פרוי,

צווייטענס, צו צייגען זיינע פריינט און באקאנטע, אז ער איז ניט קיין „לעמעשקע" און לאזט זיך ניט שפייען אין פנים אריין...

דריטענס, זיין צווייטע פרוי זאל וויסען, אז ער האט „גרויסע אויגען"... און ממילא וועט ער שוין ניט קומען צו אזא מדרגה...

זיין אויפגערעגטע, ערביטערטע נשמה זוכענדיג א נצחון, האט איהם ערלויבט אפילו דו דענקען, אז דאס וועט איהם געבען א גרויסע רעקאמענדאציע אין דער מעדיצינישער וועלט: קינד און קייט וועלעןריידען פון דר. ברונאוו און דאס וועט פיל פאר־בעסערען זיין פראקטיק ! ...

בערטהא איז זעהר פארצווייפעלט געווען פון דעם אומער־ווארטעטען קלאפ. ס'האט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט איהר דעם וועג פארלאפען...

האט זי, אהן א לאנגען ישוב הדעת געמאכט א נעגען־קלאגע אויף איהר מאן, נעגען וועלכען זי איז זיכער געווען, אז ער וויל פון איהר פטור ווערען, אום צו האבען א מעגליכקייט הייראטען זיין געליבטע, די „נאכטיגע באזוכערין"...

* * *

זייערע פראצעסען זיינען פארגעקומען אויף איין מאל.

דר. ברונאוו'ס דעטעקטיוו האט באשטעטיגט זיין קלאגע מיט אלע אותות ומופתים, האט אפילו געגעבען דעם ריכטער א קליינע פאטאגראפישע בילד'ל פון דעם „בעל דבר", וועלכען זי האט פארשפראכען צו ברייננען באלד אין געריכט'ס זאל.

בערטאַ איז געזעסען מיט ארונטערגעלאָזענע אויגען, זעהר פאַרשעהמט און דערשלאָגען. פון קיין עקשנוסת, קנאה, שנאָה, נקמה האָט זי יעצט קיין אהנונג ניט געהאט. זי האָט נאָר באַדויערט דעם פארלוסט פון איהר מאַן, וועלכער איז יעצט פיל ווירדיגער געוואָרען אין איהרע אויגען.

זי האָט זיך געפיהלט יעצט שולדיג אין דער גאַנצער „חתונה" זי האָט איהם זעהר געליבט אָבער צו שטאָלץ געווען געבען איהם דאָס צו וויסען...

„אָרעמער דאָקטאָר — האָט געבלוטעט איהר הארץ — ער האָט נעבעך געלעכצעט נאָך הייסע ליבע, ווארעמע פריינדשאפט... און אַ פרעמדע, אַ ווילד־פרעמדע האָט דאָס איהם געגעבען! ...

אין דעם מאָמענט איז אריינגעקומען דער סטודענט, וועלכען בערטאַ'ס אדוואָקאט האָט פאַרגעשטעלט פאַר'ן ריכטער אַלס דעם איינציגען עדות, צו איבערצייגען די אומשולד פון דער אָנגעקלאָגטער און צו באשטעטיגען איהר קלאגע געגען איהר מאַן.

— ער קאָן ניט זיין קיין עדות אין דעם פראצעס! — האָט דער ריכטער געזאָגט, איהם באַלד דערקאָנענדיג ביי זיין עהנליכקייט צו דער בילדעל, וועלכע איז געלעגען ביי איהם אויפ'ן טיש.

דער דאָקטאָר איז אין דער צייט געזעסען מיט אַן ארונטערגעזונקענעם קאָפּ. אין זיין הארצען איז אָנגעגאַנגען אַ געוואַלדיגער קאמף; ער האָט געזוכט צו דערשטיקען זיין הייסע ליבע צו דער פרוי, וועלכע מוז יעצט „שטאַרבען" פאַר זיינע געפיהלען! .. ער האָט זיך געהיט אויף איהר אַ קוק צו טאָן, וועלענדיג פארגעסען איהר שעהנקייט, וועלכע האָט איהם יעצט, מעהר פון אַלע מאָל, געצופט און געגאָגט ביים הארצען! ... ער האָט מיט אומגעדולד ערוואַרטעט דעם פסק־דין פונ'ם ריכטער, וועלכער וועט איין מאָל פאַר אַלע מאָל, מאכען אַן ענדע צו די קלעמעניש פון זיין נשמה! ...

אויפהויבענדיג די אויגען און דערזעהענדיג דעם סטודענט, זיין שוואָגער און זיין בעסטען פריינד, האָבען זיך ביי איהם אין גאַנצען צומישט זיינע רעיונות. ער האָט זיך פראָסט געשעמט מיט זיך אַליין...

— דאָס איז דער מאַן, הערר ריכטער! — האָט געטייטעלט אויפ'ן סטודענט די צוריקגעקומענע פרוי־דעטעקטיוו — איך האָב איהם געזעהן שפּעט ביי נאַכט איינגעשלאָסען אין אַ צימער מיט פרוי ברונאָוו און האָב אויך דורכ'ן שליסעל לאָך געזעהן...

— הערר ריכטער! — איז בערטאַ אויפגעשפּרונגען מיט אַ צופלאַמטען פּנים — איך שווער אייך ביי גאָט און ביי אַלעס, וואָס מיר הייליג איז, אַז אָט די נידערטרעכטיגע פרוי האָט דאָס רוּאינירט מיין גליק, צוריסען מיין לעבען! איך האָב איהר איינציגע מאָל געזעהן שפּעט ביי נאַכט אריינקומען צו מיין מאַן, ניט אין זיין אָפיס, נאָר אין זיין קאַבינעט, וואו זיי פלעגען זיך פארשליסען אויף אַ לאַנגע צייט. פרעגט מיין ברודער — האָט זי אָנגעצייגט אויפ'ן סטודענט — ער וועט אייך אַלעס באַשטעטיגען.

— ע, מע, בע, וואס? — האָט צומישט געמורמעלט די פרוי־דעטעקטיוו.

אין געריכטס זאַל איז געוואָרען אַ מהומה...

דער דאָקטאָר איז אויפגעשפּרונגען און געבליבען שטעהן מיט אַן אָפענעם מויל און מיט אויסגעסטאַרטשטע, נארישע אויגען.

בערטאַ איז געוואָרען מטושטש, די אדוואָקאַטען האָבען זיך אָנגעקוקט, ווי הענער, וועלכע מען צוטרייבט אין מיטען קאַמף — ביידע פארשפּילען...

— דר. ברונאָוו! — האָט דער ריכטער געשמייכעלט אין די וואָנסען — איהר זענט דאָ אַלע, ווי ניט דערשלאָפענע אקטיאָרען... נעמט אייער פרוי און געהט אהיים...

שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטען מיט אַ הילכיגען געלעכטער האָבען פארטויבט דעם גאַנצען זאַל און דער דאָקטאָר מיט זיין ווייב'ל האָבען זיך ארויסגעכאַפּט, ווי פון אַ שרפה..

לא תחמוד — מ'טאָר ניט וועלען!

רב איציקעל — ווי מען האָט איהם גערופען אין דער היים, ווייל ער האָט געהאַט סמיכה אויף רבנות — איז דאָ, אין דער פרייער אמעריקא, באַלד באַגייסטערט געוואָרען פון אַלע פרייהייטען און איז גאָר נשתומם געוואָרען פון דעם פאַרגעניגענדען, כמעט צובאַלעוועטען לעבען פון די היגע דאָקטוירים.

„ס'א קליינינקייט, שטענדיג ארומקאַטאַיען זיך אויף אויטאָמאָבילס!"...

און ער האָט באַלד באַשלאָסען: צו „שמד'ן" זיך פון רב אויף דאָקטאָר!

וואָס מיר רב? טאָפּטשען און טשיאָפּקען זיך דאָס גאַנצע לעבען צופוס? ניין! ...

דער „מהלך" פון רב צו דאָקטאָר האָט איהם אויף א האָר ניט געשראָקען, ווייל „דער מח האָט איהם ניט גענאַרט" — האָט ער געוואוסט. ער וועט איבערנעהמען די "תורה" גיך און גוט!

אַלאַ, וואָס דען, די „קלינגערס" פעהלען איהם? איז אָבער די שאלה אויך געווען פאַרענטפערט: אין אמעריקא שטודירען אַלע דאָקטוירים „אויף מיידעלשע פּלייצעס": די מיידלעך גיבען זיי שוין אַלעס.

איז ביי איציק'לען נאָר איין שאלה געשטאַנען אינ'ם וועג: א מיידעל! — וואו נעהמט מען א מיידעל?

צו האַנדלען מיט א שדכן האָט איהם יעצט ניט געפּאַסט, ווי באַלד ער שניידט זיך אויף דאָקטאָר; ער מוז אצינד — איין מאָל פאַר אַלע מאָל — אַליין באַקענען זיך מיט א מיידעל און טאַקע זעהן אויסאַרבייטען אַן אמת'ע ליבע, מיט אַלע קליפּערלעך, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר א דאָקטאָר! ...

ווי צו געפינען דער מיידעל, אויסנעהמען ביי איהר, מאַכען א גוטען איינדרוק מיט'ן ערשטען מאָל, איז ביי איהם קיין דאגה נים געווען, ווייל ער האָט גוט געוואוסט פון עטיקעטע דאַמען־ עהרע, און אפילו — פון לײדים „פּאָיסט": אָפּגעבען דעם זיץ אין קאַר, אונטערכאַפּען אין דער לופטען איהר נאָז־טיכעל, שנעל אויפהויבען אלעס, וואָס ביי איהר פאַלט ארויס פון האנט און איבערגעבען דאָס איהר, אי מיט דרך ארץ, אי מיט א ליבליכען שמייכעל און סיי זי דאנקט אָפּ דערפאַר, סיי נים — ארונטער־ כאַפּען דעם הוט און זאָגען: „דאַצים אָרייט".

האָט זיך דער בחור אוועקגעלאָזען זוכען זיין באשערטע, אזש קיין בראָנזוויל, ווייל דאָרטען — האָט ער געהערט — איז א גרויסער כרך, מיט שעהנע מיידלעך, וועלכע ווייסען שוין, ווי אויסהאָדעווען א דאָקטאָר, און — פאַרזאָרגען איהם מיט אן אויטאָמאָביל.

פאָהרענדיג אויפ'ן טריין איז פונקט קעגען איהם געזעסען א מויד, א צימעס, — א שטיק גאָלד! פּעך־שוואַרצע ברענענ־ דיגע אויגען, דורך וועלכע ס'האָט געוואונקען און געשמייכעלט א גוטע נשמה.

ביי דעם לאַנגען, האַרען בחור האָבען די קליינע, שוואַרצע, פינקעלדיגע אויגען געשליידערט מיט האָלאָוועשקעס. די ברייטע נאָז־לעכער פון זיין קורצען, פאַרריסענעם נעזעל, האָבען גע־ טאַנצט, און די פיהלענדע האַרץ האָט געהאַקט האַלץ...

ער האָט זיך גליקליך געשעצט: העלפּט ארבייט איז שוין אָפּגעטאָן — ער איז שוין פאַרליבט. אצינד דאַרף ער אונטער־ לייגען פייער פון צווייטען זייט — און דער שידוך איז געשלאָ־ סען! ...

איציק'ל האָט זיינע אויגען נים אראָפּגענומען פון זיין גע־ ליבטער, האָט געהיט איהר יעדען ריהר מיט אן אבר, יעדע באַ־ וועגונג. ער האָט געזוכט א געלעגענהייט צו לייסטען זיינע דינס־ טען און צו באַקענען זיך. און פּלוצלונג, אויף זיין מזל — טראָך דער שירעם פון דער מיידעל'ס האַנט...

ווי א ברענענדיגער חסיד צוכאַפּט די שיריים פון זיין רבי'ן,

האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו דעם שירעם און מיט אַ קלאַפּענ־דער האַרץ איבערגעגעבען איהם צו זיין קינפטיגער כלה.

— „ציז אַרייט״, איהר דאַרפט ניט דאנקען! — האָט ער אַרונטערגעכאַפּט זיין הוט, נאָך איידער „יענע״ האָט צייט געהאַט איהר מויל צו עפענען — פיליכט פאַהרען זיי אויפ׳ן זעלבען וועג? — האָט ער זיך צוגעאיילט צו פאַרפיהרען אַ געשפּרעך.

— נו, גאַנץ געוויס! — האָט זי ליבליך געשמייכעלט, צייגענדיג איהרע שנעע־ווייסע ציינער.

ביים בחור האָט זיך די נשמה אַ צאַפּעל געטאָן, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז דורכגעלאָפען דורך זיין גאַנצען קערפּער. ער האָט פאַרגעסען: „דאָקטאָר״, „אויטאָמאָביל״, „קאַטאַיען זיך״— פאַרגעסען אַלעס, איין זאַך האָט ער יעצט געוואָלט: דער שידוך זאָל, וואָס שנעלער, געשלאָסען ווערען, וואָס גיכער, וואָס שנעלער!...

— ווי פאַהרען זיי דאָס גאַנץ אַליין? — איז איהם איינגעפאַלען אַ טאַפּ־טאָן דעם דופק...

— איך בין אַ געשטראָפטע איך האָב קיינעם ניט! — האָט זי ווידער ליבליך געשמייכעלט.

— און קיין מאָל ניט געהאַט קיינעם? — איז געשפּרונגען זיין האַרץ פון די אַנגלאָבליעס.

— פון וואַנען? אַ פּריץ האָט פאַרלאָרען? — האָט זי קאָקעטיש געלאַכט.

איציק׳ל האָט זיך גליקליך געשעצט: „אַזוי ווי געוואונשען!״

— מעג איך אייך עפּעס פרעגען?...

— איין מינוט! — האָט זי איהם איבערגעשלאָגען, אַרויפלעגענדיג איהר האַנט אויפ׳ן מויל, — מיר וועלען באַלד אַרונטערגעהן פונ׳ם טריין, זיינען מיר פרייע מענשען...

— אָבער איצט מעגען מיר דאָך עפּעס רעדען? — האָט ער אָנגעפאַנגען, ווען זיי זיינען שוין אין גאַס געווען.

— האָט אביסעל געדולד — האַלט זיך איין! — האָט זי שטיפעריש איהם אַ קיצעל געטאָן אונטער׳ן אָרעם — באַלד זיינען מיר „אינסייד״, וועט איהר טאָן, וואָס איהר׳ט ווען!...

„אזוי שנעל געמאכט אזא גוטען איינדרוק!” — האָט ער זיך אין הארצען גליקליך געשעצט.

— הכלל, אווו געהען מיר? — האָט ער זיך ניט איינגעהאַל־טען און א פרעג געטאָן.

— אין א שעהנעם האָטעל — האָט זי שטיל געענטפערט.

„אָה, זי מוז זיין גוט רייך, אז זי קאָן באהויפטען א האָטעל! אזא גליק, אזא גליק!” האָט ער שוין געזעהן יעצט באשיינפער־ליך, אז ער וועט ניט בלייבען קיין צו־פוס־געהער.

„ענע, וואו האָסטו פאָטשיאפעט אזא העכט?” — האָבען זיך דערהערט פרעהליכע שטימען פון אלע זייטען, באלד, ווי זיי זיינען אין הויז אריין. און מיידלעך, לעבעדיגע, לוסטיגע, אויס־געפארבטע, אויסגעקאַלכטע — ווי ביי א הייטישען גביר די הויז פאר פסח — זיינען איהם באפאַלען פון אלע זייטען: „א טריט”, „גוטע זאכען”, „א גלאָז ביער”, „איך ליב דיך אזוי!” און — פלוצלונג האָבען אייניגע געקושט זייערע הענט אויף זיינע באקען און יעדע האָט איהם געצופט און געריסען צו זיך! ...

איציקעל האָט פארשטאַנען די ביטערקייט פון זיין לאגע, און האָט זיך, פראָסט, מיט די לעצטע כוחות ארויסגעריסען אויפ'ן גאַס און איז געלאָפען, וואו די אויגען האָבען איהם געטראָגען.

ערשט, קומענדיג צום טריין, האָט ער זיך געכאפט, אז איהם פעהלט: דער זייגער; דאָס גאנצע ביסעל געלט, וואָס ער האָט פארמאָגט; אלע פאפירען פון זיין בוזים־קעשענע; די דיפּלאָמע — סמיכה אויף הוראה; אלע רעקאָמענדאציעס און די אדרעסען פון זיין משפחה און לאנסלייט, אָהן וועלכע ער האָט זיך דער־פיהלט עלענד, ווי אין א וואלד! ...

— רבונו של עולם! רבונו דעלמא כולא! — האָט ער פארצווייפעלט אויסגעשריען, און א שטראָם זודיגע טרעהרען האָט פארפלייצט זיינע אויגען, און א גרויסער פייער־שפריצענדער „לא תחמוד” איז אויסגעוואקסען פאר איהם, האָט געשטאָכען זיין הארץ און געברענט זיין נשמה! ...

אויסגעקריינקט די מצוה.

די מיסעס צינגעל איז געווען א קיילעכדיג-געבויטע, פעסט־געזעצטע אידענע, פון מיטעלע יאָהרען מיט א שווארץ ברוינעם געזיכט, קליינע שערע אויגען, מיט א באַלעבאַטישען נעזעל און א גביר'ישען מויל!...

זי אַליין האָט זיך געהאַלטען פאר זעהר א שטילער און — א גוטער ווייבעל. אָבער דער גאַנצער קווארטאַל האָט זיך געהיט צו האָבען מיט איהר א מגע ומשא; עפּעס האָבען אַלע געציטערט פאַר איהר שיין!...

וועגען איהר רייכקייט איז געווען חלוקי דעות. פרומע אידען, ניט ווילענדיג מפלפל זיין זיך מיט דעם תמצית הענין, האָבען גע־גלויבט, אַז דאָס איז השגחה פּרטית, השגחה העליונה. ווייבער אָהן קליינע קנידער, האָבענדיג געגוג צייט חוקר ודורש זיין די „וויכטיגע" זאַך, האָבען געוואוסט, אַז איהר ערשטער מאַן האָט באַלד נאָך דער חתונה אָנגעהויבען שפּייען מיט דער ערשטער פון עשר מכות און האָט גערעטעט זיין לעבען מיט א „ויברח", איבערלאָזענדיג איהר א היבשען פּארמעגען און אביסעל שפּעטער האָט ער איהר צוגעשיקט א גט; אַז דער צווייטער מאַן איהרער איז שוין געווען אַן איינגעשפּאַרטער איד, מיט אייזערנעם געדולד און האָט געקעמפּפט ביז צו לעצט... ער האָט אָבער קיין איבעריגע אריחות ימים ניט געהאַט און האָט, אויס נקמה, איבערגעלאָזען איהר אַן אַלמנה, מיט א צוואה, וועלכע האָט געהייסען פּאַרלירען דאָס גראַנצע רעכט אויף דער גרויסער ירושה, אויב זי וועט אמאָל הייראַטען.

אַזוי פילאָזאָפיש און גוטהערציג איז ער געשטאָרבען.

די מיסעס צינגעל האָט גאָר קיין שום ספק ניט געהאַט, אַז וואָס די מענער „שטעהען" ביי איהר ניט, רחמנה לצלן, איז דאָס א

בישוף, אָדער עין הרע, און אַזוי ווי זי וואוינט די גאַנצע צייט צווישען אידען, איז דאָס גיכער עין הרע געווען... און די פרוי האָט געציטערט פאַר אַ „בייזער אויג" מעהר פון אַלעם!...

פון זיכערהייט וועגען, האָט זי איהרע קינדער געלאָזען ארומ־געהן שטענדיג ארומגעריסען, ארומגעשליסען מיט שמוציגע פּנימ'־לעך.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז איהר זעקס־יעהריגער היימילע פאַרלויפט פון סקול מיט זרח דעם מלמד'ס אינגעלע צו זרח'ן אין הויז. דער־זעהענדיג אויפ'ן קינד די אַרומגעריסענע בגדים'לעך, מיט די צו־ריסענע, צוקרימטע שיכעלעך, האָט ביים מלמד פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

— זעה נור ברײנע זלאַטע, וואָס פאַר אַן אָרעם קינד נעבאך! האָט ער שטיל אריינגערוימט זיין פרוי אַ סוד — ס'וואָלט באמת געווען אַ גרויסער יושר אָנצוקלײדען איהם עפּעס פון זלמנ'קעס חפצים, זיי זיינען דאָך איהם ב"ה צו קליין, אָהן עין הרע!

— וואָס איז דיין געשעפט צו קוקען אויף פרעמדע קינדער? איז ברײנע זלאַטע ברוגז געוואָרען.

— איך קאָן פאַר זלמנ'קעס זאַכען עפּעס נעהמען... דער סוטעל איז דאָך נאָך גאָר אַ גוטער און די שיכלעך זיינען דאָך כמעט נייאינקע!

— אַ משל! למאי דאַרפסטו ריידען אַזוי פיל? האָט איהם פאַרדראָסען.

— ביי וואָס ארבייט דיין טאַטע? האָט זי — האַלטענדיג זיך פאַר אַ קלוגע — אָנגעהויבען חוקר ודורש זיין.

— איך האָב ניט קיין פּאַפּאַ! האָט דער אינגעל געענטפערט.

— אוי, אַ בראָך איז מיר! איז זי אָפּגעשפּרונגען, ברעכענ־דיג די הענט.

— השם יתברך זאָל מציל ומשמור זיין! האָט זרח פאַרגלאָצט די אויגען.

— האָסט היינט געגעסען עפּעס, מיין קינד? האָט ברײנע־זלאַטע נאָכגעפרעגט זיך, מיט אַ צובראָכען האַרץ.

— מאַך ניט קיין מחזקות! איז זרח אין כעס געוואָרען, מיינענדיג אַז זיין פּלונית'טע געהט נאָך אַלץ אָן מיט איהרע חקירות

— ס'איז בנאמנות אַ חרפּה... דערמאָן זיך — מלביש ערומים!...

ברײנע זלאַטע האָט פיל בעדײטענד באַטראַכט זרח'ן, זײן טויט־בלאַסען אײנגעשרומפּפט פּנים, זײן לאַנגען, דאַרען קערפּער, מיט דער אײנגעפאַלענער ברוסט, האָט זיך טיף אַפּגעזיפצט און אין הארצען גאָט געבעטען „ער" זאָל זיך מרחם זײן איבער איהרע קינדערלעך...

זי האָט באַלד אַרויסגענומען פון קאַמאָד זלמנ'קעס סוטל מיט די שיכלעך און דאָט דאָס אָנגעטאָן דעם „אָרעם־בחור'ל". מיט איין גאַנג האָט זי איהם אַרומגעוואַשען זײן שמוציג פּנימ'ל און פאַרקאַמט די הערלאַך און האָט אין איהר מחשבה געהאַט איין רעיון: זאָל זיין נאָר „אָנגענומען" און „ער" זאָל שוין אָפּהיטען איהרע קינדערלעך...

אוועקשיקענדיג דעם אינגעל אהיים, האָט זיך זרח געפיהלט זעהר תקיף, ער האָט געשפּירט בתכלית אתיקון הנפש. ברײנע־זלאַטע האָט גראָדע געפיהלט אַ ביטערקייט אין איהר נשמה און מיט שרעק און ערנסטען פאַרדאַכט געקוקט אויף איהר ברויט־געבער...

„גאָט ווייס! גאָט ווייס!" האָט געקלעמט איהר האַרץ און איהר האָט געקרײנקט יעצט, וואָרום זי האָט דעם אָרעם קינד ניט געפרעגט, צו איז זיין פאָטער אויך ניט געווען אַ מלמד?

באַלד איז אַרײנגעלאָפען צו זײן אין הויז די מיסעם צינגעל, האַלטענדיג פאַר אַ הענטעל דעם נאָר וואָס געוועזענעם דאָ יתומ'ל, מיט אַ פּעקעלע אונטער'ן אָרעם. זי איז געווען ווייס, ווי קאַלך, מיט פּענע אויף די בלויע ליפען און מיט אַ שרעקליכען פייער אין די אויגען!

זרח, דערזעהענדיג איהר, האָט באַלד דערקאָנט ווער זי איז און ניט ווילענדיג אַרײנפאַלען אין איהר מויל, האָט ער זיך אויף גיך אַרײנגעכאַפּט אין בעט און אַריבערגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע.

— פּאַסקודנע שנאָרערקע, וואָס דו ביזט! האָט זי זיך אַרויפ־געוואָרפען אויף ברײנע־זלאַטען — פאַרדאַמטע הקדש־פרוי, מיינסט איך וועל דיר שווייגען? מיט וואָס פאַר אַ רעכט טוסטו מיר אָן אַזאַ שאַנדע, אַזאַ באַליידיגונג? און איידער די אונגליקליכע פרוי

האָט פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך איז שוין דער שייטעל, דער פאַרוק איהרער, געלעגען אונטער די פיס און מיסעס צינגעל'ס נעגעל האָבען איהר געקראַצט דעם אָפּגעגאָלטען קאָפּ!...

— זרח, גזלן! זי דערשטיקט דאָך מיך! האָט פאַרצווייפעלט אויסגעשריען די אויף טויט דערשראָקענע מלמד'קע.

— מרשעת! חצופה! ארויס פון הויז! האָט זיך דערהערט, ווי פון ערגעץ ווייט אַ הייזעריגער קול פון אונטער'ן קאָלדרע און באַלד איז צוגעלאָפען זרח מיט אַן עכט טויטען פנים און האָט אויסגעשטעלט אויף זיין גאַסט זיינע גרויסע, שוואַרצע אויסגעלאָשענע אויגען, ניט קאָנענדיג זאָגען אַ וואָרט פאַר שרעק און כעס!

דער צוואָווילדעטער מיסעס צינגעל האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז פאַר איהר איז אויסגעוואַקסען דער סקעלעט פון איהר ערשטען מאַן און זי איז אַ צושראָקענע, אָהן לשון ארויסגעלאָפען פון הויז.

„אויסגעקריינקט די מצוה" האָט זיך זרח'ן געוואָלט זאָגען. ער האָט אָבער געהאַלטען מויל, פיהלענדיג זיך „איינגאַנצען דער שולדיגער."

אריינגעשמוגעלט א בריליאנט.

די גרינע חתן־כלה, דוד מיט באשען, האָבען זיך די ערשטע וואָך, קומענדיג אין אמעריקא, אוועקגעלאָזען פון בראָנזוויל אזש אין די בראָנקס וויזיטען זייער רייכען קאָזין, א קלאָאקס מאנופעקטשו־רער, מיסטער זאגרעבאָלע; פאָהרענדיג מיט דער קאר האָט ביי זיי די הארץ געציטערט: פיליכט האָבען זיי גענומען ניט דעם ריכטיגען טראמוויי ?... גוטע מענשען האָבען זיי געצייגט מיט וועלכען טראמוויי צו פאָהרען, לויט דעם אדרעס, וועלכען זיי האָבען געהאט פון דער היים; אָבער די אמעריקאַנצעס האָבען פיליכט געמאכט א טעות, ניט גוט פארשטאנען, וואָס א רוסישער אפטייקער האָט זיי אָנגעשריבען... זיינע ענגליש זעהט אוים אזוי ווי רוסיש... און ווידער קאָן דאָך זיין, אז זיי האָבען שוין גע־דארפט האָבען זייער „פערעסאדקע", נעהמען דעם צווייטען „פּאָ־יעזד"...

די לאנדס־פרוי, ביי וועלכע זיי זיינען אויף קווארטיר, האָט זיי אָנגעזאָגט, אז זיי וועלען האָבען צוויי „פערעסאדקעס", אָדער „טשענזשעס", ווי די אמעריקאנצעס רופען דאָס. פון טראמוויי וועלען זיי מוזען אריבערזעצען זיך אויף דעם עלעווייטעד און דער־נאָך אויף דער סאָבוויי. די נעמען פון די באהנען זענען אזעלכע משונה'דיגע — ס'איז משוגע צו ווערען.

דוד קוועטשט אויפ'ן הארצען זיינע צרות... רעדט ניט א וואָרט... באשע האָט שטאָלצירט די גאנצע צייט פון זייער רייזע ביז אמעריקא מיט זיין העלדישקייט... אויף די רוסישע באהנען און אפילו אויפ'ן שיף האָט ער זיך געקאָנט צוזאמענריידען מיט די „מאטראָזען" אויף „דייטש"!...

זיי פאָהרען יעצט מיט דער קאר. ביידע הייגגען אויף רי־מענס, באשע הייגגט אויף צוויי און איז אין טויט שרעק... זי

פיהלט שוין די הענד ניט!... זי קוקט מיט רחמנות'דיגע בליקען אויף דוד'ן... און ענדליך האָט ביי איהר געפּלאַצט דער געדולד: „מאַך שוין אַן ענדע"!

דוד איז זעהר פאַרצווייפעלט וועגען דער וועג-פראַגע; ער קוק זיך איין אין דעם „מאַרשרוט", מיט וועלכען זיין לאַנדס-פרוי האָט איהם פאַרזאָרגט, ער קען איהם ניט לעזען, אָבער ער קוקט אָפּט אריין אין איהם... פיליכט וועט ער זיך אויף עפּעס אָנ-שטויסען.. ער האָט שוין אייניגע מאָל געצייגט דעם „מאַרשרוט" דעם קאָנדוקטאָר און קריגט אַלץ דעם זעלבען ענטפער „אָלל-רייט"... הייגענדיג אויף איין האַנט און האַלטענדיג דעם „מאַרשרוט" אין דער צווייטער, האָט ער ארונטערגעוואָרפען אַ קורצען איטאַל-יענעם דעם הוט פון קאָפּ; יענער האָט איהם אָהן רחמנות אַ שטורך געטאָן אין רוקען און דוד איז ארויפגעפאַלען אויף אַ דיקע איירישע פרוי און ארויפגעטראָטען איהר אויף אַ הינער-אויג. יענע איז מיט אַ ווילדען געשריי אויפגעשפרונגען פון אָרט און באַשע האָט ניט דורכגעלאָזען די געלעגענהייט און איז זיך, ווי אַ שטיין ארונ-טערגעפאַלען אויף דעם ליידיגען פּלאַץ! די דיקע פרוי האָט עפּעס בייז געשריהען און געברעדט מיט הארץ... נאָר דער פּלוצ-לונגער געשריי פון'ם קאָנדוקטאָר „טשענגש פאָר די עלעווייטעד" האָט געמאַכט אַן ענדע, דער עולם האָט זיך געשטופּט צום ארוים-גאַנג, עם זיינען לעדיג געוואָרען די ביינק און דוד האָט זיך מיט אימפּעט, אָוועקגעזעצט לעבען באַשען און האָט זיך טיף אָפּגע-אָטעמט: „אָבער אַ נסיעה'לע!"

דער קאָנדוקטאָר איז שנעל צוגעלאָפען צו דוד'ן, אָהן דרך ארץ אָנגענומען פאַר'ן ארבעל און געשלעפּט צום טיר!

— בלייב ניט! וואָס זיצסטו? האָט דוד פאַרצווייפעלט געשריען... באַשען האָט דער חוצפּה'דיגער קאָנדוקטאָר זעהר העפ-ליך ארונטערגעפיהרט פון קאַר.

אַ ציה פאַר'ן שטריקעל, אַ קלונג פון אַ גלעקעל און דער טראַמ-וויי איז פאַרשוואונדען. די גרינע שטעהען פאַרצווייפעלט...

— איז דאָס אונזער „פערסאַדקע?" האָט באַשע געפרעגט.

דוד האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין „מאַרשרוט"... אַ פאַרבייגעהענדער פאָליסמאַן האָט אריינגעבליקט אין מאַרשרוט

און האָט די גרינע צוגעפיהרט צו די טרעפ פון עלעוויטעד און האָט זיי מיט'ן האַנט געצייגט „אפסטעירז"!

ביי דער קאַסע, וואו מ'פארקויפט ביליעטען האָט דוד גע־צייגט זיין מאַרשרוט און דער ענטפער „אָלל־רייט" האָט איהם פאָלקאָם בארוהיגט... די „אָללרייטס" פונ'ם טראַמוואַי קאָנדוק־טער האָבען איהם איבערצייגט אין דעם. ער געהט זיך צופרידען מיט די ביליעטען, אריינגעשטעקט אין זיין הוט, אויף דער פּלאַט־פארמע ווארטען אויפ'ן פאָיעזד... שמייכעלט צו באַשען „אָאַרייט" און דערפילט אַ שטאַרקען ציה פאר'ן ארבעל „טיקעטס"! „טי־קעטס". זיי האָבען זיך ביידע אומגעקוקט און דערזעהען אַ גרוי־סען ניגער מיט אַ האַלצערנע פּוס.

— וואָס וויל דער טרובאַטשיסט? — האָט באַשע געפרעגט פארוואונדערט — זעהסט ניט? אַ קאַלעקע נעבאך... וויל אַ נדבה. און דוד האָט איהם געגעבען צוויי סענט „פאר ביידען". דער „טרובאַטשיסט" גיט איהם דאָס געלד צוריק — „טיקעטס, טי־קעטס"! — נו, וואָס זאָגסטו אויף אמעריקא? האָט זיך דוד געווענדעט צו באַשען — ער מוז דיינקען, אז איך בין טאַקע אַ גאַנצער ראַטשילד!... נאָר, איידער באַשע האָט צייט געהאַט צו זאָגען עפּעס, דאָט שוין דער „טרבאַטשיסט" געשלעפּט דוד'ן פאר'ן האַנט צו אַ גלעזערנע קעסטעל — „גרינהאָרנס! גרינהאָרנס! ענד דהאַט'ס אָלל!"

אז דוד האָט דערזעהן אין קעסטעל ביליעטען פון זיין סאָרט, האָט ער פריי אויפגעאָטעמט... אריינגעוואָרפען זיינע אויך אהין און האָט צופרידען געלאַכט פון אמעריקאַנער פאַראַדקעס.

— ווי וועלען מיר יעצט פאָהרען אָהן ביליעטען? האָט זיך באַשע געוואונדערט.

— וואָס ביליעטען? — האָט דוד געלאַכט — מ'האַקט זיי דאָ אין קרויט!...

— עפּעס אַ משוגע'נע וועלט — האָט באַשע צוגעגעבען און האָבען זיך שנעל אריינגעשטופּט אין דעם אָנגעקומענעם טריין, דוד האָט איהר פארזאָרגט מיט אַ רימען און זי הייגגט שוין און ציטערט.

— איך האָב דאָס אויף מיין לעבען ניט געזעהען! האָט זיך

באַשע געערגערט — מענשען, זאַמד און שטערען... און אַלע איילען זיך אַזוי... מ'לויפט, מ'שטופּט זיך און אַלע אַזעלכע פּאַר־פּוצטע... מסתמא צו געסט ערגעץ... אָבער די שטופּעניש? מיט די קוועטשעניש? מ'קאָן בלייבען אָהן זייטען!... ביז די נחמה קאָן אַרויס די נשמה!...

דוד איז געווען באַשעפטיגט מיט אַן אַנדער פראַגע: פּיליכט פאָהרען זיי ניט אַהין? זיי האָבען אפשר באַדאַרפט וואַרטען אויף אַן אַנדער פּאַיעזד, וואָס פאָהרט צוריק?... ער האָט זיך געגעסען דאָס האַרץ וואָס ער האָט דעם „טרובאַטשיסט" ניט גע־צייגט זיין אַנגעשריבענעם מאַרשורט. היינט, געה זיי אַ קלוגער אין אַמעריקאַ. אַ טרובאַטשיסט שפּילט דאָ אַ ראָליע פון אַ סמאָט־ריטעל סטאַנציאַי"!... ער האָט אונרוהיג אַריינגעקוקט אין זיין אַנגעשריבענעם מאַרשרוט.

אַן אַמעריקאַנער אידעל האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס פאָהרען גרינע און אַריינקוקענדיג אין'ם פּאַפּירעל האָט ער ליבליך געזאָגט: — מיסטער! איהר דאַרפט טשענדזשען דעם טריין פאַר די סאָבוויי! די פּאָאַר ווערטער „איהר דאַרפט" האָט דוד אונ־טערגעכאַפּט ווי שיריים פון אַ גוטען אידען...

— האָט רחמנות, רעדט מיט מיר אידיש! האָט זיך דוד געבעטען; — נו, איך זאָג דאָך אייך: איהר דאַרפט טשענדזשען די טריין פאַר די סאָבוויי, פאַר די טונעל.

— האָט רחמנות, איך פאַרשטעה ניט היגען לשון!... דער אידעל האָט איינגעזעהען אַז ער וועט זיך ניט קענען מיט איהם צוזאַמענריידען און האָט זיך באַשלאָסען אַרונטערגעהן מיט זיי אויף נעקסטען שטיישען און צופיהרען זיי צום אַריינגאַנג פון סאָבוויי.

— קאָם אָן, דאַונסטעירז, איכ'ל ציגען, יו נאָו, דעם ענטרענס פיר די סאָבוויי!...

דוד האָט מיט אַ רחמנות'דיג פּנים געקוקט דעם אידען אין די אויגען. ווי דער טריין האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט דער אידעל שנעל אַ נעהם געטאָן דוד'ן פאַר'ן האַנד און באַשען אונטער'ן האַנד און איז מיט זיי אַרונטערגעגאַנגען און צוגעפיהרט צום אַריינגאַנג פון סאָבוויי און האָט געפּרובירט אָנזאָגען דוד'ן, וואו

ער זאָל סטאַפּען און ווי אַזוי ער זאָל אויסגעפינען מיסטער זאַגרעבאַלע. דערווייל איז באַשע מיט אַ גרויסע כוואַליע מענשען איינגעשלונגען געוואָרען און מיטגעשלעפּט אין סאָבוויי אַריין און אַ גרויסער שטראָם איילענדע מענשען פון סאָבוויי האָבען ווייט צוריק געשטויסען דוד'ן מיט דעם אידעל פון סאָבוויי אַריינגאַנג און דוד האָט בוכשטעבליך פאַרלאָרען זיין כלה!...

דוד'ן איז איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז דער אַמעריקאַנעץ מוז זיין אַן אַגענט פון די „טייפעלשע הייזער" און אַז ער האָט דאָס איהם אָפּגעשפּילט אַזאַ חתונה, אַז דאָס מוז זיין דער אַריינגאַנג צו דער „אונטערוועלט", וועגען וועלכער ער האָט זיך גענוג אָנגעהערט אויפ'ן שיף... און אַז דער גאַנצער „עם רב" מוזען זיין אַלץ אַגענטען פון דער „אונטערוועלט"!...

דוד איז געוואָרען זעהר פאַרצווייפעלט און מיט גרויס אויפרעגונג האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דעם אַמעריקאַנעץ און האָט איהם מערדערליך געשלאָגען, געריסען מיט די נעגעל, געביסען מיט די צייהן און האָט פאַרצווייפעלט געשריען — מיין כלה גיב מיר אָפּ, דו מערדער איינער! ראַזבאָיניק! אַ דעטעקטיוו מיט אַ פּאָליסמאַן זיינען אָנגעקומען און מ'האָט ביידען צוגענומען אין סטיישאָן הויז און פון דאָרטען האָט מען זיי באַלד צוריק געשיקט מיט עטליכע דעטעקטיווס אויפצוזוכען די פאַרשוואונדענע מיידעל.

דעם גאַנצען טאָג האָבען די דעטעקטיווס געאַקערט מיט'ן נאָז... מ'האָט באַשען ניט געפונען און שפּעט אין דער נאַכט זיינען די דעטעקטיווס מיט דוד'ן געקומען אין בראָנזוויל, האָפענדיג צו געפינען באַשען אין דער היים. זי איז אָבער ווי אין וואַסער אַריין...

אויף מאָרגען האָט דוד ערהאַלטען פון זיין קאָזין, מיסטער זאַגרעבאַלע, אַ בריף פון פאָלגענדען אינהאַלט:

מיין ליבער קאָזין! מיך פרייט זעהר וואָס גאָט האָט דיך געבראַכט קיין אַמעריקאַ. איך האָב דאָס ערפאַהרען דורך אַ זאָנדערבאַרען צופאַל... איך בין נעכטען געפאָהרען אַהיים פון דאַון־טאַון און בין אין סאָבוויי אַריינגעקומען מיט זעהר אַ גרויסען „קראַוד" און אַלע, ווי געוועהנליך אין אַמעריקאַ, האָבען זיך געשטופּט, געאיילט... אַז איך האָב געדאַרפט דורכגעהן די „ווילל", אַזאַ סאָרט

רעדעל, וואו אַלע מוזען באַצאָהלען 5 סענט, איז בעפאָר מיר גע־שטאַנען א פאַרוויינטע, צושראָקענע מיידעל; איך האָב פאַרשטאַ־נען, אַז איהר פעהלט דער ניקעל, האָב איך באַצאָהלט פאַר איהר, און קוים זיינען מיר דורכגעגאַנגען דעם רעדעל האָט דער עולם מיט גרויס אימפעט אונז אַריינגעשטופּט אין טריין אריין!... איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז זי איז א גרינע — און מעהר צוליב איהר שעהנהייט — האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט איהר... עס איז מרי ניט לייכט אָנגעקומען צו באַרוהיגען זי און אריינ־ציהען זי אין א געשפּרעך... זי איז געווען זעהר פאַרצווייפעלט! נאָר ענדליך האָב איך אויסגעפונען ווער זי איז און מיט ווערמען זי איז געקומען... און אַזוי ווי זי איז א „רעגעלע ביוטי" האָב איך זיך אין איהר גלייך פאַרליבט!... אָה, איך האָב אימער גע־טרוימט פון א היימישע מיידעל! נעוועֶר מיינד, מיין ליבער קאָזין, דו וועסט שוין קריגען גוט באַצאָהלט פאַר דעם אריינשמוגלען אין אמעריקא אַזאַ אונשאַצבאַרען ברילליאַנט!... איך וועל דיר אומ־קערען דאָפּעלט אַלע דיינע הוצאות... קומענדען זונטאָג וועל איך קומען מיט באַשען באַזוכען דיך, לויט מיין פאַרשפּרעכען צו איהר. אויב דו ליבסט באַשען אַזוי ווי איך, דאַרפסטו אַליין וועלען זעהען זי גליקליך... איך בין זיכער אַז דו וועסט זי ניט דערקאָנען!... וואָס פּאַסט פאַר א גרינהאָרן אַזאַ דאַלל... אויף וויפיל איך פאַר־שטעה ביז יעצט, וועט זי איינשטימען צו פאַרבלייבען מיט מיר.. מענסט זיך ווינשען פאַרדינען אין א יאָהר וואָס איך וועל אויף איהר „פּאַרספּענדען" די וואָך! דיין ליבענדער קאָזין,

דוד זאַגרעבאַלע.